STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07093

IN GANG FUN DI YORN

David Davis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

DAVID DAVIS

THE PASSING YEARS

MEMORIES OF TWO WORLDS

נדפס בישראל 1974
Printed in Israel

D. DAVIS
1275 Lanier Blvd., N. E.
Atlanta, Ga. 30306
U. S. A.

דפוס „אור" בע"מ ת"א, שד' הר־ציון 104. טל. 822481

דוד דייוויס

אין גאנג פון די יארן

זכרונות

פוןביידע זייטן ים

פאַרלאַג „ניי לעבן"

תשל"ד תל־אביב 1974

דוד דייוויס

ד ו ד ד י י ו ו י ס

☆

אין גאַנג פון די יאָרן

DEDICATED WITH LOVE
TO **MY WIFE RUTH**
AND **OUR THREE DAUGHTERS**

געווידמעט מיט ליבשאַפט
מיין פרוי רחל
און אונדזערע דריי טעכטער

אַנערקענונגען

איך וויל דאָ אויסדריקן מיין טיפע דאַנקבאַרקייט מיין פריינט, חבר און משפחה־מענטש, ישראל פריד.

ערשטנס — פאַר זיין דערמוטיקן מיך צו פאַרשרייבן מיינע זכרונות, און

צווייטנס — פאַר זיין דערמוטיקן מיך, אַז די זכרונות זאָלן דערזען די ליכטיקע וועלט.

עס קומט אויך אַנערקענונג מיין פרוי און מיינע דריי טעכטער, וואָס זענען געווען באַגייסטערט פונעם געדאַנק און האָבן אויך מיטגעהאָלפן ביים שרייבן און פאַרעפנטלעכן די זכרונות.

אַ האַרציקן דאַנק מיין חשובן פריינט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, משה פרייליכאָוו (וואַשינגטאָן), פאַר זיין וואַרעמען אָפּרוף און אינטערעס צו מיינע זכרונות.

ואחרון, אחרון חביב: איך וויל דאָ אויסדריקן מיין טיפן דאַנק און אָנערקענונג פאַר מיין לאַנגיאָריקן פריינט פון אַטלאַנטאַ, דעם אויטאָריטעט, קענער און לערער פון דער אַלטער און מאָדערנער העברעישער שפּראַך, קולטור, און ליטעראַטור — אריה (ליאון) שטיינבערג, פאַר זיין הילף ביים אַרויסגעבן די דאָזיקע מעמואַרן.

ד ע ר מ ח ב ר

פאָרוואָרט

פון משה פריילכאָוו

מיין חשובער פריינט, דוד דייוויס, דער מחבר פון דעם דאָזיקן בוך, האָט מיר צוגעטיילט די פריווילעגיע דורכצולייענען דעם מאַנוסקריפּט;

ס'איז פאַר מיר, באמת, געווען אַ נחת־רוח, און איך וויל זיך טיילן מיט די לייענער מיטן איינדרוק וואָס ס'האָט אויף מיר געמאַכט.

אָנהויבנדיק מיט זיין געבוירן־שטעטל טערניווקע, אוקראַינע, ווי אויך נעמיראָוו און אַנדערע שטעט און שטעטלעך וווּ דער מחבר האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן, מאָלט ער לעבעדיקע בילדער פון זיינע איבערלעבונגען ווי אויך פון אַ ריי יידישע מענטשן — טיפּן פון דער אַלטער היים.

אַבער דער עיקר פון בוך איז דאָס שילדערן אין אַ רעאַליס־טישן, שיינעם און גרינגן סטיל זיינע איבערלעבונגען און דער־פאַרונגען אין די ערשטע „גרינע" עמיגראַנטישע יאָרן, דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

בקיצור, דאָס בוך איז אַ ביז גאָר פיינער צושטייער צו דער מעמואַריסטיק אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, געשאַפן אין צפון־אַמעריקע.

אַחוץ אַנדערע מעלות וועט דאָס בוך אויך נוצלעך זיין פאַר קומענדיקע היסטאָריקער אויף דעם געביט פון דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן לעבן אין די דרום־שטאַטן אין דער „סאָוט", וווּ דער מחבר האָט זיין היים, שוין העכער זעקס צענדליק יאָר.

דער לייענער האָט דאָ ערשט־האַנטיקע לעבעדיקע בילדלעך, געשילדערטע אינפאָרמאַציע פון דער „פּעדלער־פּרנסה"; דעם

פּאָגראָם אויף די שוואַרצע אין יאָר 1906 ; דעם פּאַר יידן טרוי־עריק־באַרימטן לעאָ פרענק עלילת־דם־פּראָצעס וואָס האָט בשעתו אויפגערודערט די גאַנצע יידישע וועלט ; וועגן דער שפּעטערדיקער פּאָליטישער רעוואָלוציע אין דעם לעבן פון די אונטערדריקטע שוואַרצע ; וועגן דעם בהדרגהדיקן וווּקס, עקאָנאָמיש און גייס־טיק, פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעם גרויסן צענטער אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיע, מיט די היינטיקע גרויסע יידיש־שטאָ־טישע אינסטיטוציעס און רעזידענץ פון דעם קאָנסול פון מדינת ישראל.

דער מחבר שילדערט דעם אַמאָליקן אַלטפרענקישן צערעמאָ־ניאַל ביים אויפנעמען נייע מיטגלידער אין דעם ערשטן יידישן „לאָדזש" ביז דעם אויפקום פון דער פּראָגרעסיווער יידישער באַוועגונג — אָרגאַניזאַציעס, צווייגן, די וועלטלעכע קינדער־שולן, די קאָנצערט־טורן אַרויסגעשיקטע פון דעם גרויסן צענטער ניו־יאָרק און די באַזוכן פון אָנגעזעענע יידישע שרייבער, לעק־טאָרן וועלכע האָבן אויפגעהויבן דעם ניוואָ פון יידישן לעבן, אין יענעם אַזוי לאַנג צוריקגעשטאַנענעם טייל פון לאַנד.

דאָס בוך פאַרדינט אַן אמת וואַרעמען אויפנעם !

וואשינגטאָן ד. ק.

אַ שטיקל הקדמה צו אַ ביסל זכרונות

מיר נעמען אָן פאַר נאַטירלעך, אַז ווען אַ מענטש שפּאַנט אַריין אין די 80־קער יאָרן, טוט ער מסתמא אַ טראַכט, אַז אין אַזאַ עלטער הויבט ער שוין אָן צו גיין „פונעם יאַריד״; ער הויבט אָן צו מאַכן אַ חשבון־הנפש, ציט אונטער אַ סך־הכל פון זיינע אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן; עס רעגט אים מסתמא אויך אָן דער פילאָזאָפישער געדאַנק: פון וואַנען קומסטו און וווהין גייסטו אא״וו.

איז נישט קיין חידוש וואָס אויך איך, וואָס האָב די זכיה צו געהערן צו דער „אַכציקער קאַטעגאָריע״, אַז אויך איך טו אָפּטמאָל אַ טראַכט און איך דערמאָן זיך אין אַ פּסוק פון אונדזער אומשטערבלעכן שלום־עליכם: „אַז אַ מענטש איז גע־גליכן צו אַ סטאָליער; אַ סטאָליער לעבט און לעבט, און... און... אא״וו״.

איך כאַפּ אָפּטמאָל אַ קוק אויף צוריק מיט אַן ערך 80—70 יאָר — פון מיינע קינדעריאָרן, אין מיין אוקראַינער שטעטל טערניווקע אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן — ביז איצט. און פאַר די לאַנגע יאָרן דערמאָן איך זיך אין אַזוי פיל איבער־לעבונגען, דערינערונגען, פּאַסירונגען, עפּיזאָדן; און איך האָב אָפּטמאָל דאָס געפיל אַז איך לעב דאָס אַלץ איבער נאָך אַ מאָל; איך ווער אַפילו אָפּטמאָל אָנגערעגט פון אַ געדאַנק און דערפיל אַ חשק אָט די אַלע מיינע איבערלעבונגען אָנצושרייבן אַלס זכרונות און זאָלן זיי בלייבן פאַרצייכנט שוואַרץ אויף ווייס.

אָבער ביי דעם געדאַנק צו שרייבן זכרונות פון מיינע פאַר־גאַנגענע יאָרן דערפיל איך, אַז אין מיין מוח אַנטוויקלט זיך אַ „ויתרוצצו״ פון געדאַנקען, דהיינו: איין געדאַנק צעטענהט זיך

אַזוי: וואָס פאַר אַ ציל און צוועק שטעלסטו זיך מיט דיין וועלן פאַרשרייבן דיינע זכרונות? זיכער דענקסטו דאָך נישט אַז דיינע געשריבענע מעמואַרן זאָלן ערגעץ ווו זיין געדרוקט און פאַר־עפנטלעכט; מחמת, ערשטנס, זאָגסטו דאָך אַליין אַז צו דעם געדרוקטן וואָרט דאַרף מען האָבן אָפּשיי און דרך־ארץ; און דער עיקר, אַז שרייבן פאַר דער וועלט פאָדערט אייגנגעבוירענעם טאַלאַנט און וויסן; און בנוגע טאַלאַנט, וויסן וכדומה — זאָגסטו דאָך אַליין אַז דו ביסט אַ „יודע — שאינו יודע", און דו חלומסט אפילו נישט, אַז דיינע געשריבענע זכרונות זאָלן דערזען די ליכטיקע וועלט; איז צוליב וואָס און צוליב וועמען דיין גאַנצע אַרבעט און טרחה פון שרייבן זכרונות?

קומט אַ צווייטער געדאַנק און לייגט אַוועק אַזעלכע טענות: קודם־כל, וואָס שטעלסטו דאָ איין, און וואָס קענסטו דאָ פאַר־לירן? פרייע צייט האָסטו דאָך איצט און זאָגסט דאָך אַליין אַז ווען דו טוסט אַ קוק צוריק אויף דיינע פאַרגאַנגענע יאָרן, און וואָס דו האָסט אין זיי דורכגעלעבט — דערפילסטו אַ פאַר־לאַנג און אַ חשק זיי צו זען פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס... איז וואָס זשע נאָך קען זיין בעסער אויסצופילן דיין פרייע צייט מיט אַזאַ אינטערעסאַנטע אַרבעט ווי פאַרשרייבן דיינע אייגענע איבערלעבונגען? און נאָך אַ וויכטיקער פונקט, טענהט ווידער דער צווייטער געדאַנק, ווען דו זאָלסט באַשליסן זיך צו נעמען שרייבן דיינע זכרונות, וואָלסטו דאָך זיכער אָנגעפאַנגען פון דיינע ערשטע קינדעריאָרן און פונעם שטעטל אין וועלכן דו ביסט געבוירן און דערצויגן געוואָרן — אָט דאָס שטעטל וואָס עקזיס־טירט שוין מער נישט, ווי אַלע אַנדערע אוקראַאינישע יידישע שטעטעלעך פון אונדזער דריטן חורבן — טאָ זאָל דיין שטעטל טערניוווקע אויך ערגעץ אומדירעקט דערמאָנט ווערן, אַפילו נאָר אין אַן אַרכיוו, פאַר דיר אַליין, און אפשר וועט אַ מאָל אַן אויג פון אַ היסטאָריקער, אַ פאָרשער, כאַפּן אַ קוק אויף דיין טערניוווקע און וועט עס אויך אַריינגעמען אינעם כלל, אינעם „יד־ושם", פון אַלע אַנדערע חרובע אוקראַאינישע יידישע שטעט, שטעטלעך. דאָס אַליין וואָלט דאָך שוין די וווערט געהאַט, די טרחה פון פאַרשרייבן דיינע זכרונות. און נאָך עפּעס — טענהט אַלץ אָט דער צווייטער געדאַנק: דו אַליין טראַכסט אָפּט וועגן

דעם, אַז עס עקזיסטירט אַ מין מחיצה, אַ פּרעמדקייט צווישן עמיגראַנטישע עלטערן און זייערע קומענדיקע דורות, ווי קינדער, קינדס־קינדער, און אַוודאי קינד־קינדס־קינדער; אָט די דאָזיקע צווייטע, דריטע, און פערטע דורות קוקן אויף זייערע עמיגראַנטישע עלטערן מיט פראַגע־צייכנס אויף זייערע פּנימער: ווער זענען זיי? פאַרוואָס זענען זיי אַנדערש? פון וואַנען שטאַמען זיי? אא״וו. — און די דאָזיקע פראַגן ווערן אַממערסטן פאַר זיי נישט פאַרענטפערט. דענקסטו נישט, אַז ווען עמיגראַנטישע עלטערן זאָלן אין זייערע עלטערע יאָרן פאַרצייכענען אין זייערע זכרונות זייער אָפּשטאַם, זייערע אַמאָליקע תקופות און סביבה פון וועלכע זיי האָבן עמיגרירט אָדער אַנטלאָפן, וואָלט געווען אַ קוואַל פון אינפאָרמאַציע פאַר זייערע אייגענע קומענדיקע דורות אויך, און זיי וואָלטן געפונען אַן אינטערעס אַריינצוקוקן אין זייערע עלטערנס פאַרגאַנגענהייט?

קורץ: אָט דער צווייטער געדאַנק האָט באַקומען די אויבערהאַנט אויף מיין באַשלוס זיך צו נעמען פאַרצייכענען מיינע מעמואַרן. אָבער איידער איך נעם זיך צום דאָזיקן ענין וויל איך דערקלערן אָט וואָס:

איך האָב אַ מאָל, נאָך צוריק מיט יאָרן, געלייענט אַ בוך געשריבן פון דעם יידישן קינסטלער־אַקטיאָר אַלעקסאַנדער גראַנאַך. דער תוכן פון זיין בוך איז געווען זיין אייגענע אויטאָביאָגראַפיע, און דעם בוך האָט ער אַ נאָמען געגעבן: „אָט גייט אַ מענטש״.

אָט אַזאַ כאַראַקטער טראָגט מיין צוגאַנג צו מיינע געשריבענע זכרונות — אָט גייט אַ מענטש — אַ פּשוטער, אַן „עמך״, אָן קיין פּרעטענזיעס אויף שרייבקונסט, טאַלאַנט אָדער עפּעס וואָס ענלעכעס.

עד כאן די הקדמה. און איך נעם זיך צום בראשית פון מיין לעבן.

דוד דייוויס

שטאט נומער איינס -
טערניווקע

☆ ☆ ☆

איך האָב אַלע מיינע עטלעכע און אַכציק יאָר מערסטנס געלעבט אין די פאָלגנדיקע דריי שטעט:

שטאָט № 1 — אין דער אוקראַינע (רוסלאַנד), אינעם שטעטל טערניוועקע, מיינע קינדערשע און יינגלשע יאָרן;

שטאָט № 2 — אין דער שטאָט נעמיראָוו, אויך אוקראַינע (רוסלאַנד); מיינע דערוואַקסענע, בחורשע יאָרן, ביזן פּריזיוו.

שטאָט № 3 — אַלע מיינע מיטעלע און עלטערע יאָרן עד היום, אין אַמעריקע, אינעם שטאַט דזשאָרדזשיאַ, אין דער שטאָט אַטלאַנטאַ.

קאַפּיטל 1

שטאָט נומער איינס

איז יעמוד... מיין געבוירן־שטעטל טערניוועקע, און ווי איך געדענק עס:

מיין געבורט־שטעטל טערניוועקע, דאָס שטעטל אין וועלכן איך האָב דורכגעלעבט מיינע קינדער און יינגלשע יאָרן, און אין וועלכן די יידישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אַן ערך 3—2 הונדערט משפחות, איז אין גאַנצן לעבנסשטייגער, כמעט, געווען ענלעך צו אַלע אַנדערע יידישע שטעטלעך אין דער אוקראַינע וואָס זייערע נעמען ענדיקן זיך מיט אַ „קע", ווי: לאַדיזשינ־קע, ראַכמעסטריוו־קע, קאַמינ־קע, זשמערינ־קע, וואַרשיליוו־קע, סוקאַליוו־קע און נאָך און נאָך. און אַזוי אויך מיין שטעטל טערניוו־קע. אונדזער שלום־עליכם האָט די אַלע שטעטלעך אַרומגענומען מיט ליבשאַפט און זיי אַלע געקרוינט מיטן איינעם נאָמען — כתרילעווקע...

איך האָב געזאָגט „כמעט", מחמת עס זענען אויך געווען אויסנאָמען —

אויך גרעסערע יידישע שטעט אין אוקראינע. אַזאַ אויסנאַם איז געווען דאָס שטעטל, אָדער ריכטיקער, די שטאָט נעמיראָוו, די צווייטע שטאָט אין דער אוקראינע אין וועלכער איך האָב געלעבט אייניקע יאָר. און וועלכער איך וועל באַשרייבן באריכות שפּעטער אין מיינע זכרונות.

אינעם שטעטל טערניווקע זענען געווען זייער אַ קליינע צאָל אַנגעזעענע יידן, וועלכע מען האָט גערופן ביי די ערשטע און אויך ביי זייערע פאַמיליע־נעמען. איך געדענק זיי נאָך איצט — מען קאָן זיי איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט — חיים טאָקמאַן, משה נחום גאַרעדיעצקע, מנשה באַרדיטשעווסקע, אברהם קויפמאַן און אפשר נאָך אַ צוויי־דריי. דאָס זענען געווען יידן סוחרים, די סאַמע פּני פון שטאָט. יידן מיט דער מאה און אויך מיט דער דעה. אָבער די גאַר־גאַר גרויסע מערהייט יידן וואָס מען פלעגט זיי, כמעט, אַלע רופן ביי זייערע ערשטע נעמען זענען באַשטאַנען פון „עמך"־מענטשן — בעלי־מלאכות, קצבים, מעקלערס, קליינע קרעמער, טאַנדייטניקעס, יאַרידניקעס, בעלי־עגלות, מלמדים, כלי־קודש, פערד־הענד־לער, און סתם קבצנים און שלינג־און שלאַנג יידן. און נעמען האָבן זיי כמעט אַלע געהאַט דריי־גאַרנדיקע. אויף נעמען זענען די טערניווקער יידן נישט געווען קאַרג. איך געדענק נאָך ביז איצט אייניקע פון זיי: בעניע־לייבעלע גדליהס, יאַנקל־מאָטל פּיניס, חיים־הירש אהרן שמחהס, עלי־רבקה שייע־שמילס. מיך אַליין האָט מען גערופן דוד־מאָטל יודל־יאָסיס, אאַ"וו. עס זענען אויך געווען יידן מיט צונעמען, און מען האָט זיי געקענט און גערופן לויט זייער טועכץ און פּרנסה, ווי חיים־משה דער באַקאַלייניק; מנשה־שמיל דער שניט־קרעמער; גדליה־נעכעס דער „מאַכעטווינעק" (מוכר תבואהניק); יאַנקל־נאַטע דער טאַנדייטניק; דער און דער... דער זאַליאַזניק; דער מוטשניק; דער וואַסערפירער; דער בעל־עגלה אאַ"וו.

עס זענען אויך געווען אַזעלכע יידן אין שטעטל וואָס זענען געווען באַקאַנט און מען האָט זיי גערופן לויט זייערע פיזישע און קערפּערלעכע חסרונות, ווי אברהם־איצי דער קרומער, דער בלינדער, דער האַרבאַטער, דער קורצער, דער לאַנגער. געווען אויך אַזעלכע וואָס זענען געווען באַקאַנט לויט אַזעלכע צונעמען וואָס איך ווייס עד היום נישט פאַרוואָס מען האָט זיי אַזוי גערופן. ווי: חיים־איציק שמויגער, יעקב־עלי שמיגעגע, שלמה־דוד פלאַם, נפתלי לאַמפּוצער, און נאָך אַזעלכע מאָדנע משונהדיקע נעמען וואָס איך קען נישט פאַרשטיין זייער באַדייט. אָבער אַזוי האָט מען זיי גערופן.

אין טערניווקע האָבן זיך אויך געפונען יונגע בחורים, וועלכע פלעגן

אַנטלויפֿן אין גרעסערע שטעט זוכן דאָס וואָס זיי האָבן אין טערניווקע נישט געקענט דערגרייכן. אָפּטמאָל פֿלעגט איינער זיך אַראָפּכאַפּן צוריק אין שטעטל צו זיין משפחה אויף אַ יום־טוב. ער פֿלעגט קומען מיטן פּאָטער אין קלויז אַריין שבת אָדער יום־טוב, אַן אויסגעפּוצטער, אין אַ קורץ רעקל, און אויפֿן קאָפּ אַ שליאָפּע אַנשטאָט אַ היטל מיט אַ דאַשיק ווי אַלע פֿלעגן טראָגן אין טערניווקע. ער האָט געקראָגן אַן עליה, און אַלע, איבערהויפּט די יונגע בחורים, האָבן געקוקט אויף אים מיט אָפּשיי און מיט קנאה.

קאַפּיטל 2

דאָס גייסטיקע לעבן פֿון די טערניווקער יידן

בכלל קען מען זאָגן, אַז יידן אין טערניווקע האָבן זיך אַממערסטן מפרנס געווען איינער פֿון צווייטן. מיטן גוי פֿלעגט מען נאָר האַנדלען איין דינסטיק, אין צוויי וואָכן, אויפֿן טערניווקער יאַריד. מען האָט זיך אויך משדך געווען איינער מיטן צווייטן. און, יאָ, אַפֿילו געגנבעט איינער ביים צווייטן.

איך געדענק איינעם אַ יידן מיטן נאָמען הירש־בער, אַ ייד אַ ריז. אָט דער הירש־בער איז געווען דער אָנפֿירער פֿון אַ חברה גנבים, און נאָך יעדער גנבה וואָס האָט פּאַסירט אין שטאָט האָט מען שוין געוווסט, אַז מען מוז דורכקומען מיט הירש־בערן, כדי צו קריגן צוריק די אַרויס־געגנבעטע סחורה פֿון קראָם, אָדער די פֿערד פֿון שטאַל. און מאָדנע, ווי איך געדענק נאָך איצט, האָט גראָד אָט דער זעקספּודיקער ייד מיט די ברייטע פּלייצעס און זיין קויל־שוואַרצער באָרד זיך פֿאַרדינט אין שטאָט אַ רעפּוטאַציע אַלס אַ לייטישער און גוטהאַרציקער מענטש; מחמת ס'איז געווען באַוווסט, אַז ער פֿלעגט אַ סך אַרויסהעלפֿן די אַלע אין שטאָט פֿאַרשטויסענע און פֿאַרגעסענע פֿון די הינטערגעסלעך. ער פֿלעגט זיך אויך כסדר ברייט אָפּרופֿן מיט מנדב זיין ווען יידן פֿלעגן קלייבן געלט פֿאַר מעות־חטים, פֿאַר מצות, פֿאַר די אָרעמע אין שטאָט; אָדער ווען ווייבער פֿלעגן קלייבן פֿאַר הכנסת־כלה, און פֿאַר נאָך אַזעלכע שטאָט־אונטערנעמונגען. כאָטש אַלע אין שטאָט האָבן געוווסט ווער ער איז און וואָס ער איז — האָט קיינער אויף דעם אַפֿילו נישט מרמז געווען, און

אַפילו נאַטשאַלסטווע האָט זיך וועגן אים נישט געמאַכט וויסנדיק. ווען איך דערמאָן זיך אין אים, איצט, אין דעם יידישן אונטערוועלט־פירער פון צוריק מיט אַן ערך פינף און זיבעציק יאָר אינעם שטעטל טערניוועקע — ווילט זיך מיר אים פאַרגלייכן מיט די לעגענדאַרע באַנדע־פירערס „ראָבין־האָד" און „דזשעסי דזשיימס", וועלכע ווי די לעגענדע גיט אָן פלעגן זיי באַרויבן די רייכע און געבן די אָרעמע.

דער גייסטיקער לעבן פון די טערניווקער יידן האָט זיך מערסטנס קאָנצענטרירט אין און אַרום די דריי בתי־תפלה: די קלויז, דאָס בית־המדרש און די גרויסע שול.

אין די שבתים און יום־טובים זענען די בתי־תפלה געווען איבערפולט, און אין די אַנדערע טעג פון וואָך פלעגן בחורים, יונגעלייט, איידעמס אויף קעסט און סתם יידן זיצן און לערנען, שמועסן, חקירן זיך מכוח וועלט־זאַכן, אַן אַ ציל און אָן אַ צוועק. איך אַליין האָב זיך דאָרטן אויך אַ שטיקל צייט געפונען, וואָס איך וועל שפּעטער דערמאָנען. אין די בתי־תפלה פלעגן אויך גערעדט און אויסגעאַרבעט ווערן די שטאָט־פּאָליטיק, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָנשטעלן אָדער איבערבייטן אַ שוחט, אַ חזן, אַ רב, אַ דיין, אַ גבאי, אַ שמש, אאַ"וו. פלעגן זיך כמעט כסדר שאַפן צדדים, קריגערייען, געפילדערייען. די קולות פלעגן דערגרייכן עד לב השמים, און גאַנץ אָפט פלעגט עס אַפילו האַלטן ביי פּעטש, און לויפן צום פּריסטאַוו. בכלל אָבער קען געזאָגט ווערן האָבן די יידן אין טערניווקע, ווי אויך אין אַלע אַנדערע אוקראַאינער שטעטלעך געפירט אַ גאַנץ אייגנ־אַרטיקן און זעלבשטענדיקן לעבנס־שטייגער. ס'האָט אויף זיי נישט געקאָנט האָבן קיין השפּעה די אַרומיקע פּויערישע, דאָרפישע סביבה וואָס איז קולטורעל געשטאַנען אַ סך נידעריקער פונעם יידישן שטאָט־לעבן.

כאָטש אין יענער צייט, אין דער תקופה פון וועלכער איך רייד איצט, פונעם יאָר פון מיין געבורט 1884 ביזן יאָר 1900, ווען איך האָב פאַרלאָזט טערניווקע — האָט זיך שוין אין אַנדערע גרעסערע יידישע שטעט אין דער אוקראַינע געהערט און געפילט די סימנים פון דער השכלה, איז אָבער אין מיין טערניווקע נישט געווען דעמאָלט קיין סימן, קיין רמז פון דער נייער, יידישער און העברעישער קולטור און ליטעראַטור. אַ מאָל, אַ מאָל ווען אַ טערניווקער ייד פלעגט קומען צוריק פון אַ גרויסער שטאָט, און ברענגען — ווי אַן אַנטיק — אַ העברעישע צייטונג, „המליץ" אָדער „הצפירה", פלעגט די צייטונג אַרומשפּאַצירן איבער דער שטאָט פון האַנט צו האַנט אַלס חידוש און אַ געשעעניש. די איינציקע „ספרים חיצוניים"

וואָס איך געדענק פון יענער צייט וואָס יידן פלעגן זען אין טערניוווקע זענען געווען ספרים, ביכלעך און אַנדערע מכשירים; ווען אַ ייד אַ מוכר־ספרים, אָדער ווי מען פלעגט אים אָממערסטן רופן, דער „פּאַקן־טרעגער״, וואָס פלעגט איין מאָל אין יאָר אַראָפּקומען קיין טערניוווקע. ער פלעגט אָפּלייגן זיין סחורה אין קלויז, ווו דער שמש האָט אים אָפּגעגעבן אַ שטיקל פּלאַץ ביים פּאָליש, אין אַ ווינקל. ער פלעגט אויסשפּרייטן אַ ברעזענט אויף דער פּאָדלאָגע און אויסלייגן זיין „גייסטיקן״ באַגאַזש וואָס איז באַשטאַנען פון שמרס מעשה־ביכלעך, בריוון־שטעלערס, לוחס, ביכלעך מיט אינפאָרמאַציע ווען מען בענטשט ראש־חודש, דעם מולד, קדוש־לבנה מיט גרויסע אותיות, תנ״כעלעך און מגלת אסתרס. ער פלעגט אויך פאַרקויפן ציצית, גאַרטלען, יאַרמולקעס, סדורים, מחזורים און נאָך און נאָך פון דעם מין.

און אָט, אין אָט דער סביבה און אין דעם לעבנס־שטייגער האָב איך אָפּגעלעבט די ערשטע 16—15 יאָר פון מיין לעבן. איידער אָבער איך פאַרנעם זיך ווייטער מיט מיינע זכרונות, וועט עס זיין אַן עוולה פון מיר בנוגע מיין טערניוווקע, אויב איך וועל נישט דערמאָנען דעם פאַקט, אַז אין פאַרלויף פון 15—10 יאָר נאָך מיין פאַרלאָזן טערניוווקע, פלעג איך אָפּנעמען גרוסן, אַז די השכלה־ווינטן האָבן שוין פאַרבלאָזן אַפילו קיין טערניוווקע. ווען איך בין שוין געווען אין אַמעריקע פלעג איך הערן פון אַ נייער טערניוווקע. שוין נישט דאָס פּראָווינציאַנעלע, פּרימיטיווע שטעטל. נאָר שוין מיט אַלע אַטריבוטן פון אַ מאָדערנער יידישער שטאָט, מיט אַ מאָדערנעם יידישן חינוך, שולן ווו ס׳איז געלערנט געוואָרן עברית־בעברית, אויך למודים פון דער רוסישער שפּראַך; צוויי גרויסע ביבליאָטעקן אין וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען ביכער פון אַלע העברעישע, יידישע און רוסישע קלאַסיקער. ס׳פלעגן אויך אָפּט אַראָפּקומען, פון גרעסערע שטעט, טעאַטער־טרופּעס און געבן פאָרשטעלונגען.

בקיצור, גאָר אַן אַנדערע טערניוווקע ווי אין מיינע יאָרן. אָט דער קולטור־אויפלעב האָט אָנגעהאַלטן ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביז די טעג פון רעוואָלוציע, בירגער־קריג, אַלערליי באַנדעס, פּאָגראָמען, ביז — ביז דעם גרויסן נאַצי־חורבן מיטן טאָטאַלן אונטערגאַנג פון מיין שטעטל טערניוווקע.

קאַפּיטל 3

מיינע קינדעריאָרן אין טערניוווקע

איך בין געבוירן געוואָרן אין טערניוווקע אין חודש אויגוסט 1884, און אין עלטער פון 7—6 יאָר בין איך געבליבן אַ יתום, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. מיינע עלטערן געדענק איך קוים. מיר זענען געבליבן פיר קינדער, דריי יינגלעך — מיין עלטערער ברודער פון מיר מיט צוויי יאָר — משה, אַ שוועסטערל חוה, איך און דאָס יינגסטע ברודערל — יאָסל.

צווי פון אונדז, איך און מיין ברודער משה, זענען געבליבן ביים זיידן פון אונדזער פאָטערס צד, אין טערניוווקע. מיין שוועסטער און דאָס יינגסטע ברודערל יאָסל — ביים זיידן פון דער מוטערס צד, אין אַ שטעטל מיטן נאָמען ראַשקעוו, אויפן גרענעץ לעבן רומעניע.

דערצויגן האָב איך זיך ביים זיידן, מיין פאָטערס פאָטער, אַ ייד אַ חכם און אַ גוטהאַרציקער, אָבער אַ בייזער און אַ שטרענגער. מעגלעך, אַז די סיבה פון זיין נערוועזער בייזקייט האָט זיך גענומען דערפון וואָס דעמאָלט, אין מיינע קינדערשע יאָרן, זייענדיק ביים זיידן, האָט ער גענומען זיין צווייטע ווייב, וועלכע איז געווען אַ שלאַק, אַ מרשעת, אַ קריגערישע, אַ בייזע. זי האָט פאַרוואַנדלט די שטוב אין אַ גיהנום.

דער זיידע איז די מערסטע צייט נישט געווען אין שטאָט. ער איז געווען אַ פאַרשטייער פון גרויסע סוחרישע פירמעס אין דער גרויסער שטאָט אומאַן, נישט ווייט פון טערניוווקע, פירמעס וועלכע פלעגן עקספּאָר־טירן אַלערליי תבואות קיין אויסלאַנד. דער זיידע פלעגט אַרומפאָרן איבער די גרויסע פּריצישע מאַיאָנטקעס צו פאַרהאַנדלען מיט די פּריצים וועגן דעם וואָס זיי האָבן צו פאַרקויפן, אַזוי אַז דער זיידע איז נאָר געווען אין דער היים שבתים און יומטובים, און אַנדערע יומא־דפגראס. אין שטאָט פלעגט מען זאָגן, אַז דער זיידע האַנדלט מיט „זאַגראַניצע", און דאָס אַליין האָט דערהויבן זיין חשיבות אין שטאָט.

איך געדענק נאָך איצט וואָס פאַר אַ אָפּקומעניש ס'איז געווען פאַר מיר צו קומען „אהיים" פון חדר ווען דער זיידע איז נישט געווען און הערן דאָס מענה־לשון פון דער שטיף־באָבע.

איך געדענק נאָך איצט ווי איך פלעג מקנא זיין די יינגלעך אין מיין עלטער, קומענדיק פון חדר. מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט און פריילעכקייט זיי פלעגן באַגעגנט ווערן פון זייערע מאַמעס. נאָך איצט דערמאָן איך זיך

ווי איך פלעג זיך אַרומבלאָנקען אין די גאַסן, אין געסלעך אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק כדי וואָס שפּעטער צו קומען „אַהיים".

מיין חדר־גאַנג איז, פאַרשטייט זיך, געווען ווי ביי אַלע יידישע קינדער אין די שטעטלעך. פריער ביים דרדקי־מלמד, און נאָך אַ פּאָר יאָר צו אַ מלמד פון חומש מיט רש"י, און צו 13—12 יאָר ביי אַ גמרא־מלמד. די מלמדים פלעגן זאָגן דעם זיידן, אַז גראָד פאַרמאָגט ער — אויף מיר הייסט עס — אַ „גוט קעפּל", אָבער... וואָס דער „אָבער" האָט באַדייט, האָב איך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען. איך האָב אַ מאָל זיך צוגעהערט צו אַ געשפּרעך פונעם זיידן מיט מיין גמרא־מלמד, ר׳ משה־יאָסי וואָלפּס. די זעלבע מעשה: ער — איך, הייסט עס — האָט אַ גאַנץ פיינע תפיסה, און נאָך אַמאָל, „אָבער", מיט עפּעס אָפּגעהאַקטע, האַלבע, נישט פאַרענ־דיקטע ווערטער ווי: נו ס׳קען מען טון, גיי מאַך, אַזוי איז׳ס, אַוודאי ? היים מיינט אַ סך, און נאָך אַ מאָל „אָבער".

שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך פלעג זיך דערמאָנען אין יענע צייטן האָב איך שוין גוט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון יענע „אָבערס".

ביים גמרא־מלמד בין איך שוין געווען אַ יינגל פון 14—13 יאָר. געוואָרן בר־מצוה בין איך צו 12 יאָר, מחמת אַזוי איז דער דין, אַז אַ יינגל איז אַ יתום — אַ קיילעכדיקער יתום — ווערט ער בר־מצוה מיט אַ יאָר יינגער פון 13. און דער זיידע האָט געזאָגט דעם ברוך שפּטרני. און טאַקע זיצנדיק ביי דער גמרא האָב איך שוין אָנגעהויבן צו דערפילן אַז אין מוח גריבלט זיך, באַמבלט זיך, און ס׳דרייען זיך אַרום געדאַנקען וואָס האָבן קיין שייכות נישט מיטן ענין „שור שנגח". די געדאַנקען דרייען זיך אַרום איין־איינציק וואָרט — תכלית! איך האָב אָנגעהויבן צו דערפילן און פאַר־שטיין, אַז דער „שור שנגח", און די „ביצה שנולדה", און די אַנדערע למודים פון די „בבות" ב"ק, במ"צ, ב"ב — שטעלן מיך נישט צופרידן. אָבער וואָס מיינט עס אַזעלכעס תכלית? וואָס באַדייט עס? וווהין פירט עס? פון וואַנען הייבט מען אָן? וואָס וויל איך? און דער תכלית־געדאַנק האָט מיך שוין נישט צורו געלאָזט. איך האָב אָנגעהויבן צו מאַכן אַ פאַר־גלייך צווישן מיר און אַנדערע יינגלעך אין מיין עלטער, אויך גמרא־יינגלעך, וואָס האָבן אַ היים, זענען מיט זייערע עלטערן און קענען שפּעטער העלפן, אָדער אַפילו איבערנעמען זייערע עלטערנס באַשעפטי־קונג ווי צ. ב. קרעמער, בעל־מלאכות, יאַרידניקעס, אָבער איך — וואָס דערוואַרט מיך? איך זאָל קענען אַ מאָל אַריין אינעם זיידנס געשעפט — איז דאָך אויסגעשלאָסן, דער זיידע האָט זיך דערשלאָגן צו דעם וואָס ער

טוט איצט, ווען ער איז שוין געווען אַ טאַטע פון קינדער און אַ זיידע פון אייניקלעך. און נאָך דעם ערשט, ווען ער איז אַראָפּ פון זיין שווערס אייניקע יאָר אומזיסטע קעסט האָט אים געגומען יאָרן ביז ער האָט זיך מיט זיין חכמה און אַלס וואָרט־מענטש דערשלאָגן צו אַ פאַרדינטן נאָמען, אַז סיי פּריצים פון גרויסע „אימעניעס" און סיי די אומאָגנער סוחרים זאָלן האָבן צו אים צוטרוי. אַזוי פלעגט דער זיידע אַליין דערציילן. איז ווו קען איך אַפילו טראַכטן איך זאָל ווען עס איז קענען נעמען אַן אָנטייל אין זיידנס געשעפטן? איז דער געדאַנק אַליין — צו זיצן און זיך גריבלען אין דער גמרא, עסן „קעסט" ביי דער שטיף־באָבע און וואַרטן אויף עפּעס אַ נס — האָט מיך ממש געשווידערט דאָס וואָרט „תכלית".

ווען איך פלעג פון דעם טראַכטן — ווי איך געדענק נאָך איצט — האָט מען געמיינט אַרבעט, פאַרדינען, פּרנסה, קאַריערע. איך האָב באמת אַליין נישט געוווּסט צו וואָס איך שטרעב, וואָס איך וויל — איך האָב אָבער געוווּסט און געפילט, אַז ס'איז מיר ענג, נישט גוט, אין דעם אַרום וואָס איך געפין זיך, כ'האָב געוואָלט לויפן, אַנטלויפן, זיך ראַטעווען — וווהין?... צוליב וואָס?...

ס'איז מיר אַפילו אָפּטמאָל געקומען אויפן געדאַנק אַ פּלאַן, אַז אפשר זיך לערנען עפּעס אַ מלאכה? אָבער אָט דעם געדאַנק האָב איך גלייך פון זיך פאַרטריבן. מחמת איך האָב דעם זיידן נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין יסורים און בזיונות. איין קליייניקייט! דער זיידע איז געווען אַ חשובער און אָנגעזעענער בעל־בית אין שטאָט און ביי אַזאַ יידן ווי יודל יאַמפּאָלסקי זאָל זיינס אַן אייניקל ווערן אַ בעל־מלאכה, אָדער ערגעץ־ווו אַ פּריקאַש־טשיק, אַ משרת אין אַ קראָם, אַזאַ זאַך וואָלט אין יענע צייטן און אין יענע שטעטלעך געווען ווי האָבן אַ משומד אין דער משפּחה.

אגב יודל יאַמפּאָלסקי איז געווען דעם זיידנס נאָמען. איז, פאַרשטייט זיך, מיין נאָמען אויך געווען יאַמפּאָלסקי ד. י. פרעגט זיך אַ קשיא: וואָס פאַר אַ סמיכות־הפרשה דער נאָמען יאַמפּאָלסקי — צו מיין איצטיקן נאָמען ד. דייוויס? — וועל איך דעם ענין אויפקלערן שפּעטער אין מיינע זכרונות.

איך האָב מיטן זיידן, אין יענער צייט, קיינמאָל נישט גערעדט און נישט דערמאָנט מיינע תכלית־געדאַנקען. ווען איך האָב מיט אים יאָ איין מאָל פאַרפירט אַ שמועס איז געווען וועגן דעם וואָס איך האָב אים דערקלערט, אַז איך זע נישט אין די פּעולה און פּראַקטישקייט פון מיין לערנען גמרא מיט ר' משה־יאָסי וואָלפס, אַז איך קען די זעלביקע למודים אַליין לערנען אין קלויז. איך האָב אָנגערופן אייניקע יינגלעך אין מיין

עלטער וואָס לערנען אַליין דאָרטן, עס לערנען דאָרטן אויך עטלעכע יונגע־לייט וועלכע, ווי איך האָב אויסגעפונען, זענען זייער צופרידן ווען די יינגערע יינגלעך ווענדן זיך צו זיי מיט עפּעס פאַר זיי אַ שווערן ענין און זיי, די עלטערע, זענען צו יעדער צייט גרייט זיי אויסצוהערן און אַרויסצוהעלפן.

געריכט האָב איך זיך, אַז דער זיידע וועט אַפילו נישט וועלן הערן וועגן מיין פּלאַן, אָבער כ׳בין באמת געוואָרן איבערראַשט ווען דער זיידע האָט גלייך צוגעשטימט, באַמערקנדיק, אַז פון די עלטערע יונגעלייט וואָס לערנען אין קלויז „...וועסטו אפשר אַרויסקריגן מער ווי דו טוסט אויף מיט ר׳ משה־יאָסי וואָלפּס״.

און דער זיידע איז געווען גערעכט. איך האָב טאַקע אַ סך אַרויסגע־קריגן פון אַנדערע, פון עלטערע, אָבער גאָר אין אַן אַנדער שטייגער, גאָר אין אַן אַנדער דרך, אין אַן אַנדער ריכטונג — אָט די ווענדונג, מיין אַרויסגיין פון רשות פון פּריוואַטן מלמד און איבערגיין אין קלויז צו אַ געזעלשאַפט פון עלטערע בחורים און יונגעלייט איז געווען אַן איבער־ברוך אין מיין טערנ־יוועקער לעבנס־שטייגער. אָט דער איבערבייט האָט גורם געווען און אָנגעוויזן פאַר מיר אַ גאַנץ נייעם וועג אין לעבן אין מיין שטאָט נר. 2 — נעמיראָוו.

ווי אַזוי דאָס איז געשען, וועל איך דערקלערן אין מיינע ווייטערדיקע זכרונות.

קאַפּיטל 4

מיינע אייניקע יאָרן אין קלויז

און אָט אַזוי בין איך מיט אַ מאָל באַפרייט געוואָרן פון מיין פּריוואַטן גמרא־מלמד, פון אַ שטיבל דלד־על־דלד, און פון אַן אַנגעבלאָזענער רביצן, די משה־יאָסי וואָלפּיכע, וואָס פלעגט מיך דערמאָנען אין מיין שטיף־באָבע און איר מענה־לשון.

איך בין אַריין אין קלויז אַלס איינער צווישן אַנדערע בחורים, עלטערע, אַפילו אייניקע שוין באַווייבטע. עס האָט מיר נישט לאַנג גענומען צו ווערן היימיש מיט אַלע, געשמועסט מיט זיי מכוח מיינע למודים אדג״ל. דעם אמת זאָגנדיק געדענק איך נאָך איצט, אַז דער איבערגאַנג פונעם פּריוואַטן

גמרא־מלמד צו מיין זעלבסטשטענדיקן אַליין לערנען זיך אין קלויז האָט מיך ביז אַ געוויסן גראַד צופרידן געשטעלט. אָבער טאַקע נאָר ביז אַ געוויסער מאָס. מחמת דער געדאַנק פון וואָס ווייטער, אַט דער תכלית־געדאַנק האָט מיך אויך אין קלויז פאַרפאָלגט, טאַקע ווייל אין קלויז, זעענדיק פאַר זיך שוין די עלטערע און באַבערדלטע און באַווייבטע יונגע־לייט, זייער אַרט־לעבן, זייער אַרומדרייען זיך אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק, פּוסט און פּאַס, שלינג און שלאַנג, דערשלאָגענע און פאַרלוירענע. קוקנדיק אויף זיי פלעג איך אַריינפאַלן אין אַ מרה־שחורה און אין אַ באַזאָרגטער שטימונג. ס׳פלעגט מיך באַפאַלן אַ פּחד טראַכטנדיק אַז טאָמער, חלילה, פּירט עס מיך אויף זייערע דרכים.

שפּעטער, מיט אַ סך יאָרן, האָב איך ערשט ריכטיק באַנומען יענע צייט וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די קלויזניקעס, לייענענדיק אברהם רייזענס „מאַי־קאַ־משמע־לן דער זייגער״, א״א.

איך האָב פריער דערמאָנט, אַז אייניקע בחורים, קלויזניקעס, פלעגן אָפּטמאָל פאַרלאָזן, טאַקע ממש אַנטלויפן פון טערניוקע ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט צו אַ קרוב, אַ פּריינט, אַ באַקאַנטן און זיין אַ שטיקל צייט, קומען צוריק מיט אַ באַזוך — און איר האָט פאַר זיך געזען גאָר אַן אַנדער מענטש. אַוועק איז ער אַן אָפּגעלעבטער, אַ פאַרלוירענער, אַ פאַרגליווער־טער און געקומען צוריק אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער — אינערלעך און אויסערלעך; אַן אויסגעפּוצטער, אַ באַרעדעוודיקער — ס׳איז געווען אַ מחיה צו קוקן אויף אים און רעדן מיט אים. אַט אַזאַ יונגערמאַן אין די מיטל־דרייסיקער יאָרן, וועלכער איז שוין עטלעכע יאָרן געווען אַוועק פון טערניוקע איז אַראָפּגעקומען אויף אַ יום־טוב צו זיין משפחה, אַן אָרעמע, אָבער אַ באַלעבאַטישע און לייטישע און ווינען גראַד אויף דער זעלבער גאַס, נישט ווייט פון זיידנס הויז, דערזעענדיק מיך — ער האָט מיך געדענקט נאָך אַלס אַ קינד — שוין אַ דערוואַקסענעם — איז ער געווען זייער נייגעריק אויסצוגעפינען אַלץ וועגן מיר. ער האָט זייער גוט געוווסט מיין לאַגע, מיך אויסגעפרעגט וואָס טו איך, וואָס לערן איך, צו וואָס שטרעב איך א. א. וו.

איך האָב גלייך דערפילט אין אים דעם מענטשן, מיט וועלכן איך קען זיך דורכרעדן, אויסרעדן און אַראָפּרעדן אַלץ, וואָס האַלט מיך אין איין דריקן שוין אַ שטיק צייט און איך ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. מיר האָבן געפירט לאַנגע שמועסן, ער האָט זיך צוגעהערט צו מיר מיט אַזאַ אינטערעס ווי ער וואָלט געווען אַן אייגענער. אין אייניקע טעג פאַר

זיין אָפּפאָרן צוריק אויף זיין שטעלע אין דער שטאָט ביאַליסטאָק האָט ער מיך גענומען אויף אַ לאַנגן שפּאַציר. אַרויס פון שטאָט און צו־גייענדיק גלייך צום ענין פון מיינע פּראָבלעמען, זאָגט ער צו מיר אַזוי:

— הער אויס ד. איך האָב גוט און לאַנג נאָכגעטראַכט די אומשטענדן אין וועלכע דו געפינסט זיך און איך וויל דיר זאָגן און דיך ראָטן, אַז קודם־כל מוזסטו אַוועק פון טערנאָפּאָל, מחמת דאָ ביזסטו אַ פאַרלוירענער, אַ פאַרפאַלענער. וואָס פאַר אַ וועג דו זאָלסט פאַר זיך נישט אָנצייכענען — לערנען, שטודירן, מלאכה, מסחר, — ווערסטו דאָ, אין טערנאָפּאָל אין דער לאַגע וואָס דו געפינסט זיך, גאָרנישט דערגרייכן. בלייבט איצט די ערשטע פראַגע — וווּהין? איז אַזוי: סתם לויפן אין דער וועלט אַריין אָן אַ פּלאַן און נישט וויסן צו וואָס און צו וועמען, איז דאָך נישט שייך. איז לויט מיין מיינונג, דאַרפסטו אָנצייכענען פאַר זיך אַזאַ פּלאַן, וואָס זאָל אין זיך פאַרמאָגן אָט די צוויי עלעמענטן, אין וועלכע דו נויטיקסט זיך אַמ־מערסטן — און דאָס זענען: ערשטנס — אַ גרעסערע שטאָט, וואָס פאַר־מאָגט פאַרשיידענע, גרעסערע מעגלעכקייטן, און צווייטנס — זאָלסט האָבן צו וועמען צו קומען, איך מיין צו אַזעלכע, וואָס זאָלן זיך מיט דיר פאַר־אינטערעסירן און זיין פאַר דיר אַ מורה־דרך, אין וועלכן דו נויטיקסט זיך איצט זייער שטאַרק. איז נאָכטראַכטנדיק וועגן דעם דאָזיקן ענין, וואָלט איך פאַר דיר אָנגעצייכנט סיי די שטאָט און סיי דעם מענטשן. און דאָס איז די שטאָט נעמיראָוו. און דער מענטש צו וועמען זאָלסט זיך ווענדן, איז דיין פעטער שמיל. בנוגע דער שטאָט נעמיראָוו קען איך דיר וועגן איר גאָרנישט זאָגן, ווייל איך בין אַליין דאָרט קיינמאָל נישט געווען, איך האָב נאָר געהערט פון איר, אָבער וואָס שייך דיין פעטער שמיל קען איך דיר זאָגן אָט וואָס: איך קען גוט דיין גאַנצע משפחה, אַלע דיינע אייגענע — פעטערס, מומעס, שוועסטער־קינדער, נאָענטע קרובים, ווייטע קרובים, וועלכע וווינען אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. אָבער ווענדן זאָלסטו זיך צו דיין פעטער שמיל. איך קען דיין פעטער שמיל זייער גוט. איך אַליין האָב פון אים אַ סך געגאַשט און געלערנט ווען ער האָט זיך נאָך געפונען אין טערנאָפּאָל און איך בין נאָך געווען אַ יונג יינגל. דיין פעטער איז איינער פון די זעלטענע מענטשן, וואָס איך האָב ווען אין מיין לעבן באַגעגנט. ער איז אַן אויסנאַם מיט זיין פאַרשטאַנד, חכמה, געלערנטקייט און לייטישקייט. ביי מיר איז נישט פאַראַן קיין שום ספק, אַז ער איז דער מענטש צו וועמען דו דאַרפסט זיך ווענדן. און ער איז דער, וואָס קען דיר אָנווייזן דעם דרך הישר.

איך האָב זיך צוגעהערט צום דאָזיקן יונגן מאַן מיט אַלע מיינע חושים. אָט דער מענטש, דער משכיל, וואָס ער אַליין איז אַנטלאָפן פון טערניוועקע און אויך ער אַליין האָט דורכגעלעבט זיין „על פרשות־דרכים״, זיין שייד־וועג — ווי איך איצט — האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק מיט זיין אינטערעס צו מיר, מיט זיין פּראַקטישן אַריינטראַכטן זיך אין מיין לאַגע.

ווען ער האָט געענדיקט רעדן האָב איך שוין אין מיין געדאַנק באַשלאָסן, אַז אַזוי וועט עס בלייבן — איך פאַר קיין נעמיראָוו צום פעטער שמיל. אָבער צוויי זאַכן זענען מיר, דערווייל, געווען אין וועג — הוצאות און — דאָס וויכטיקסטע — דער זיידע זאָל צו דעם פּלאַן מסכים זיין. איך האָב וועגן דעם באַמערקט מיין פריינט און מיין מיטשמועסער און עצה־געבער — און ער האָט געזאָגט צו מיר אַזוי:

— מכוח הוצאות טו דאָס וואָס איך האָב געטון, ווען איך בין געקומען צו דעם פּראָבלעם ווי דו איצט. ווען איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן טערניקווע און נישט געהאַט גענוג אויף הוצאות; איך האָב זיך געווענדט צו אַ פּאָר פון מיינע חברים נאָך אַ הלוואה. איך האָב זיי געזאָגט עפּעס אַ תרוץ אויף וואָס איך נויטיק זיך, און מיט דער הלוואה בין איך אַוועק אָן אַ „זיי־געזונט״. אָבער דאָס ערשטע געלט, וואָס איך האָב פאַרדינט האָב איך זיי אָפּגעשיקט מיט אַ דאַנק און זיך אַנטשולדיקט...

— ווען איך האָב זיך מיט זיי אַ שטיקל צייט שפּעטער באַגעגנט האָבן מיר געלאַכט און אַמוזירט וועגן דעם ענין... איך גלויב, אַז דאָס וועסטו קענען דורכפירן, וויכטיקער אָבער איז דער ענין מכוח דעם זיידנס הסכמה צו דיין פּלאַן. איז ערשטנס — קען זיין, אַז דער זיידע וועט אפשר איינזען, אַז קיין תכלית פאַר דיר דאָ זעט ער נישט און ער וועט זיך צוהערן צו דיין פּלאַן. אויב אָבער נישט — מוזסטו ביי זיך באַשליסן דעם פּלאַן דורכצופירן אַפילו אָן דעם זיידנס הסכמה...

— אַלנפאַלס דענק איך, — זאָגט ער — אַזוי ווי איך קלייב זיך אין איניקע טעג אַרום צו פאָרן צוריק אויף מיין שטעלע, וועל איך מסתמא זיך באַגעגענען מיטן זיידן אין קלויז, וועל איך זיך מיט אים געזעגענען און, דרך־אגב, אומדירעקט, אַ שמועס טון מיט אים וועגן דיר און דיינע ענינים — אין אַנדערע ווערטער — איך וועל פּרובירן דורכברעכן אַ וועג פאַר דיר צום זיידן, ס׳זאָל פאַר דיר זיין אַ ביסל גרינגער מיט אים זיך דורכצורעדן. דערווייל זאָל אונדזער באַגעגעניש און אונדזער שמועס בלייבן צווישן אונדז ביידן. איך פאָר אַוועק אין עטלעכע טעג אַרום און

איך ווינטש דיך זאָלסט מצליח זיין אין אַלע דיינע פּלענער און אונטער־נעמונגען.

מיר האָבן זיך געזעגנט און פאַרלאָזט אונדזער שפּאַציר אין פאַר־שיידענע ריכטונגען.

קאַפּיטל 5

מיין באַשלוס צו רעדן מיטן זיידן

פון דעם דאָזיקן שפּאַציר, אין וועלכן ס'איז אָנגעצייכנט געוואָרן פאַר מיר אַ וועג, אויף וועלכן איך דאַרף זיך פאַרנעמען, בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרחלומטער, אַ צעטומלטער. עס האָט מיר גענומען אייניקע טעג ביז איך בין צו זיך געקומען, זיך גענומען אויסניכטערן, זיך אָריענטירן אינעם שמועס, אינעם פּלאַן און אינעם באַשלוס, וועלכן איך דאַרף אָננעמען. איך האָב דערפילט, אַז עפּעס ערנסטס האָט מיט מיר פּאַסירט. איך האָב אויך דערפילט אַ גרינגקייט אין מיין געמיט. איך האָב פאַר זיך געזען אַ פּראָגראַם. מיין אומבאַהאָלפנקייט, דער „מאין יבוא עזרי", וואָס פלעגט מיר כסדר בריען, האָט אָנגעוווירן זיין שאַרפקייט און שפּיציקייט. ווען איך האָב זיך דערמאָנט ווי מיין פריינט אין אונדזער שמועס, אויפן שפּאַציר, האָט פאַר מיר כאַראַקטעריזירט דעם פעטער שמיל — איז מיר געוואָרן וואַרעמער, אָנגענעמער און פריילעכער. ענג איז מיר אָבער ווידער געוואָרן ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מיין ווייטערדיקער וועג און מיינע ווייטער־דיקע פּלענער וועלן זיך אינגאַנצן אין זיידנס צושטימונג.

איך האָב דערפאַר ביי זיך באַשלאָסן נישט אָפּצולייגן דעם ענין אויף אַ לאַנגער און אומבאַשטימטער צייט — און גלייך ביי דער ערשטער, בעסטער, שנעלסטער געלעגנהייט אויסלאָדן פאַרן זיידן אַלע מיינע ווייטערדיקע פּלענער און פאַרענדיקן בזה הלשון: אַז אָט טרעט איך שוין אַריין אינעם זיבעצטן יאָר און איך פיל, אַז קיין קאַריערע וועל איך פון מיין לערנען אין קלויז נישט דערגרייכן און איך הויב נישט אָן צו זען קיין שום תכלית פאַר מיר אָנצוהאַלטן דאָס זיצן אין קלויז אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק, אָן וועלכן ס'איז אויסקוק אויף עפּעס אַ תכלית. איך וועל זיך און פאַר אים אויך מודה זיין, אַז אַפילו איך זאָל מיטן לערנען באַווייזן צו דערגרייכן אַ גאָר הויכע שטופע פיל איך, אַז איך וואָלט

נישט געוואָלט לערנען לשם קאַריערע און מאַכן דאָס לערנען פאַר אַ „קרדום לחפור בה״. איך וועל אים אויך אָנווייזן אויף אייניקע באַלעבאַ־טישע בחורים, וועלכע האָבן פאַרלאָזט טערניווקע און אַוועק אין גרעסערע שטעט און כמעט אַלע האָבן זיך דערשלאָגן צו עפּעס וויכטיקס וואָס אין טערניווקע האָבן זיי עס נישט געקענט באַווייזן. און איך זע נישט אײן פאַרוואָס קען איך אויך נישט טאָן דאָס זעלבע?

איך וועל אים בפירוש נישט דערמאָנען וואָס און ווען איך טראָג אין מיינע געדאַנקען, ד״ה דעם פעטער שמיל און די שטאָט נעמיראָוו. איך וועל וואַרטן מיט דעם אויף שפּעטער און פריער זען וואָס פאַר אַן איינדרוק און ווירקונג מיינע טענות און התנצלות וועלן האָבן אויף אים.

און אָט מיט די געדאַנקען האָב איך זיך אַרומגעטראָגן און אומגעדולדיק געוואַרט אויף אַ שעת־הכושר זיך צו טרעפן מיטן זיידן אויג אויף אויג, אַ שעת־הכושר, וואָס קען האָבן אַ ווירקונג אויף מיין גאַנצן שפּעטערדיקן לעבן.

און אָט דער שעת־הכשור איז געקומען פּלוצלונג, גיכער ווי איך האָב דערוואַרט.

קאַפּיטל 6

איך פאַרלאָז טערניווקע

און פּאַסירט האָט עס אַזוי: מיין באָבע, ד״ה מיין שטיף־באָבע האָט געהאַט אַ פאַרהייראַטן זון, וועלכער האָט געוווינט אין אַ שטעטל נישט ווייט פון טערניווקע, מיטן נאָמען דובאָווע. האָט זי געקריגן אַ גרוס פון איר זון דורך אַ ייד פון דעם שטעטל דובאָווע, וואָס איז געקומען קיין טערניווקע אויפן יאַריד. דער גרוס איז געווען זייער נישט קיין פריילעכער; איר זון, אַ מטופל פון אַ ווייב און פיר קינדער געפינט זיך אין אַ ביטערער לאַגע... ער איז קראַנק און אָרעם. זיין קליין „באַקאַליינע״ קרעמל טראָגט נישט אויף זיין ביטערער אויסקומעניש. און ער האָט געוואָלט, אַז זי, זיין מאַמע, זאָל קומען צו אים אויף אייניקע טעג, כדי אַן עצה האַלטן זיך מיט איר מכוח געוויסע פּלענער, אא״וו.

די באָבע האָט גלייך באַשלאָסן צו פאָרן צו איר זון, געלאָזט וויסן

דעם זיידן מכוח דעם ענין. דער זיידע האָט באַשטעלט אַ פור מיט אַ באַקאַנטן יידישן בעל־עגלה און זי אַרויסבאַגלייט צו איר זון.

איך האָב גלייך ביי זיך באַשלאָסן, אַז איצט איז די צייט, איצט איז דער שעת־הכושר, אויף וועלכן איך האָב געוואַרט. און טאַקע דעם זעלבן אויפדערנאַכט, קומענדיק צוריק פון קלויז נאָך מעריב, און נאָך דעם ווי דאָס דינסטמיידל האָט אונדז סערווירט די וועטשערע, האָט דער זיידע מיך אַ פרעג געטון, צי דענק איך צוריקצוגיין אין קלויז ווי איך פלעג זיך אָפט פירן, כדי וואָס ווינציקער צו זיין אין הויז. האָב איך אים געענטפערט, אַז ניין, היינט בלייב איך אין הויז, מחמת איך טראָג אין גערדאַנק אַ זייער וויכטיקן ענין, וועגן וועלכן איך וויל זיך מיט אים דורכרעדן. און טאַקע באַלד האָב איך פאַר אים אויסגעלאָדן אַלע מיינע מחשבות און פלענער, מיט וועלכע איך האָב זיך די לעצטע יאָרן, חדשים, וואָכן און טעג אַרומגעטראָגן.

איך האָב באַמערקט, אַז דער זיידע הערט מיך אויס גאַנץ ערנסט. פאַר אים איז געלעגן אויפן טיש אַן אָפענער ספר, אָבער ער האָט אינעם ספר נישט אַריינגעקוקט, נאָר געהאַלטן אין אייגוויקלען טיטון אין פאַפּיראָס־פאַפּיר און גערויכערט איין ציגאַר נאָכן צווייטן.

ווען איך האָב פאַרענדיקט מיט דער פראַגע, אַז איך זע נישט אײן פאַרוואָס איך זאָל נישט פּרובירן מיין מזל אין אַ גרעסערער שטאָט, אין דער צייט ווען איך זע נישט פאַר זיך קיין שום תכלית אין טערניווקע — האָט ער פאַמעלעך פאַרמאַכט דעם ספר, זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, פאַר־רויכערט אַ נייעם ציגאַר, אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט ביים טיש און אָנגעהויבן שפּאַצירן איבערן צימער.

און מאָדנע — איך געדענק נאָך איצט ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט — אַז נאָך מיין רעדן און דעם זיידנס דערוויל־רויכערן און שווייגן, האָב איך געהאַט ס׳געפיל און בין כמעט געווען איבערצייגט, אַז דער זיידע וועט מיין פּלאַן נישט אָפּוואַרפן, נישט איגנאָרירן. איך האָב אַזוי געטראַכט מחמת כמה טעמים. ערשטנס, האָב איך שוין געקוקט אויפן זיידן די לעצטע צייט נישט אַזוי ווי ווען איך בין געווען אַ יונג יינגל, נאָר ווי אַ דערוואַק־סענער, זיבעצניאָריקער בחור. איך בין שוין געווען פעיק צו באַמערקן, אַז דער זיידע איז נישט פון די פאַרברענטע, פאַנאַטישע יידן־פרומאַקעס, וואָס לאָזן נישט צו צו זיך קיין שום געדאַנק וואָס קאָן, חלילה, פאַרשאַטן דעם אָנגענומענעם רעליגיעזן לעבנס־שטייגער אין טערניווקע. איך פלעג אַפילו אָפּטמאָל, ווען דער זיידע פלעגט קומען פון דער גרויסער שטאָט

אומאַן, אים הערן רעדן און דערציילן וועגן וועלט־זאַכן. ער האָט אַפילו איין מאָל געבראַכט פון אומאַן אַ העברעישע בלאַט־צייטונג „המליץ" און מיר געגעבן צו לייענען. אַזאַ זאַך וואָלט שוין אין די אויגן פון אַ פרומען געווען אַ גרויסע עבירה. צווייטנס, האָב איך דערפילט לויטן זיידנס שווייגן, אַז מיין פריינט, אָט דער וואָס האָט מיר צוגעזאָגט צו רעדן מיטן זיידן וועגן מיר, האָט געהאַט אויף אים אַ ווירקונג. און דריטנס, האָב איך חושד געווען, אַז דער זיידע האָט שוין די לעצטע צייט אַליין געטראַכט וועגן מיין תכלית אין טערניווקע. נאָר וואָס דען? ער האָט געוואָלט און געוואַרט, אַז די איניציאַטיוו, דאָס אָנפאַנגען צו שמועסן מכוח תכלית זאָל קומען פון מיר און נישט פון אים. ער איז געווען אומרואיק פאַרן „מה יאמרו הבריות", ד"ה אַז מען וועט זאָגן, אַז די באָבע האָט געהאַט אויף אים אַ ווירקונג מיך אַוועקצושיקן.

ווי די זאַך זאָל נישט זיין בין איך פונדעסטוועגן געווען איבערראַשט ווען דער זיידע האָט אַ זאָג געטון:

— איך זע אויך נישט פאַרוואָס דו זאָלסט נישט פרובירן דיין מזל ווי אַנדערע אין אַ גרעסערער שטאָט. איך בין נאָר נישט גורס, אַז דו זאָלסט כאַפּן לויפן אין אַ סתם פרעמדער גרויסער שטאָט, נישט ווינסנדיק פאַרויס וואָס, ווער, וועמען... דאָס איז אַ צו ערנסטער ענין און מען דאַרף וועגן דעם נאָך טראַכטן מיט ישוב־הדעת און מיר וועלן נאָך וועגן דעם ענין שמועסן גאָר בקרוב.

איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, טאַקע פון אים אַליין, אַז ער האָט זיך שוין פון פריער דורכגעשריבן מיטן פעטער שמואל*) וועגן מיר און זיי זענען געקומען צו אַ באַשלוס איך זאָל קומען קיין נעמיראָוו צום פעטער שמיל.

---

*) איידער איך נעם זיך צו מיינע ווייטערדיקע זכרונות דענק איך, אַז ס'איז ווינטשנסווערט דאָ עפּעס אויפצוקלערן, וואָס האָט אַ שייכות צו דער אָרטאָגראַפיע פון אונדזער פאָלקס־שפּראַך יידיש. איך האָב דאָ ביז איצט אייניקע מאָל דערמאָנט און געשריבן מיין פעטער שמואלס נאָמען „שמיל", מיט אַ „יוד" נאָך דער „מעם". דעם פעטערס נאָמען איז געווען שמואל, מיט אַ „וואָוו" נאָך דער „מעם". ס'איז אָבער באַוווסט אַז אין די אוקראַאינער יידישע שטעטלעך פלעגט דאָס פאָלק אַרויסרעדן דעם „וואָוו" ווי אַ „יוד", למשל: אַנשטאָט קוגל — קיגל, פוטער — פיטער, בוך — ביך, קום — קים, שמואל — שמיל, אאַ"וו. און אַזוי ווי ביי אונדז, ד. ה. ביי אונדזער גאַנצער משפּחה איז ער, דער פעטער, געווען שמיל נישט שמואל — וועל איך אים שוין אַזוי רופן און שרייבן ביזן סוף.

און איך נעם זיך גרייטן אין וועג אַריין קיין נעמיראָוו, צו דער שטאָט נומער צוויי פון מיינע זכרונות.

עד כאן — שטאָט נומער 1 — טערניוקע, פון יאָר 1884 ביז יאָר 1900.

שטאט נאכן צווייטן -
נעכטנס

קאַפּיטל 7

די נייע סביבה — נעמיראָוו

דער אויסערלעכער אויסזען פון דער שטאָט נעמיראָוו האָט אויף מיר, ביי מיין אָנקומען, געמאַכט אַ זייער אָנגענעמען איינדרוק; די שיינע, ברייטע, ברוקירטע גאַסן, די טראָטואַרן, די עלעקטרישע באַלייכטונג איבער דער גאַנצער שטאָט, די גרויסע געביידעס פון דער גימנאַזיע, פּאַר מענער און פרויען, וואָס האָט זיך געפונען אין שטאָט. און כאָטש די שטאָט נעמיראָוו איז נישט געווען פאַררעכנט צו די גאָר גרויסע שטעט אין דער אוקראַינע ווי, למשל, קיעוו, אָדעס, כאַרקאָוו, בערדיטשעוו און אַנדערע גרויסע שטעט, וואָס איך האָב פון זיי בלויז געהערט — האָט פאַר אַזאַ קליינשטעטלדיקן יונגנמאַן ווי איך, די שטאָט נעמיראָוו אויסגעזען זייער גרויס, שיין, באַחנט און זי איז מיר אויפן ערשטן קוק געפעלן געוואָרן.

ווי איך האָב שפּעטער געהערט און אויסגעפונען איז די שטאָט נעמיראָוו געווען אַן אייגנטום פון אַ קניאַגינע (פירשטין — איך געדענק שוין נישט איר נאָמען), וועלכע האָט טאַקע אַליין געוווינט אין אַ פּאַלאַץ אויסער דער שטאָט; און נישט נאָר די שטאָט אַליין, נאָר אַ סך וועלדער, פעלדער, דערפער אַרום נעמיראָוו איז געווען איר פאַרמעגן און זי, אַלס אַ באַלע־באָסטע פון „איר" שטאָט, האָט געהאַלטן אין איין רייניקן, פּוצן און אַכטונג געבן, אַז „איר" שטאָט זאָל זיין שיין, ריין, ציכטיק און ליכטיק. עס וועט אָבער ווערט זיין דאָ צו פאַרצייכענען, אַז בעת די רעוואָלוציאָנערע שטורעם־ווינטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן אין די יאָרן 5-4-3-1902 האָבן שוין די בוימער פון „אירע" וועלדער און די תבואות פון „אירע" פעלדער, געבלאָזן אויף דער לינקער זייט...

די אויפנאַמע וואָס דער פעטער האָט מיר אַרויסגעוויזן ביי מיין קומען איז געווען זייער אַ רירנדיקע, האַרציקע און וואַרעמע. איך קאָן זאָגן, אַז ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערפילט אַן אמתע, געטרייע

באַציונג צו מיר פונעם פעטער, אַזוי ווי איך וואָלט געווען זיינס אַן אייגן קינד.

דעם פעטערס משפּחה איז באַשטאַנען פון זיין פרוי, ד״ה די מומע מירל וואָס האָט אויסגעזען ביי מיר ווי אַ מאָדערנע דאַמע, מחמת איר רעדן נאָר רוסיש, און די צוויי קינדער זייערע אין גימנאַזיע־עלטער, אָבער... — אָבער וועגן דער גימנאַזיע שפּעטער.

אָפּזייענדיק ביים פעטער אין הויז אַ פּאָר וואָכן האָב איך מיט אים אַ שמועס געטון מכוח תכלית. זאָגט ער צו מיר:

— נאָר נישט געכאַפּט, בינסט דאָך ערשט געקומען, דערוויילבינסטו נאָך אַ גאַסט. באַקען זיך דערוויילמיט דער שטאָט, מיט מענטשן, באַקען זיך אַ ביסל מיטן היגן לעבן — און מכוח תכלית וועלן מיר נאָך האָבן גענוג צייט צו רעדן.

האָב איך זיך טאַקע אָנגעהויבן צוצוקוקן, צוצוהערן און באַנעמען אַט די גאָר פּאָר מיר פרעמדע, נייע סביבה, נייע מענטשן, אַנדערע פירעכצן און אַ גאַנץ נייעם לעבנס־שטייגער — אַ גאַנץ אַנדערער ווי דער וואָס איך האָב אַט ערשט פאַרלאָזט.

עס האָט מיר גענומען נישט לאַנג אויסצוגעפינען און זען, אַז דעם פעטערס הויז איז אַן אמת בית ועד לחכמים, אַן אָפענע טיר. עס פלעגן זיך אָפּט צענויפקומען ביי אים אין הויז די סאַמע פּני — די סמעטענע, די אָנגעזעענסטע יידישע אינטעליגענץ פון שטאָט, יידן מיט בערד און אָן בערד, יידישע סטודענטן פון גימנאַזיע, אויך יונגעלייט, וועלכע מען האָט גערופן „עקסטערניקעס", ד״ה אַזעלכע, וואָס האָבן געלערנט אויסער דער גימנאַזיע און אָפּגעגעבן עקזאַמענס, ווייל אין גימנאַזיע האָט מען זיי נישט אָנגענומען. עס פלעגן אויך אַריינקומען סתם מענטשן, משכילים, סוחרים און פאַרברענגען און שמועסן וועגן פאַרשיידענע ענינים.

איך געדענק ביז איצט און וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן — אין איינעם אַ שבת נאָך מיטאָג, אין דער צייט ווען איך בין נאָך געווען אַ גאַסט, ווען איך בין אַריינגעקומען פון גאַס אין הויז, האָב איך געטראָפן אַרום אַ מנין מענטשן זיצן אַרום טיש אין גרויסן צימער, אָן היטלען. אַ קאָכעדיקער סאַמאָוואַר איז געשטאַנען אויפן טיש, מען האָט געטרונקען טיי, געררויכערט פּאַפּיראָסן, זיך פאַסמאַקעוועט מיט דער מומעס היימיש־געבאַקענע נאַשערייען און גערעדט, געשמועסט, דעבאַטירט פון אַלץ אין דער וועלט — וועגן דער לאַגע פון לאַנד בכלל — אָבער ספּעציעל און בפרט האָט זיך דער געשפּרעך געדרייט אַרום דער יידן־פראַגע. די יידן־

אין צענטער — דער פֿעטער שמיל; רעכטס — דער עלטערער ברודער פֿון מחבר משה און דער מחבר.

פראַגע האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן. ס'איז גערעדט געוואָרן אויף דריי שפּראַכן: יידיש, רוסיש און העברעיש. פאַר מיר זענען אַזעלכע ווערטער ווי „יווריסקי וואָפּראָס" און „שאלות היהודים" געווען פרעמד און ניי. מען האָט אויך גערעדט וועגן דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור. איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט די נעמען פון אחד־העם, יוסף קלויזנער, מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פּרץ און אַנדערע.

איך בין געזעסן אַ ביסל פונדערווייטנס. אין מיין מוח האָבן זיך גע־פּלאָנטערט פאַרשיידענע געדאַנקען. איך האָב געטראַכט און געפרעגט זיך אַליין: „זענען אָט די מאָדנע מענטשן אויך יידן?" און אַליין געענטפערט: „ווי דען אַנדערש? זיי רעדן דאָך וועגן אַזעלכע ענינים, יידישע ענינים, און וועגן פראַגן אַזעלכע וואָס שטייען ברומו של עולם!".

איך האָב אויך דערפילט דעם טיפן אונטערשייד, דעם שאַרפן פאַר מיר איבערגאַנג פון דעם וואָס איך האָב אָט דאָ ערשט געהערט און געזען ביז דעם טערניוועקער לעבנס־שטייגער, פון וועלכן איך בין ערשט אַרויס — אַ לעבנס־שטייגער וואָס איז, מערסטנס, פאַר מיר באַשטאַנען פון היים־קלויז — קלויז־היים, אויספילן דעם טאָג מיטן דאַווענען שחרית, מנחה מעריב און אַ צוגאָב פון לערנען דעם „שנים אוחזין בטלית" און אַנדערע גמרא ענינים — אַזוי טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך — אָן אַן איבערבייט און אָן עפּעס אַן אַנדערשקייט. און כאָטש דער גרעסטער טייל פון געשפּרעך ביים פּעטערס טיש איז פאַר מיר געווען היפּש פרעמד, האָב איך אָבער אינסטינקטיוו דערפילט אַ מין אינטערעס, סימפּאַטיע און בייגעריקייט צו די אַלע ליטעראַרישע און פּאָליטישע ענינים — צו די געשפּרעכן, צו וועלכע איך האָב זיך צוגעהערט.

איך בין געזעסן די גאַנצע צייט ווי אַ פאַרטשאַדעטער און פריטש־מעלעטער. איך האָב דערזען אַן אַנדערע יידישע וועלט, אַן אַנדער לעבנס־שטייגער.

קאַפּיטל 8

מיין איבערגאַנג פון סידור צו בוך

שפּעטער, ווען דער עולם האָט פאַרלאָזט דאָס הויז, האָב איך באַמערקט ווי דער פּעטער קוקט אויף מיר. ער האָט געזען ווי איך זיץ אַ געפּלעפּטער.

דער פעטער האָט גוט געקאָנט דעם טערניקווער לעבנס־שטייגער. ער האָט אים אַליין אַמאָל־אַמאָל איבערגעלעבט. ער האָט געקענט לייענען מיינע געדאַנקען און וואָס אין מיין מוח טוט זיך.

ער איז צוגעגאַנגען און געזאָגט צו מיר אַזוי:

— איך האָב דיר שוין געוואָלט פריער באַמערקן, אַז דו וועסט דאָ אין שטאָט און ביי מיר אין הויז זען און געפינען גאָר אַן אַנדער פירעכץ ווי אין טערניווקע און ווי ביים זיידן אין הויז. וויל איך דיר זאָגן, אַז דו מוזסט נישט אָננעמען און נאָכטון אַלץ וואָס דו זעסט דאָ. דו בינסט פריי צו לעבן ווי אַזוי דו בינסט געוווינט ביז איצט און איך לאָז דאָס אינגאַנצן איבער פאַר דיר.

צום פעטער אין הויז פלעגן אָנקומען פאַרשיידענע זשורנאַלן און צייטונגען ווי די העברעישע צייטונג „הזמן", דער העברעישער זשורנאַל „השלח", אַ רוסישע צייטונג „וואָסכאָד", דער יידישער „יוד" און נאָך אַנדערע יידישע, רוסישע און העברעישע שריפטן. עס האָבן זיך געפונען אין הויז ביכער פון קלויזנער, ביאַליק, רב צעיר און אַנדערע פון יענער צייט „חכמי אָדעסע".

דער פעטער האָט איינמאָל באַמערקט, ווי איך זיץ און בלעטער, צי איך לייען „על פרשת דרכים" פון אחד העם. האָט ער מיך געטון אַ פרעג, צי איך באַנעם דעם ענין. מיין ענטפער איז געווען, אַז מיר איז נישט שווער צו לייענען, אָבער דעם אמת געזאָגט איז דער תוכן פאַר מיר זייער שווער צו פאַרשטיין — האָב איך צוגעגעבן אַ ביסל פאַרשעמט ווי שטענדיק.

דער פעטער האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— זיי ביי זיך נישט געפאַלן. אָט דעם ענין איז אַ ביסל שווער צו באַנעמען אַפילו פאַר עלטערע פון דיר העברעישע לייענער... און ער האָט מיך צוגעפירט צום ספרים־שראַנק און געזאָגט צו מיר: — אָט דאָ וועסטו געפינען ביכער, וואָס זייער אינהאַלט וועט זיין פאַר דיר גרינג צו פאַרשטיין און זיי וועלן דיך געפעלן. און ער הייבט אָן אַרויסציען ביכער פון שראַנק אַזעלכע ווי אברהם מאַפּוס „אהבת ציון", „אשמות שומרון", „עיט צבוע", אַ בוך פון פרץ סמאָלענסקי „התועה בדרכי החיים". ער ווייזט מיר אויך אַ פאָר ביכער פון מענדעלע מוכר ספרים — „די קליאַטשע", „דאָס קליינע מענטשעלע" און נאָך, נאָך און נאָך. איך קוק און שטוין. איך זע פאַר זיך ס׳ערשטע מאָל אַזאַ נייעם יידישן אוצר, אַן אוצר וואָס איז מיר אי פרעמד, אי נאָענט. פרעמד — מחמת אין טערניווקע האָב איך עס נישט געזען. אויב אַזעלכעס האָט זיך דאָרטן יאָ ביי עמעצן געפונען, איז עס געווען

באַהאַלטן בחדרי־חדרים. און נאָענט איז עס געווען פאַר מיר, ווייל דער פעטער האָט עס מיר רעקאָמענדירט צום לייענען — און דאָס איז פאַר מיר געגנוג געווען עס אָפּצושאַצן און מיט דערוואַרטונג האָב איך געהאָפּט זיך צו דעם אַ נעם טון.

און טאַקע אין דער זעלבער צייט, אָנווייזנדיק מיר וואָס צו לייענען, האָט ער צו מיר גערעדט און פּרובירט אויפצוקלערן די וויכטיקייט פון לייענען בכלל.

— ספּעציעל — האָט ער געזאָגט צו מיר — אין דיין לאַגע, אין דיין עלטער און פון דער סביבה, פון וועלכער דו קומסט, צוליב דער דערציונג וואָס דו האָסט ביז איצט באַקומען אא״וו, איז דאָס לייענען פאַר דיר, כמעט, אַזוי וויכטיק ווי שלאָפן און עסן. איך וויל זאָלסט מיר פאַרשטיין. איך וויל דאָ נישט איגנאָרירן און אָוועקמאַכן און מבטל זיין דעם חינוך און די לימודים און וואָס דו האָסט פון זיי אַרויסגעקריגן אין די לעצטע צען יאָר, פון זיבן ביז זיבעצן; אָבער וואָס דיר פעלט היינט איז צו זיין באַקאַנט אין דער תקופה און אין דער סביבה, אין וועלכער דו געפינסט זיך איצט; זאָלסט אָנהויבן צו פאַרשטיין דאָס לעבן פון היינט, אין וועלכן מיר געפינען זיך און דאָס קאָן דיר געבן נאָר דאָס לייענען. וועסט עפענען די אויגן, וועסט דערזען אַ נייע וועלט! מיר פאַרמאָגן — האָט ער גע־זאָגט — אַ רייכע ליטעראַטור אין די דריי שפּראַכן ווי יידיש, העברעיש און רוסיש, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס היינטיקע לעבן! אויך די טעגלעכע און מאָנאַטלעכע פּרעסע — בקיצור, קיין מאַטעריאַל וועט דיר נישט פעלן. דער עיקר, דו זאָלסט זיך וועלן מיט אים באַנוצן.

האַלטנדיק אַזוי אין רעדן האָט ער מיר שוין אויך באַמערקט, אַז ער האַלט אין פאַרהאַנדלען מיט זיינעם אַ פריינט — ער האָט אים אָנגערופן ביים נאָמען — און ער דערמאָנט מיך אויך, אַז דאָס איז „דער ייד, וואָס דו האָסט געזען און געהערט אים רעדן ביי אונדז אין הויז יענעם שבת״. ער האָט גערעדט אין רוסיש וועגן דעם „יעווריייסקי וואָפּראָס״. אָט דער ייד איז אַ וואַלד־סוחר, ער פירט אויך אַ געשעפט דאָ אין שטאָט — אַ „סקלאַד״ פון בוי־מאַטעריאַלן, פאַרהאַנדלט ער מיט אים מכוח געבן מיר עפּעס אַ טועכץ אין זיינע געשעפטן. אָבער ס׳איז נאָך נישט געענדיקט און נישט באַשטימט ווי אַזוי, וואָס און ווען — דערווייל האַלטן מיר אין שמועסן — ווען ס׳וועט זיין עפּעס באַשטימטס — וועלן מיר דעמאָלט רעדן.

און גלייך ווען דער פעטער האָט געענדיקט רעדן, האָט זיך געעפנט

די טיר און ס'איז אַריינגעקומען דער מומעס ברודער זישאַ, און באַלד נאָך זיין „גוט מאָרגן" טוט אים דער פעטער אַ פרעג:

— זישאַ, פאַרוואָס נעמסטו נישט מיט דודן און באַקענסט אים נישט מיט דיינע חברים און חברטעס פון דיין „קרוזשאָק"? (קרייז).

— אָט צוליב דעם בין איך טאַקע איצט געקומען — זאָגט זישאַ — מיר קומען זיך היינט אין אָוונט צוזאַמען, בין איך געקומען פרעגן דודן, צי וואָלט ער געוואָלט מיטגיין...

— אַוודאי וואָלט איך וועלן — כאַפּ איך זיך אַליין אַרויס — פאַר־וואָס נישט?

און מיר מאַכן אָפּ ווען זיך צו באַגעגענען.

קאַפּיטל 9

מיינע נייע חברים

זישאַ, דער מומעס ברודער, מיט וועלכן איך האָב זיך שוין פריער באַקאַנט, איז געווען אַ פיינער בחור אין מיין עלטער. געווען אַ פריינט־לעכער, אַ פריילעכער, אַ צוגעלאָזטער, אַ גוטער ברודער. איך האָב געפילט, אַז ער וויל און פּרובירט, ווי ווייט מעגלעך, מיך מקרב זיין. ער האָט מיך איניקע מאָל גענומען אויף אַ שפּאַציר, מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיינע באַקאַנטע, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אין גאַס, און נאָכן ערשטן שלום־עליכם, ווען זישאַ האָט דערמאָנט, אַז איך בין שמיל יאַמפּאָלסקיס אַ פּלעמיעניק, האָב איך באַמערקט, אַז מיין יחוס האָט געמאַכט אויף זיי אַן איינדרוק.

שפּעטער, אָפּזייענדיק אַ שטיקל צייט אין שטאָט, האָב איך ערשט אויסגעפונען, אַז ביים דערמאָנען דעם נאָמען פון שמיל יאַמפּאָלסקי עפענען זיך אַלע טירן. דער פעטער איז געווען גוט באַקאַנט און זייער פּאָפּולער אין שטאָט צווישן אַלע קלאַסן מענטשן; ביי דער אינטעליגענץ איז ער געווען „גאָספּאָדין" אָדער „„מעסיע" יאַמפּאָלסקי און מען האָט זיך צו־געהערט צו זיין וואָרט און מיינונג. ער איז אַפילו אָנגענומען געווען ביי די פרומע יידן, כאָטש אַליין איז ער נישט געווען פון די פרומע, אָבער ער איז געווען אַ „בקי בחדרי תורה" און די פרומע האָבן עס אָפּגעשאַצט. און אַפילו ביי די בעל־עגלות אין שטאָט, וועלכע דער פעטער פלעגט אָפט

דינגען צוליב זיינע מסחרים און ביי די סתם „עמך"־יידן „פון אַ גאַנץ יאָר", וועלכע פלעגן אָפט קומען צום פעטער נאָך אַ „גמילות־חסד", איז ר' שמילס וואָרט געווען אַן אויטאָריטעט.

כדי צו כאַראַקטעריזירן דעם פעטערס ברייטהאַרציקייט, פאָלקסטימלעכקייט און די שטענדיקע גרייטקייט צו העלפן יעדן, וואָס ווענדט זיך צו אים נאָך הילף — וועט זיין אינטערעסאַנט צו דערמאָנען אַן עפּיזאָד און שייכות מיט אַ „בינטל בריוו" פון דער יידישער צייטונג „פאָרווערטס" אין אַמעריקע. ווי קומט דער פעטער צום „בינטל בריוו" פון דער דאָזיקער צייטונג, וועל איך, אַלס עדות וואָס בין געווען דערביי, דערציילן אין מיינע שפּעטערדיקע זכרונות.

און אויך ביי דער „מאַלאַדיאָזש", ביי דער יוגנט אין שטאָט, וווהין זישאַ האָט מיך געבראַכט צו זייער מיטינג, איז דעם פעטערס נאָמען געווען פּאָפּולער. איך האָב עס נאָך אַ מאָל גלייך דערפילט ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען מיט זישאַן אויף דער פאַרזאַמלונג, און ער האָט מיר פאָרגעשטעלט, אַ זאָג טוענדיק:

— גאָספּאָדאַ! זייט באַקאַנט, דאַוויד יאַמפּאָלסקי, שמיל יאַמפּאָלסקיס אַ פּלעמיאַניק!

פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער „פּאַזנאַקאָמיען" זיך און געבן זיך די הענט מיט אַ „זדראַווסטוויטיע" איז דורכגעגאַנגען אין רוסיש, אָבער אַזוי ווי זישאַ האָט שוין געוווסט פון פריער, אַז איך בין מיט דער רוסישער שפּראַך דערווייל נישט אַזוי זיכער, נאָך ווייט נישט איינדערהיים — און נישט ווילנדיק מיך מאַכן אומבאַקוועם, האָט ער פּרובירט אַריבערפירן די ווייטערדיקע געשפּרעכן אין יידיש און איך האָב אים אין האַרצן שטאַרק געדאַנקט.

געטראָפן האָב איך דאָרטן אַ צען־צוועלף יוגנטלעכע. די מערהייט יינגלעך, אַ דריי־פיר מיידלעך, אַלע כמעט אין מיינע יאָרן — צווישן זיבעצן־אַכצן — זייער פיינע, האַרציקע קינדער. אייניקע פון זיי האָבן שטודירט און געגרייט זיך אָפּצוגעבן עקזאַמענס אַלס פאַרמאַצעווטן; גע־הייסן האָט דאָס ביי זיי „אַפּטיעקאַרסקיע אוטשיניקי". אייניקע האָבן סתם געלערנט, נישט וויסנדיק צוליב וואָס פאַר אַ צוועק. אייניקע זענען געווען פאַרנומען אין זייערע עלטערנס געשעפטן, אדג"ל. זייערע געשפּרעכן האָבן זיך געפירט וועגן דעם וואָס זיי האָבן געלייענט אין דער טעגלעכער פּרעסע, אין די לעצטע פּאָר וואָכן. זיי האָבן אויך דערמאָנט און געשמועסט וועגן נייע ביכער, וואָס זענען לעצטנס אַנאָנסירט געוואָרן — און כאָטש איך

דער מחבר אין יאָר 1905, ווען ער האָט פאַרלאָזן רוסלאַנד.

אַליין האָב נישט געקומען קיין אַנטייל אין זייערע געשפּרעכן — בין איך, ווי איך געדענק נאָך איצט, באמת געווען איבערראַשט פון זייער פריינט־שאַפט און באַציונג צו מיר. און איך האָב עס געפילט און אין האַרצן אָפּגעשאַצט. ספּעציעל שפּעטער, אין אָוונט, ווען מען האָט סערווירט טיי־און־צובייסן און איניקע האָבן פאַרצויגן אַ ליד אין העברעיש, וואָס איז מיר אויך געווען באַקאַנט, איך געדענק נאָך אַפילו דעם נאָמען פון ליד: „שם במקום ארזים" — און איך האָב אויך מיט אַלע מיטגעזונגען, און נאָך דעם אַ ליד אין דער אוקראַינישער שפּראַך, און נאָך און נאָך לידער, איך בין נישט אָפּגעשטאַנען — איך האָב מיט זיי און זיי האָבן מיט מיר דערפילט אַ מין היימישקייט און נאָענטקייט ווי גלייך מיר קענען זיך שוין פון לאַנגע יאָרן. דאָס דערמאָנט מיך אויך אין מיין זינגען — ווען איך בין נאָך געווען אַ 9—10־יאָריק ייִנגל און פאַרמאָגט אַן אַלט־שטימע, און אונדזער חזן פון קלויז ר' יקותיאל האָט געבעטן ביים זיידן אַ דערלויבע־ניש, אַז איך זאָל אים אַרויסהעלפן מיט נאָך משוררים ביי זיינע ימים נוראים תפילות, סליחות, ווי אויך ביי ספירה־ציילן. איך געדענק נאָך אַפילו, אַז ביי דער ספירה־תפילה האָט מיר דער חזן געגעבן אַ שטיקל „סאָלאָ" זינגען ביים פּסוק: „יתוקן מה שפגמתי בספירה". ס'זענען מיר אויך געווען באַקאַנט און כ'האָב טאַקע געזונגען, כמעט, אַלע אוקראַינישע לידער פונעם דעמאָלט באַוווסטן און פּאָפּולערן אוקראַינישן דיכטער, טאַראַס שעווטשענקאָ, וואָס פלעגן געזונגען ווערן דורך דער יידישער יוגנט אין אוקראַינער שטעט און שטעטלעך. און אַזוי אויך אין נעמיראָוו.

אינעם ערשטן אויפדערנאַכט, ווען איך האָב פאַרבראַכט מיט מיינע נייע באַקאַנטע, איז ביי דעם צוזאַמענטרעף געשלאָסן געוואָרן צווישן אונדז אַ פריינטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר, ביז מיין פאַר־לאָזן נעמיראָוו.

קאַפּיטל 10

מיין שטעטל

געקומען צוריק אַהיים איז שוין געווען שפּעט אינדערנאַכט, אָבער איך האָב געטראָפן דעם פעטער זיצנדיק ביים טיש און האַלטנדיק אין דער האַנט אַן אָפענע צייטונג. דער פעטער האָט נאָר אַ קוק געטון אויף

מיר האָט ער דערזען אין מיר אַן ענדערונג. און ס'איז טאַקע געווען ריכטיק; אַוועקגייענדיק פונעם הויז, ווו איך האָב אַזוי גוט פאַרבראַכט דעם אָוונט מיט מיינע חברים, האָב איך זיך דערפילט אַ סטימולירטער, אַן אויפגעלעבטער, אַ מונטערער, אַ צופרידענער. דער פעטער האָט אַ שמייכלענדיקער געקוקט אויף מיר און אַ זאָג געטון:

— איך זע, אַז דו האָסט גוט פאַרבראַכט און איך בין צופרידן. און איצט זעץ זיך אַוועק. מיר האָבן וועגן עפּעס צו שמועסן.

און ער הויבט אָן אַזוי:

— איך האָב היינט נאָכאַמאָל געהאַט אַ לענגערן שמועס וועגן דיר מיט מיין פריינט, דער זעלבער, וואָס איך האָב שוין מיט דיר פריער גערעדט וועגן אים. מיר האָבן ביידע לאַנג אַרומגערעדט דיין לאַגע, פון וואָס פאַר אַ סביבה דו קומסט, מיט וואָס דו בינסט געווען פאַרנומען און וואָס דו האָסט ביז איצט דערגרייכט. איך האָב מער־וויניקער אַלץ דער־קלערט. און מיר ביידע ווייסן, אַז ס'איז נישט דיין שולד וואָס דו האָסט ביז איצט, צו דיינע זיבעצן יאָר נישט באַוויזן צו דערגיין צו עפּעס באַשטימטס. צו וואָס דו זאָלסט זיך נישט נעמען ווערסטו מוזן אָנפאַנגען גאָר פון אָנהויב. אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן איז זייער שווער צו קומען צו עפּעס אַ באַשטימטן „טאָלק" און באַשלוס. האָבן מיר פונדעסטוועגן אויסגעאַרבעט אַ שטיקל פּלאַן אויף דערווייל פאַר דיר צו זיין באַשעפטיקט און זען ווי וויט דו וועסט זיך אַריינפּאַסן און אויסטויגן צו דעם וואָס מיר האַלטן אין פּלאַנעווען.

איך האָב דיר שוין, דאַכט זיך, איין מאָל דערמאָנט, אַז מיין פריינט האָט דאָ אין שטאָט אַ געשעפט פון בוי־מאַטעריאַלן. וועלן מיר טאַקע מאָרגן אַריבערגיין אַהין. מיר וועלן זיך דאָרטן טרעפן מיט זיינע צוויי מענטשן, וואָס זענען דאָרטן אָנגעשטעלטע און זיי וועלן זיך מיט דיר צוזאַמענרעדן און דערקלערן דיר אַלע איינצלהייטן אין וואָס דיין אַרבעט וועט באַשטיין.

דעם צווייטן אינדערפרי זענען מיר געקומען צום „סקלאַד"־געשעפט. די מענטשן האָבן שוין געוווסט, אַז מיר קומען. זיך אָפּגעגעבן „שלום־עליכם", זיך איבערגעביטן מיט אַ קורצן געשפּרעך און דער פעטער האָט געזאָגט צו זיי:

— נו, איך לאָז אים איבער אין אייער רשות. איך מיין, אַז איר וועט האָבן אין אים אַ גוטן תּלמיד, ער וועט זיך צוהערן צו אייער תּורה.

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט און אַוועקגעגאַנגען. איינער פון די צוויי מענטשן — זיין נאָמען ר׳ חיים — האָט געזאָגט צו מיר:

— ווי איך האָב געהערט בינסטו שמיל יאַמפּאָלסקיס אַ פּלעמיעניק. אויב בינסט נאָר געראָטן אַ ביסל אין דיין פעטער וועט פאַר דיר נישט זיין שווער צו באַנעמען און פאַרשטיין אָט־אָ די „הילצערנע תורה״. נו, קום מיט מיר.

מיט דער „הילצערנער תורה״ האָט ער געמיינט צו זאָגן, ווען ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אָנגעוויזן אויפן גרויסן ריזיקן פּלאַץ, וואָס איז געווען פאַרוואַליעט און אָנגעלייגט מיט כלערליי האָלצוואַרג און פאַרשיידענע מאַטעריאַלן ווי ברעטער, קלעצער, דעמבעס, סלופּעס, שפּאַלן, שטאַכעטן און נאָך אַלע אַנדערע מאַטעריאַלן — פון עפּעס אַ שטיקל ברעטל צוצוקלאַפּן צו אַ וואַנט פאַר אַ פּאַליצע ביז אַלע אַנדערע מאַטעריאַלן וואָס פאָדערן זיך אויפצובויען אַ גאַנצן בנין...

מיט אַ מאָל טוט ער אַ זאָג צו מיר:

— וואַרט דאָ אַ מינוט, איך וועל זיך באַלד אומקערן צוריק.

ער איז אַריין אין דעם קליינעם שטיבעלע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט און האָט געדינט פאַר פאַרשיידענע צוועקן — ווי אַ שטיקל קאַנטאָר, אַ מין אָפּיס, וווּ עס האָבן זיך געפונען די געשעפטס־ביכער, אַ קאַסע (סייף), אַ טיש, אַ צוויי־דריי בענקלעך, אַן אייוועלע פאַר ווינטער זיך באַשיצן פון די קעלטן, רעגנס, אאַ״וו, ווען מ׳איז שטאַרק פאַרנומען און מען קאָן נישט אַרויסגיין עסן גייט מען אַריין אינעם שטיבעלע עפּעס איבערכאַפּן.

ער איז גלייך אַרויס צוריק, האַלטנדיק אין דער האַנט אַן אַרשין מיט וואָס מען מעסט די אַלע געהילץ־סחורות. ער ווייזט מיר דעם אַרשין און זאָגט צו מיר:

— זעסט אָט דאָס־אָ, דו קאָנסט זיך אָן דעם דאָ נישט באַגיין קיין איין מינוט. דו מוזסט עס טראָגן כסדר מיט זיך, מחמת אַלץ דאָ ווערט פאַרקויפט אויף דער מאָס — אויף דער לענג, דער ברייט, דער גרעב, ווי איך וועל דיר שפּעטער ווייזן. קוֹדם־כל וויל איך דיר זאָגן, אַז מיר דערוואַרטן נישט, אַז דו זאָלסט זיך דאָ אויסלערנען כל התורה על רגל אחת. מיר ווייסן, אַז דאָס אַלץ איז פאַר דיר ניי, פרעמד, און האָסט נישט אין דעם קיין דערפאַרונג. איך ווייס, אַז דו האָסט אַ ביסל געלערנט. דיין פעטער שמיל האָט מיר דערציילט וועגן דיר, געדענקסטו מסתמא דעם מאמר, אַז „לא הבישן למד״. וויל איך, אַז דו זאָלסט זיך קיינמאָל נישט

שעמען צו פרעגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. ווען דו וועסט קומען איבער עפּעס וואָס איז דיר קשה און בינסט אין עפּעס מסופק, אָדער דו האָסט אין עפּעס פאַרגעסן, איז — מיר, איך מיין איך, ווי אויך ר׳ זלמן — דאָס איז דער צווייטער מענטש דאָ — און דאָס פאַרלאַנגט פון אונדז אויך אונדזער באַלעבאָס ר׳ אהרן — וועלן מיר זיין צופרידן צו יעדער צייט, וואָס דו וועסט זיך צו אונדז ווענדן דיר באַהילפיק צו זיין איז אַלץ, וואָס דו וועסט וועלן וויסן און אויסגעפינען. אונדזער באַלעבאָס ר׳ אהרן האָט מיך אויך אינסטרואירט דיר אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז דו בינסט דאָ אויף פּראָבע, אויף זעקס חדשים אָן געצאָלט, און אַז דו וועסט באַווייזן דורך דער צייט, אַז דו באַנעמסט און פאַרשטייסט די אַרבעט און מאַכסט זיך נוצלעך — קאָנסטו זיכער זיך פאַרלאָזן אויף אונדזער באַלעבאָס ר׳ אהרן, אַז ער וועט דיך צופרידנשטעלן אויף אַלע אופנים. איך וויל דיר אויך זאָגן, אַז דאָס איז דער פּלאַן, וואָס ר׳ אהרן און דיין פעטער שמיל האָבן פאַר דיר דערווייל אויסגעאַרבעט. נו, און איצטער איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן צו זיין דיין רבי און מורה־דרך ביי דער דאָזיקער אַרבעט, צו וועלכער מיר נעמען זיך. און איך זאָג דיר צו, אַז פון מיין צד וועט נישט זיין קיין אָפּהאַלט צו דערקלערן דיר אַלץ, וואָס שייך צו דעם ענין. נו, איז אונטער די דאָזיקע אומשטאַנדן אָנפאַנגען — — — פון „אלף־בית״ !...

קאַפּיטל 11

ר׳ חיים דערקלערט מיר די אַרבעט

קודם־כל מיין איך, אַז ס׳איז כדאי און פּראַקטיש זאָלסט וויסן, אַז דו קוקסט זיך אַרום דאָ־אָ, וווּ מיר שטייען און זעסט פאַר זיך אַזויפיל געהילץ־מאַטעריאַלן פון אַלערליי מינים, איז די פראַגע — פון וואַנען שטאַמען זיי און ווי אַזוי קומען זיי אַהער ? פון וואַנען זיי שטאַמען איז דאָך נישט שייך צו רעדן, מחמת דאָס ווייסט דאָך אַפילו אַ קינד, אַז דאָס געהילצוואַרג שטאַמט פון די אַלערליי בוימער — דינע, גראָבע, גרויסע, הויכע, וואָס געפינען זיך אין די וועלדער. אָבער ווי אַזוי און ווען ווערט דאָס אַלץ אויסגעאַרבעט, און ווי אַזוי און ווען ס׳קומט אָן אַהער — דאָס

דאַרפסטו זיכער וויסן און דאָס זיין באַקאַנט מיט דעם וועט דיר שפּע־טער — לאָמיר האָפן — אַ סך צונוץ קומען.

וועל איך עס דיר דאָ פּרובירן בקיצור דערקלערן:

דער וואַלד פון וועלכן מיר קריגן די אַלע מאַטעריאַלן געפינט זיך אַ פופציק־זעכציק ווערסט פון אונדזער שטאָט און איז געקויפט געוואָרן פון דריי יידישע וואַלד־סוחרים אַלס שותפים, און אונדזער באַלעבאָס איז איינער פון זיי. די אַנדערע צוויי שותפים זענען פון אַנדערע שטעט. יעדער פון זיי האָט זיינע אָנגעשטעלטע, וועלכע געפינען זיך אין וואַלד און גיבן אַכטונג אויף די אינטערעסן פון זייערע באַלעבאַטים. אויך מיר, ד. ה. ר׳ אהרן האָט דאָרטן אַן אָנגעשטעלטן און די אויפגאַבע פון די דריי מענטשן איז צו זען, אַז די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס ווערן דאָרטן אויסגעאַרבעט זאָלן צעטיילט ווערן גלייך אויף גלייך, אויף דריי חלקים, איין חלק צו יעדן שותף. די דאָזיקע דריי מענטשן אין וואַלד דאַרפן זיין און זענען ספּעציאַליסטן אין זייער וויסן וועגן דעם וואַלד־פּאַך־געשעפט. זיי גייען אַלע דריי אַרום איבערן וואַלד מיט ביקסן אויף די אַקסלען קעגן פּירפּיסיקע מזיקים — אַמאָל אויך צווייפיסיקע — באַטראַכטן יעדן בוים פון אַלע זייטן — זיין הויך, זיין גרעב און וואָס, און וויפל עס קאָן פון זיך אַרויסגעבן. און קוקנדיק און מעסטנדיק דאַרפן זיי באַשליסן, צי איז דער בוים הייסט עס, לחיים או למות. דאָס הייסט, האַקן, שניידן אָדער אים נאָך לאָזן לעבן. אַלץ וואָס דו זעסט דאָ אין סקלאַד, אָט דער גאַנצער מאַטעריאַל, קומט פונעם וואַלד און פון ר׳ אהרנס חלק, וואָס ווערט פון דאָרט אַהער אַרויסגעשיקט. דאָס אַרויסשיקן די סחורה פון וואַלד איז אויך די אַרבעט פון די דריי אָנגעשטעלטע מענטשן. זיי דאַרפן באַזאָרגן פורן מיט פערד און וועגענער, וואָס ברענגען די אויסגעאַרבעטע סחורה צו די דריי שותפים אין די באַזונדערע שטעט. און ווען די פורן מיט דער סחורה קומען אָן, ברענגען זיי מיט זיך „קוויטאַנציעס”, צעטלעך מיט אַ חשבון, וויפל און וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן. און מיר דאָ דאַרפן דאָס אויפנעמען מיט אַ צאָל און מאָס. אגב מיין איך, אַז דאָס וועט זיין טאַקע דיין ערשטע אַרבעט נאָך איינציקע וואָכן.

איך דערצייל עס דיר אַלץ זייער בקיצור, מחמת איך מיין, אַז די צייט וואָס דו וועסט דאָ זיין און דעם אינטערעס, וואָס דו וועסט אַרויס־ווייזן צו אַלץ, וועט דיך לערנען אַ סך מער ווי איך קען דיר דאָ על רגל אחת אויפקלערן. אַלץ, וואָס דו דאַרפסט פון איצט און ווייטער טון איז זיך צוקוקן צו מיר ווי אויך צו ר׳ זלמנען וואָס און ווי אַזוי מיר פירן

זיך ביים פאַרקויפן, ווי אַזוי מעסטן מיטן אַרשין, די מקחים פון די אַלע באַזונדערע מאַטעריאַלן, אאַ״וו. און ווי איך האָב דיר שוין פריער געזאָגט און זאָג דיר נאָך אַ מאָל, און דאָס איז ר׳ אהרנס פאַרלאַנג, אַז מירן נישט מיד ווערן כסדר דיר צו ענטפערן און אויפקלערן צו יעדער צייט וועגן וואָס נאָר דו וועסט זיך צו אונדז ווענדן.

ר׳ חיים האָט מיך דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין אַרומפירן איבערן גאַנצן גרויסן סקלאַד, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער מין סחורה און געלערנט מיט מיר די תורה:

— דו זעסט אָט די ברעטער — זאָגט ער צו מיר ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסן הורב ברעטער, וואָס זענען געווען אויסגעלייגט איינס אויפן צווייטן אין דער הויך און אין דער לענג. ער טוט אַ שלעפּ אַרויס די אויבערשטע ברעט און הייבט מיר אָן דערציילן, איר, דער ברעטס לעבנס־געשיכטע, פון איר סאַמע בראשית אָן. ווען זי איז נאָך געלעגן אין וואַלד, אינעם גרויסן, גראָבן דעמבס בויך ביז זי וועט מגולגל ווערן אין איר לעבנס־גאַנג אויף פענצטער, טירן, פּאָדלאָגעס, סטעליעס און ווער ווייסט אויף וואָס נאָך. מיר גייען ווייטער און ער שטעלט זיך אָפּ לעבן אַ הורב שפּאָלן, קלעצער אַזעלכע, וואָס ווי ר׳ חיים דערקלערט, וועט זייער גורל זיין אויסגעלעבט צו ווערן ערגעץ־ווו אויף לאַנגע שליאַכן, וואָס אויף זיי וועלן געלייגט ווערן אייזערנע רעלסן און אויף די שפּאָלן און רעלסן וועט לויפן אַ באַן.

און אַזוי שפּאַנענדיק שטעלט זיך ר׳ חיים אָפּ ביי פאַרשיידענע מינים געהילץ־זאַכן און געהאַלטן מיר אין איין דערקלערן זייער באַדייט, צו וואָס מען נוצט עס, ווער קויפט עס אדג״ל.

ער פירט מיך אויך צו צו אַ גרויסער פאַרמאַכטער געביידע, ביים עק פון סקלאַד, טוט אַ צעעפן די פאָדערשטע גרויסע טירן און איך דערזע פאַר זיך אַ גרויסע מאַסע פון אַלערליי הילצערנע מאַטעריאַלן אין פאַר־שיידענע מאָסן — לאַנגע, שמאָלע, ברייטע, קורצע, וואָס ליגן אויסגעלייגט באַזונדער לויט זייער מאָס, אַזוי ווי מאַנופאַקטור־סחורות אויף די פּאָ־ליצעס. ר׳ חיים דערקלערט מיר, אַז די דאָזיקע מאַטעריאַלן ווערן באַ־צייכנט אַלס די טרוקענע סחורה, זיי דאַרפן אויפגעהיט ווערן פון רעגן, שנייען און סתם פייכטע וועטערן, זיי דאַרפן זיין אויסגעטריקנט, מחמת פון זיי ווערן געמאַכט שטוב־מעבל ווי טישן, בענקלעך, שאַפעס, קאָמאָדעס און אַלץ פון שטוב־באַלעבאַטישקייט. אָט די סחורה ווערט געקויפט מערסטנס פון די יידישע סטאָליערס דאָ אין שטאָט.

און ביי דעם טוט ר׳ חיים אַ נעם אַרויס פון זיין זשילעט־קעשענע זיין זייגערל, וואָס איז געווען צוגעשפיליעט אויף אַ קייטעלע, כאַפּט אַ קוק און טוט אַ זאָג:

— נו, אויף היינט, דעם ערשטן טאָג וועט זיין גענוג דערווייל דאָ, אין דרויסן. קום, לאָמיר אַריינגיין אין קאַנטאָר, וועל איך דיר ווייזן די „קוויטאַנציעס״ און די חשבונות, וואָס קומען פון וואַלד מיט די מאַטער־יאַלן וואָס ווערן פון דאָרט אַרויסגעשיקט, וועסטו זיך מיט דעם אַ ביסל באַקענען, מחמת ווי דו געדענקסט האָב איך דיר געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין דיין ערשטע אַרבעט דאָ.

אַריינקומענדיק אין שטיבעלע האָט ר׳ חיים געעפנט די קאַסע (סייף), אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גרויס, גרין, בלעכן קעסטל, עס געעפנט און אַרויסגענומען פון דאָרט אַזעלכע קוויטלעך, וואָס ר׳ אהרנס מענטש שיקט אַרויס מיט יעדן פויער, וואָס ברענגט דעם אויסגעאַרבעטן מאַטעריאַל פון וואַלד צום סקלאַד. ר׳ חיים גיט מיר אייניקע פון זיי און זאָגט צו מיר:

— לייען און זאָג מיר וואָס אין זיי איז געשריבן.

איך נעם איינס, צעעפן עס און ווער איבערראַשט זעענדיק, אַז ס׳איז געשריבן אין העברעיש, אין אַזאַ נוסח: „להגביר הנכבד ר׳ אהרן בערינ־שטיין, ימחיל כבודו לקבל על־ידי הערל קוזמא קאַבאַטשוק, שישים וחמשה קרשים, ולשלם לו שכר־עגלה שלושה רובל, ושבעים וחמשה קאָפּ. בכבוד רב — ש. ל. בראָצקי״. און דאָס איז געווען דער נוסח פון אַלע קוויטלעך, וואָס יעדער פויער האָט געבראַכט, מיטן אויסנאַם פונעם פויערס נאָמען, וואָס אַנשטאָט „על ידי קוזמא״ איז געווען מאַקסים, טראָפים, פּאַוולאָ, ניקיטאַ אא״וו. אין די דאָזיקע קוויטלעך אָדער קוויטאַנציעס, ווי ר׳ אהרן פלעגט זיי רופן, איז דער זעלביקער נוסח אויך געווען אין רוסיש, ווי: „פּראָשו פּאָלוטשיט״ און „פּראָשו זאַפּלאַטיט״, אדג״ל. און אַנשטאָט קרשים, ד. ה. ברעטער איז געווען אין דער קוויטאַנציע אַזויפיל און אַזויפיל שפּאַלן, קלעצער, סלופּעס, שטאַכעטן און אַנדערע אויסגעאַרבעטע געהילצן פון וואַלד.

איך האָב איבערגעלייענט אייניקע קוויטאַנציעס, דערקלערט זייער אינהאַלט ר׳ חיימען און ער, מיט אַ שמייכל, טוט אַ זאָג צו מיר:

— איך האָב דאָ נישט געמיינט דיך צו פאַרהערן, איך האָב נאָר געוואָלט זאָלסט זיך באַקענען מיטן אינהאַלט פון די קוויטאַנציעס, כדי זיי זאָלן דיר נישט זיין פרעמד שפּעטער, ווען דו וועסט זיך מיט זיי מטפל זיין.

בײַ דעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַראָפּגענומען אַ בינטל שליס־לען, וואָס זענען געהאַנגען אויף אַ טשוואָק אויף דער וואַנט און אַ זאָג געטון:

— נו, עס ווערט שוין טונקל אין דרויסן, צײַט צו פֿאַרמאַכן דעם סקלאַד. פֿאַרן ערשטן טאָג וועט דערווײַל זײַן גענוג די „הילצערנע תורה". איה"ש מאָרגן וועלן מיר ווידער שמועסן.

אַרויסגײַענדיק פֿון שטיבעלע האָבן מיר זיך באַגעגנט מיטן צווייטן מענטש, וואָס איז דאָ אָנגעשטעלט — ר' זלמנען, וואָס האָט שוין אויף אונדז געוואַרט. מיר זענען אַלע דרײַ צוגעגאַנגען צום טויער פֿון סקלאַד, וואָס איז באַשטאַנען פֿון צוויי האַלבע טויערן. ר' חיים איז צוגעגאַנגען פֿון איין זײַט, ר' זלמן פֿון דער צווייטער זײַט און האָבן פֿאַררוקט ביידע האַלבע טויערן צוזאַמען און זיי פֿאַרשלאָסן מיט דרײַ גרויסע שלעסער און מיר זענען אַרויסגעגאַנגען דורך אַ טירל בײַ דער זײַט פֿון טויער, וואָס איז אויך צוגעשלאָסן געוואָרן.

מיר האָבן זיך געווונטשן אַ „גוטע נאַכט" און יעדער פֿון אונדז איז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג.

קאַפּיטל 12

מיר געפֿעלט דאָס געשעפֿט

ס'איז שוין אַ קימאַ־לן פֿון אַ שיין ביסל יאָרן פֿון יענעם ערשטן טאָג פֿונעם אָנהויבן אַ נײַ לעבן, און איך לעב נאָך איצט, צײַטנווײַז, איבער מײַנע געפֿילן פֿון יענעם ערשטן טאָג און די פֿאַרשיידענע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געמישט בײַ מיר אין מוח.

קודם־כל געדענק איך, ווי דאָס דאָזיקע סאָליד, גרויס האָלץ־געשעפֿט האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק. ס'איז מיר געפֿעלן! איך האָב אָנגעהויבן אין מײַנע געדאַנקען צו פֿאַרגלײַכן אָט דעם דאָזיקן מסחר מיט די מסחרים פֿון די מערסטע יידישע פּרנסות אין טערנאָוקע, וואָס זענען נאָך בײַ מיר געווען אַזוי פֿריש אין זכרון. דאָס פּרנסה־בילד פֿון שטעטל — די קלייטן און קלייטלעך, קראָמען און קרעמעלעך, שטעלעכלעך, מעקלערס, יאַרידניקעס, „שאָ־טי־מאַיעשניקעס" („וואָס האָסטו צו פֿאַרקויפֿן?"), פֿינף־קאָפּעדיקע סוחרים, וואָס פֿלעגן שטיין אויפֿן יאַריד און אויסשרײַען זייערע

סחורות אַ גאַנצן טאָג: „פּיאַט קאָפּיעיעק!", „פּאָ פּיאַט", „נאַ פּיאַט", „זאַ פּיאַט". איך האָב געזען די יידן וואָס לויפן אַרום אינעם יאַריד, האַווען, שמייען, שמעקן, טאַפּן וואָס עמעצער האָט און וואָס אַ צווייטער דאַרף. און אפילו די גרעסערע סוחרים וואָס פלעגן אָפּט אַריינקומען צום זיידן אין שטוב און שמועסן וועגן תבואה־מסחר, וואָס עס געפינט זיך ביי די פּריצים און „פּאָמיעשטשיקעס" אין די דערפער, וועגן די מקחים, און וואָס „זאַגראַניצאַ טרעביוויט" איצט.

אָט די אַלע שטאָט־פּרנסות וואָס זענען מיר דעמאָלט דורכגעלאָפן אין די געדאַנקען האָבן אויסגעקוקט מיר אַזוי קליין, אַזוי אַרעם, אַזוי גראָ־שעדיק, אַזוי באַדנלאָז, גאַלע לופט; עפּעס וואָס מען קאָן נישט אָנטאַפּן — לגבי דעם געשעפט דאָ, וואָס איך האָב היינט געזען. אָט איז אַ געשעפט וואָס מען זעט עס, מען זעט עס פון „א" ביז „ת". למשל, ס'שטייט אַ דעמב אין וואַלד, אָט שניידט מען אים אונטער, אָט מאַכט מען פון אים ברעטער און פון די ברעטער וואָס נאָר איר ווילט און דאַרפט: אַ טיש, אַ בענקל, אַ שאַנק און מ'קאָן אַפילו אויפבויען אַ גאַנצע געביידע. הקיצור, ס'איז אַ יש! איך ווייס נישט וויפל רווחים ס'ברענגט אַריין אַזאַ געשעפט די אייגנטימער פון אַזאַ מסחר, אָבער אַרבעטן און זיין טעטיק אַרום אַזאַ געשעפט איז זייער אינטערעסאַנט און ס'איז מיר געפעלן.

אין דעם טאָג וואָס ר' חיים האָט מיט מיר שטודירט די „הילצערנע תורה" — ווי ער פלעגט עס רופן — האָב איך אָנגעשטרענגט אַלע מיינע חושים, זיך צוגעהערט און אַריינגעזאַפּט אַלץ וואָס ער האָט מיר געוויזן און דערקלערט. איך האָב ביי זיך געטראַכט אַז דאָ ליגט מיין גורל אויף דער וואָגשאָל, אַ גורל פון זיין אָדער נישט זיין; און אויב, חלילה, נישט זיין, מיינט עס אפשר צוריק קיין טערניווקע, צוריק צו דעם האַרט־פּאַר־גליווערטן לעבן, פון וועלכן איך האָב זיך אַרויסגעריסן! אָט דעם געדאַנק האָב איך גלייך פאַרטריבן און באַשלאָסן, אַז אַזעלכע מחשבות זאָלן אין מיין מוח נישט צוגעלאָזט ווערן.

און אַזוי גייענדיק און טראַכטנדיק האָב איך זיך געפונען לעבן פּעטערס הויז. אַריינגייענדיק האָבן דער פעטער און די מומע מיך באַגעגנט מיט שמייכלען, קוקנדיק אויף מיר ווי זיי זאָלן וועלן טרעפן דעם איינדרוק פון ערשטן טאָג אויף מיין שטעלע. האָב איך זיי לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן און זיי גלייך דערקלערט, אַז וואָס אָנבאַלאַנגט מיר, איז מיר דאָס געשעפט און די אַרבעט וואָס מיך דערוואַרט דאָרט זייער און זייער געפעלן, און צו דעם וועל איך זיך באַמיען און סטאַרען, אַז פון מיין צד זאָל נישט

זיין קיין מניעה און קיין סיבה, אַז דער „שידוך" זאָל חלילה נישט עולה יפה זיין.

אויפן צווייטן פרימאָרגן בין איך גלייך אַוועק צום סקלאַד. איך האָב שוין דאָרטן געטראָפן וואַרטנדיק ר' זלמנען און אין אייניקע מינוטן שפּע־טער איז צוגעקומען ר' חיים און אויפגעשלאָסן די דריי שלעסער פון טויער. ר' חיים האָט אָנגענומען דאָס הענטל פון איין האַלבן טויער און איידער ר' זלמן האָט געהאַט צייט אויסצושטרעקן זיין האַנט צום הענטל פונעם צווייטן האַלבן טויער, האָב איך אָנגעכאַפּט דאָס הענטל און איך און ר' חיים האָבן צערוקטביידע טויערן וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז דאָס געשעפט איז אָפיציעל אָפן און גרייט פאַר קונים.

קאַפּיטל 13

געוואָרן נוצלעך אין געשעפט

דעם ערשטן טאָג גייענדיק צום סקלאַד, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן צו זיין נוצלעך, זיין פלייסיק אויף מיין אייגענער איניציאַטיוו, נישט וואַרטן ביז מ'וועט מיר הייסן עפּעס טון אא"וו. און אַזוי האָב איך זיך אָנגעהויבן צו פירן פונעם ערשטן טאָג אָן.

אָפּזייענדיק אין געשעפט אַ פּאָר וואָכן האָב איך זיך שוין געפילט אַ ביסל היימיש מיט די צוויי עלטערע מענטשן. איך האָב אַרויסגעוויזן דרך־ארץ צו זיי, פאַרשפּאָרט זיי געוויסע, נישט וויכטיקע רוטינע אַרבעטן וואָס איך האָב זיך צו זיי אַליין געכאַפּט און איך האָב באַמערקט, אַז זיי זענען פון דעם געווען צופרידן. ר' חיים איז געווען אַן איידעלער מענטש, אַ ייד אַ לערנער, אַ יודע־ספר. ער פלעגט אָפט אין זיין רעדן און שמועסן ציטירן אַ פּסוק און דערביי הנאה געהאַט ווען ער פלעגט אָנפאַנגען דעם פּסוק און איך פלעג אונטערכאַפּן און דעם פּסוק פאַרענדיקן, למשל: ווען ער האָט אָנגעפאַנגען פאַמעלעך צו זאָגן „אל תדין את חברך...", האָב איך פאַרענדיקט „...עד שתגיע למקומו", אָדער ווען ער האָט אַ זאָג געטון: „סיג לחכמה..." בין איך אַריין מיטן „...שתיקה" און אַזוי נאָך און נאָך.

איך האָב געפילט אין אים אַ פריינט, איך האָב אַפילו איין מאָל געפּרוּווט אים באַדינען פערזענלעך, עפּעס וואָס ס'האָט גאָרנישט געהאַט צו טון מיט דער אַרבעט אין געשעפט.

פאַסירט האָט זיך עס אין אַ מאָרגן. אַרום צען־עלף אַ זייגער, האָט זיך ר׳ חיים מיטאַמאָל געטון אַ כאַפּ, און אַ זאָג געטון:

— או־וואַ! — ער האָט פאַרגעסן זיין מיטאָג־עסן, וואָס ער פלעגט עס אָפּט ברענגען ווען ער האָט געוווסט, אַז ער וועט דעם טאָג נישט קאָנען פאַרלאָזן דעם סקלאַד צוליב ספּעציעלע אַרבעטן. אין אַזאַ טאָג פלעגט ער אַריינגיין אין שטיבעלע מיט זיין עסן און אויפדערגיך עפּעס איבערכאַפּן...

איך האָב זיך גלייך אָנגעבאָטן צו גיין צו אים אַהיים און אים ברענגען זיין עסן. ער האָט אָבער פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אַפילו הערן וועגן דעם. איך האָב אים אַפילו אויפמערקזאַם געמאַכט מיט אַ פּסוק, אַז מיט דעם וואָס איך וויל עס טון, וויל איך פאַרדינען די מצוה פון משמש זיין אַ תלמיד־חכם, אָבער ער האָט עס אָפּגעוואָרפן זאָגנדיק דערביי:

— זאָל דיר באַשערט זיין משמש צו זיין גרעסערע תלמידי חכמים ווי איך.

נאָך איצט ווען ס׳שווימט מיר אויף אין מיין זכרון יענער פּעריאָד, דאָס יאָר 1900 ווען איך בין געקומען קיין נעמיראָוו, דערמאָן איך זיך און עס שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס געשטאַלט פונעם שיינעם עניותדיקן ייד, וואָס האָט אַרויסגעוויזן צו מיר אַזויפיל אינטערעס און פריינטשאַפט.

איך האָב אָנגעהויבן אויסצופירן נוצלעכע אַרבעטן אין געשעפט אויף אַלע געביטן. מיין ערשטער, קאָן מען זאָגן, פאַראַנטוואָרטלעכער אַקט איז געווען ווען איך האָב צום ערשטן מאָל אָפּגענומען דעם סכום מאַטעריאַל פון וואַלד, ווען ס׳זענען אָנגעקומען די פויערים מיט די וועגענער. זיי האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט אויף דער גאַס, ווו דער סקלאַד האָט זיך געפונען. אַריינגעקומען זענען זיי מיט די בייטשן אין די הענט און די קוויטאַנציעס האָבן זיי געהאַלטן אין די היטלען. ר׳ חיים האָט מיך צו־גערופן און מיר דערקלערט ווי אַזוי דער סיסטעם פון אָפּנעמען די וואַלד־סחורה איז איינגעשטעלט; קודם־כל אָפּנעמען פון יעדן פויער זיין קווי־טאַנציע און אַנשטאָט זיי זאָלן אַלע מיט איין מאָל אַריינפאָרן אין סקלאַד, אַריינרופן זיי איינציקווייז, ביי זייערע נעמען. און ר׳ חיים זאָגט מיר:

— ווען דו וועסט פאַרטיק ווערן מיט איינעם, רוף אַריין דעם צווייטן, דריטן, אאז״וו, ביז דו וועסט פאַרטיק ווערן מיט אַלע.

איך געדענק ווי איך האָב זיך געפילט, געשמייכלט און צופרידן וואָס ר׳ חיים האָט מיר אָנגעטרויט און זיך אויף מיר פאַרלאָזט דורכצופירן אָט די דאָזיקע אַרבעט. בכלל האָט מיר אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין מיין אַרבעט אין סקלאַד דאָס וואָס איך האָב פריי און פליסיק גערעדט „גוייש״; איך

בין נאָך אין טערניווקע פון קינדווייז־אָן און אין די יינגלשע יאָרן געווען אַזוי ווי אַנדערע יידישע קינדער אויסגעבונדן מיט אַלע שקצימלעך, וואָס פלעגן אַריינקומען אין שטעטל פון די דערפער אַרום, זיך געשפּילט מיט זיי, זיך געקריגט, זיך געשלאָגן, געוואָרפן שטיינער, גערעדט אויף זייער שפּראַך, געזונגען זייערע לידלעך מיט אַלע קנייטשן און ניואַנסן; און דערפּאַר, בעת איך בין אַרויס אין גאַס, ווו די פורן זענען געשטאַנען און געוואָרט, און איך האָב זיך באַגריסט מיט זיי מיט אַ „דאַי באָזשע זדאָ־ראָוויאַ" און געכאַפּט מיט זיי אַ קורצן שמועס מכוח דער „פּאָגאָדע" (וועטער), „דאָראָגי" (וועג), „כודאָבע" (די סוסים) וכדומה, האָבן זיי אַלע געשמייכלט, געפרעגט ווי מען רופט מיך, און איך האָב דערפילט, אַז איך האָב פאַרבונדן מיט זיי אַ היימישן קאָנטאַקט.

איך האָב פאַרבעטן דעם ערשטן אַריינצופירן זיין סחורה, אים אָנגעוויזן דאָס אָרט ווו אויסצולאָדן, איבערגעציילט צוויי מאָל, פאַרצייכנט אויף זיין קוויטאַנציע אַז אַלץ שטימט, אַריינגערופן דעם צווייטן, דעם דריטן און אַזוי אַלע אַנדערע.

דורך דער גאַנצער צייט וואָס די דאָזיקע אַרבעט פון אויסלאָדן די סחורה פון די וועגענער איז אָנגעגאַנגען, איז ר' חיים אַ פּאָר מאָל צוגעגאַנגען, אַ קוק געטון אין אַ קוויטאַנציע און מיט זיין שטיקל קרייד אין האַנט אַ צייל געטון די אָפּגעלייגטע סחורה און גאָרנישט זאָגנדיק אַוועקגעגאַנגען.

אָט די אַרבעט האָט פאַרנומען, כמעט, אַ גאַנצן טאָג און ווען אַלץ איז געווען פאַרענדיקט, האָט ר' חיים צענויפגענומען אַלע קוויטאַנציעס, אויסגעצאָלט די פּויערים יעדן זיין סומע. די פּויערים האָבן זיך געזעגנט און זענען אַוועק.

מיר האָבן דאַן פאַרשלאָסן דאָס געשעפט.

קאַפּיטל 14

זיך צוגעכאַפּט צום פּעטערס ביבליאָטעק

און אַזוי ווי איך האָב אָנגעהויבן צו פילן אַ היימישקייט אין סקלאַד ביי דער אַרבעט, אַזוי האָב איך זיך אויך דערפילט ווי אַ בן־בית און

היימישביים פעטער אין הויז, מיט די באַקאַנטע אין גאַס, מיט מיינע חברים אין קלוב און מיט מיין נייעם גאַנצן אַרום.

איך האָב זיך קודם־כל צוגעכאַפּט צום פּעטערס ביבליאָטעק. מיין ערשט בוך וואָס איך האָב געפונען און אָנגעהויבן צו לייענען (אַחוץ, על פּרשת דרכים, געלייענט נישט פאַרשטייענדיק) איז געווען דאָס בוך אין העברעיש „אהבת ציון" פון א. מאפו. איך געדענק נאָך איצט דעם איינדרוק וואָס ס'האָט אויף מיר געמאַכט דאָס עפּעס אַ ספר וואָס איז נישט געווען קיין סידור, קיין מחזור, קיין חומש, קיין גמרא, אָדער אַ ספר פון די נביאים. אָט די אַלע ספרים מיט וועלכע איך בין ביז איצט מער־ווייניקער געווען באַקאַנט. אַוודאי האָב איך געהערט און געוווּסט, אַז ס'איז פאַראַן אַ נייע, מאָדערנע ליטעראַטור אין העברעיש; אָבער דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מיינע אויגן האָבן זיי געזען און מיינע הענט האָבן זיי געהאַלטן; און איך האָב אָנגעהויבן צו לייענען און בין פאַרכאַפּט געוואָרן און שטאַרק הנאה געהאַט פון א. מאַפּוס „אַלע ווערק" וואָס איך האָב איינגעשלונגען אין אַ קורצער צייט.

איך שטעל דאָ צו איצט, אינעם יאָר 1971, דעם טרעפלעכן געדאַנק און אויסדרוק וואָס איך האָב באַגעגנט, לייענענדיק ערגעץ אין דער יידישער פּרעסע אַ געדאַנק, וואָס איז מקוים געוואָרן אין יענער תקופה 1901, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געעפנט און גענומען לייענען אַ בוך אין העברעיש: „אַ תקופה פון איבערגאַנג פון סידור צום בוך".

איך בין געוואָרן אַ גאַנצער „פּאַן־בראַט" מיט דעם פּעטערס ביבליאָטעק. איך האָב זיך צוגעכאַפּט ווי אַ דורשטיקער, און געשעפּט און געטרונקען פון דאָזיקן קוואַל מיט גרויס חשק.

איך געדענק אויך, אַז דעמאָלט לייענענדיק האָב איך געטראַכט און אָנערקענט און טיף אָפּגעשאַצט דעם פאַקט, אַז דער סידור, חומש, גמרא אדג"ל האָבן מיר געגעבן דעם פונדאַמענט צו קענען לייענען, פאַרשטיין און הנאה האָבן פון דער נייער העברעישער שפּראַך און ליטעראַטור.

איך האָב באַמערקט, אַז דעם פּעטער געפעלט זייער מיין אינטערעס צום לייענען. איך געדענק, ווי מיר ביידע זענען אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרומרעדנדיק דעם זיידן מענדעלעס „קליאַטשע" און אויך אַנדערע ווערק פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. ער האָט מיר דעם זעלבן אָוונט געגעבן צום לייענען שלום־עליכמס „גימנאַזיע". אגב דאָס וואָרט „גימנאַזיע" איז געווען אַן אָנגעוויטיקט וואָרט ביים פּעטער אין הויז — איך וועל שפּעטער אויף דעם זיך אָפּשטעלן לענגער.

בעת דעם לאַנגן שמועס, דעם אָוונט, האָט מיר דער פעטער אויפ־מערקזאַם געמאַכט און געראָטן מיך צו לייענען די טעגלעכע און וואָכן־פרעסע, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס אַלטעגלעך שטורעמדיק לעבן פון יענער צייט. און ווי איך געדענק איצט, זענען טאַקע אין די עטלעכע יאָר, אין דעם משך וואָס איך האָב זיך געפונען אין נעמיראָוו, פונעם סוף יאָר 1901 ביזן סוף יאָר 1905, געווען די אומרואיקסטע, שטורעמדיקסטע רעוואָלוציאָנערע יאָרן פון לאַנד בכלל און פון יידישן לעבן בפרט.

אין יענער תקופה האָבן זיך נאָך געפילט די נאָכוויייענישן פון דרייפוס־פּראָצעס; פון דער מלחמה צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן; פון טויט פון ד"ר הערצל; פון קישענעווער פּאָגראָם; די אָפּטע „זאַבאַסטאָווקעס" (שטרייקן), וואָס פלעגן פּאַראַליזירן דאָס גאַנצע לאַנד; דעם צאַרס קאָנ־סטיטוציע; די פּאָגראָמען־כוואַליע איבער גאַנץ רוסלאַנד; ניקאָלאַיס „מתנה" — „די דומע", און נאָך, און נאָך, און נאָך.

איז טאַקע דער פעטער געווען גערעכט, וואָס ער האָט מיך געראָטן אויך צו לייענען די טעגלעכע און וואָכן־פּרעסע, די יידישע און רוסישע, וואָס פלעגט אָנקומען צום פעטער אין הויז.

און אָט אַזוי האָב איך אָנגעהויבן צו פילן פאַמעלעך ווי איך דער־ווייטער זיך פון מיין טערניוועקער שטאָט־סביבה און ווער צו ביסלעך אַריינגעוואַקסן אין מיין נייער סביבה, אין גאָר אַ גאַנץ ניי פאַר מיר לעבן. אמת איז, אַז דאָס דאָזיקע נייע לעבן אין יענעם פּעריאָד איז געווען פאַר מיר זייער אָנגעשטרענגט, זייער אָפּט פול מיט זאָרג, פּחד, שרעק און פאַרצווייפלונג. עס זענען אָבער אויך געווען צייטן און מאָמענטן פון פרייד, געזאַנג און געלעכטער און אַ געוואַלדיקן אינטערעס צו די, כמעט, אַלטעגלעכע געזעלשאַפטלעכע פּאַסירונגען — פּאַסירונגען, וואָס זענען געשטאַנען ברומו של עולם.

קאַפּיטל 15

די גימנאַזיע

אין איינעם אַ טאָג, ווען איך בין אַריינגעקומען אין שטוב האָב אי[ך] באַמערקט און דערפילט עפּעס אַ מאָדנע, נערוועזע, אומרואיקע און אַנ־

געשטערענגטע שטימונג. דער פעטער און די מומע האָבן צווישן זיך גערעדט שטילער ווי געוויינלעך, אין שטוב האָבן זיך אַרומגעדרייט מיר נישט באַקאַנטע מענטשן. איינער פון זיי האָט פאַררופן דעם פעטער אין אַ ווינ־קעלע און שטיל, כמעט, געשושקעט זיך מיט אים. איך האָב זיך אָנגעהויבן צו פילן אַ ביסל אומבאַקוועם. איך האָב דערפילט אַז איך בין דאָ, דוכט זיך, אַן איבעריקער און טאַקע גלייך און אומבאַמערקט שטיל אַרויסגעַ־גאַנגען פון הויז. איך געדענק נאָך איצט, ווי שלעכט איך האָב זיך דעם נאָכמיטאָג און דעם גאַנצן טאָג געפילט. איך האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן און פרובירט טרעפן וואָס אַזעלכעס האָט פּאַסירט, וואָס האָט פאַראורזאַכט די מאָדנע שטימונג ביים פעטער אין הויז?

שפעטער מיט עטלעכע וואָכן האָב איך אויסגעפונען דעם סוד און די סיבה פון יענעם מאָדנעם נאָכמיטאָג ביים פעטער אין הויז; דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ גאַנצער קייט געשעענישן וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דעם ענין גימנאַזיע. איך וויל דאָ פרובירן, אַזוי ווייט ווי איך קען, אָנגעבן די איינצלהייטן וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון:

עס זענען געווען צוויי קינדער ביים פעטער און דער מומען — אַ יינגל פון אַ יאָר צען, יאָסעלע, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן אין רוסיש „יאָסיף" און אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט, בתיה. ביידע קינדער זענען געווען אין עלטער אַריינצוטרעטן אין גימנאַזיע. פאַרן מיידעלע איז עס קיין פּראָבלעם נישט געווען, מחמת פאַר מיידלעך האָט נישט עקזיס־טירט קיין יידישע פּראָצענט־נאָרמע — (אַזוי דוכט זיך מיר — אפשר מאַך איך אַ טעות). איבערהויפּט אין די ערשטע פיר קלאַסן. אָבער פאַר אַ יידיש קינד, אַ יינגל, איז געווען אַ שטרענגע פּראָצענט־נאָרמע, און אַריינגענומען צו ווערן אין גימנאַזיע איז אָנגעקומען מיט גרויסע יסורים און עגמת־נפש. קודם־כל האָט דאָס יידישע קינד, כדי אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען געדאַרפט, געמוזט זיין פון די בעסטע און פעיקסטע; און דעם פעטער איז עס פשוט געגאַנגען אין לעבן, אַז זיין יאָסעלע זאָל אַריינגעַ־נומען ווערן אין דער גימנאַזיע.

איך געדענק, אַז העכער אַ יאָר צייט פלעגן אַריינקומען אין הויז צוויי פריוואַטע לערער, צוצוגרייטן ס'קינד צום עקזאַמען. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען גענוג. מען האָט נאָך געדאַרפט אָנקומען צו פּראָטעקציעס, רעקאָמענדאַציעס. צו באַקאַנטע פריצים, גלחים, צו געוויסע פאַרשוינען, נישט יידן, וואָס האָבן געוווסט ווי אַזוי און וועמען פון די בעלי־דעה,

וואָס ביי זיי אין די הענט איז דער גורל פון קינד, וועמען פון זיי מען קאָן און מען דאַרף „שמירן", אאַ"וו.

אייניקע וואָכן פריער פאַר דעם טאָג, אָדער טעג פון די עקזאַמענס, און דעם טאָג, אין וועלכן עס ווערט אַנאָנסירט די צאָל יידישע קינדער, וועלכע ווערן לויט דער פּראָצענט־נאָרמע אַריינגענומען, איז ביים פעטער אין הויז קיין אַנדער געשפּרעך אויסער דעם ענין „גימנאַזיע" נישט געהערט געוואָרן. דער פעטער האָט אַלע זיינע געשעפטן אויפגעגעבן ביז נאָך די עקזאַמענס. דאָס גאַנצע טאָגטעגלעכע לעבן האָט זיך געדרייט אַרום דער גימנאַזיע און די עקזאַמענס.

דער פעטער האָט געאַרבעט, קאָן מען זאָגן, טאָג און נאַכט דורך זיינע מענטשן — יידן און נישט יידן, מענטשן באַצאָלטע און אויך מענטשן פון שטאָט, דעם פעטערס פריינט, מענטשן מיט פּרעסטיזש און איינפלוס. אָט די מענטשן האָבן זיך געטראָפן מיט וועמען מען דאַרף — מיטן פּריץ, מיטן גויישן סוחר, מיטן גלח, מיט אַלע די, וועלכע האָבן געקאָנט זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן דעם „גאָספּאָדין יאַמפּאָלסקי" און זיין זון „יאָסיף". אָבער די גרעסטע האָפענונג פאַרן דערפאָלג פון דער גאַנצער אַרבעט האָט זיך געדרייט און איז געווען אָפּהענגיק פון איין מענטש. דאָס איז געווען איינער אַן עלטערער רוס, אַ לערער אין גימנאַזיע — אַ שטרענגער, אַ בייזער און אַ באַוווּסטער אַנטיסעמיט. אָט דער איז געזעסן ביי די עקזאַמענס. ער איז אויך געווען אַ וויכטיקער דעה־זאָגער ביי אַלע אַנדערע גימנאַזיע־באַאַמטע און כמעט אין זיינע הענט אַליין איז געלעגן דער גורל פון די יידישע קינדער, וועמענס עלטערן האָבן געשטרעבט און האָבן שווער געאַרבעט אַ לאַנגע צייט, כדי זיי זאָלן אַנקומען אין גימנאַזיע.

כדי צו „באַאַרבעטן" אַזאַ פּערזאָן ווי דער דאָזיקער רוס האָט זיך קודם־כל געפאָדערט אַ גאַנץ שיינע מטבע, וואָס דאָס האָט דער פעטער נישט געזשאַלעוועט. צווייטנס, איז צו דעם נויטיק געווען דער פעיקער מענטש און דאָס איז דעם פעטער אויך געלונגען צו קריגן — איינעם אַ נישט־ייד, וואָס דעם פעטערס אַ פריינט האָט אים רעקאָמענדירט, מחמת ער, דעם פעטערס פריינט, האָט זיך אויך באַנוצט מיטן דאָזיקן מענטש, בעת זיינס אַ קינד איז, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אַנגעקומען אין גימנאַזיע. ער האָט זיך מיט אים באַנוצט, פאַרשטייט זיך, פאַר אַזיפּיל־און־אַזוויפיל. אָט דער דאָזיקער מענטש האָט גענומען דעם גאַנצן ענין אין זיינע הענט און גענומען אַרבעטן אויף אַלע כלים. און ווען עס האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָענט, כמעט, עטלעכע טעג פאַר די עקזאַמענס, איז ער געקומען

צום פעטער מיט זייער נישט קיין פריילעכע נייעס. דהיינו: ער האָט זיך בפירוש געטראָפן מיט יענעם בעל־דבר אייניקע מאָל, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט אים באַזוכט האָט ער אים געטראָפן אין אַ מוראדיקער אויפ־גערעגטער שטימונג, בייז, דערצאָרנט, זיך געמאַרדעוועט, אָנגעפאַלן און געשאָלטן די רעוואָלוציאָנערן און די „זשידעס" — די, וואָס ווילן חרוב מאַכן זיין „מאַטושקאַ־ראַסייאַ", און ס'איז פּשוט אוממעגלעך געווען אים אָפּצופירן אויף זייטיקע שמועסן בכלל, ובפרט וועגן אַזאַ דעליקאַטן ענין.

— ס'איז שלעכט! זייער שלעכט! און דאָ איז שוין אַזוי נאָענט צום יום־הדין, דעם סאַמע עיקר און ס'איז צרות! אמת, ער גיט עס נישט אויף, ער וועט אָנהאַלטן זיינע באַמיונגען ביז דער לעצטער מינוט. ער האָט אָבער געפונען פאַר נויטיק צו לאָזן וויסן דעם פעטער ווי עס האַלט, כדי דער פעטער זאָל נישט זיין שאָקירט אויב זיין אַרבעט וועט נישט זיין דערפאָלגרייך. און מיט דעם איז ער אַוועק.

די שטימונג צוליב דעם דאָזיקן באַריכט — פונעם סאַמע וויכטיקסטן פונעם „סאַמע הארץ" פון דער אַרבעט אין דעם ענין גימנאַזיע, וואָס איז אָנגעגאַנגען חדשים, וואָכן און טעג — קאָן מען זיך פאָרשטעלן. און אין אָט דער שעה בין איך אַריינגעקומען אין שטוב און דערפילט דעם טרויער און די יאוש־שטימונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון די עקזאַמענס און ביז דעם טאָג פון די רעזולטאַטן — דעם טאָג פון מי ומי — ווער זענען עס די מזלדיקע יידישע קינדער וואָס ווערן אָנגענומען? אין די דאָזיקע טעג האָב איך דעם פעטער פּשוט נישט דערקענט. ער איז נישט געווען דער זעלבער מענטש. עס האָט זיך פון אים אָפּגעטון זיין שטענדיקער שמייכל, זיין פריילעכקייט, זיין אָפּטימיזם, זיין הומאָר. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרכמאַרעטער, פיל נישט גערעדט, אַפילו מיט זיינע אינטימע פריינט, וואָס פלעגן אַריינקומען, כמעט, אַלע טאָג און געוואָלט פאַרטרייבן זיין אומעט. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

נאָך מיט אייניקע וואָכן צוריק, ווען אין פעטערס הויז האָט מען נישט געהערט און נישט גערעדט וועגן אַנדערע ענינים חוץ גימנאַזיע, האָט דער פעטער אַ זאָג געטון צו מיר:

— זע, זאָלסט דעם טאָג ווען עס וועלן אַנאָנסירט ווערן די נעמען פון די יידישע אַריינגענומענע אין גימנאַזיע זיין אין שטאָט, כדי דו זאָלסט נישט פאַרפעלן מיטצומאַכן די דערפאַרונג און צוזען, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דעם טאָג. דאָס וועט דיר זיכער פאַרבלייבן אין זכרון אויף אַ לאַנגער צייט.

אַט דער זאַג פון פעטער איך זאָל זיין אין שטאַט האָט זיך באַצויגן צו דעם וואָס אין יענער צייט, ס׳איז שוין געווען צוויי יאָר פון מיין אָנ־קומען קיין נעמיראָוו, בין איך שוין געווען באַשעפטיקט די מערסטע צייט אין ר׳ אהרנס וואַלד, ווי איך וועל שפּעטער דערמאָנען אין מיינע זכרונות.

און אָט איז געקומען דער טאָג, דער יום־הדין. מיר זענען אַלע דעם פרימאָרגן אַרויס אין גאַס — דער פעטער, די מומע, די קינדער און איך. מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט נאָך מענטשן, דעם פעטערס פריינט און באַקאַנטע. איך האָב זיך געטראָפן מיט מיין פריינט און חבר, דער מומעס ברודער זישאַ און מיט נאָך אייניקע חברים פון אונדזער קרייז. איך האָב באַמערקט ווי פון אַלע גאַסן, אויף די טראָטואַרן, האָבן אַלע שפּאַצירט אין דער ריכטונג פון דער גימנאַזיע.

מיר זענען אַלע אַריינגעגאַנגען אין אַ גרויסן זאַל. מיר האָבן שוין דאָרטן געטראָפן אַ היפּשן עולם זיצנדיק אויף די בענק און עס האָט נישט גענומען לאַנג ביז דער זאַל איז אָנגעפילט געוואָרן און מענטשן זענען שוין געשטאַנען אַרום די ווענט. און כאָטש דער עולם איז באַשטאַנען פון עטלעכע הונדערט מענטשן, אַממערסטן יידן, איז קיין הויכע רעדעריי נישט געהערט געוואָרן. די שמועסן צווישן עולם זענען געווען זייער שטיל, כמעט־כמעט ווי געשושקעט זיך. די שטימונג איז געווען אַן ערנסטע, אַן אָנגעצויגענע, אין שפּאַנענדיקער דערוואַרטונג.

און אַזוי איז מען אָפּגעזעסן עטלעכע שעה און — ענדלעך!... ענדלעך האָט זיך געעפנט אַ טיר פון אַ זייטיקן צימער און ס׳איז אַרויסגעקומען אַ מיטליאָריקער מאַן מיט אַ קורץ בערדל און פאַרדרייטע וואָנצעס, מיט פּענסנע אויף זיין נאָז און אַ שוואַרץ שנירל איז ביי דער זייט פון זיין פּנים אַראָפּגעהאַנגען. ער האָט פּאַמעלעך צעעפנט אַ פּאַפּיר און האָט אָנ־געפאַנגען מיט די ווערטער:

— גאָספּאָדאַ, אימעיו טשעסט (ד. ה. איך האָב דעם כבוד) צו אָנאָנ־סירן, אַז לויט די קייסערלעכע פּראָצענטן־„זאַקאָנען" זענען די פאָלגנדיקע אָנגענומען געוואָרן אין דער נעמיראָווער „מוזשסקוי" גימנאַזיע, ד. ה. אין דער אָפּטיילונג פאַר מענער. און ער הייבט אָן צו לייענען די נעמען פּאַ־מעלעך, אויסגעצויגן, ס׳זאָל זיך, חלילה, קיין איין אות נישט פאַרלירן, פאָלגנדיק: — יעפים אַראָנאָוויטש בערנשטיין, מויסיי אַבראַמאָוויטש או־מאַנסקי — די ערשטע צוויי־דריי נעמען האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון, די אַלע אַנדערע געדענק איך שוין נישט. נאָך אומאַנסקי איז גע־קומען סאַמואיל איסיראָוויטש לעווין און אַזוי ווייטער ביז דעם אַכטן און

לעצטן נאָמען — יאָסיף סאַמואילאָוויטש יאַמפּאָלסקי. מיט דעם האָט ער פאַרענדיקט, צענויפגעלייגט דאָס פּאַפּיר, פון וועלכן ער האָט געלייענט, זיך אַ ביסל פאַרנייגט און צוריק אַריין אין דער טיר, פון וועלכער ער איז אַרויסגעגאַנגען.

איבערצוגעבן וואָס ס׳האָט זיך געטון אין דער מינוט, נאָך דעם ווי דער מאַן איז אַוועק און די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, איז נישט פאַר מיינע כוחות. אַזוי שנעל ווי די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, איז פון דעם פריערדיקן שושקענדיקן שטילשווייגן מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אַ שטורעם, אַ טומל, אַ געשריי און אַ געפּילדער. מען האָט זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב, זיך גע־האַלדזט, געקושט. ביי פיל האָט זיך באַמערקט טרערן אין די אויגן, טרערן פון פרייד און טרערן פון טרויער. פון פרייד ביי די, וואָס זייערע קינדער זענען געווען צווישן די מזלדיקע, אָנגענומען געוואָרענע, און טרערן פון טרויער ביי די, וואָס זייערע קינדער זענען געבליבן אין דרויסן. אָט די „דרויסנדיקע" וואָס האָבן געדאַרפט נאָך אַ מאָל דורכגיין דעם גיהנום פון ווידער פרובירן — נאָך אַ מאָל פּראָטעקציעס, רעקאָמענדאַציעס, גוט־זאָגערס, „שמירן", אאַ"וו.

ווען איך און מיין חבר זישאַ זענען פון דער גימנאַזיע געקומען שפּע־טער צוריק אַהיים האָבן מיר געטראָפן ביים פעטער אין הויז אַ פולע שטוב מיט מענטשן — פריינט, באַקאַנטע, משפחה. מען איז געקומען „פּאָזדראַ־ווליאַיען", געטרונקען לחיים, געשמועסט, געלאַכט און זיך געפרייט. און דאָס אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום דעם „גלאַוונעם" מחותן; ס׳קליינע יינגעלע יאָסעלע.

אגב, אָט דאָס יינגעלע יאָסעלע איז איצט, ווען איך שרייב די שורות אין יאָר 1971, דער באַוווסטער קינדער־דאָקטאָר, ספּעציאַליסט דזשאָזעף יאַמפּאָלסקי, אַ צוריקגעצויגענער, פּראַקטיצירט אין אַמעריקע אין דער שטאָט אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ. פאַרוואָס אַטלאַנטאַ? — וועגן דעם שפּעטער.

קאַפּיטל 16

פון סקלאַד צום וואַלד

איך האָב פריער דערמאָנט, אַז אין דער צייט, ווען ס׳האָט זיך געררו־דערט ביים פעטער אין הויז מיטן אַריינברענגען זיין יינגעלע יאָסעלע אין

גימנאַזיע און דער פעטער האָט מיר באַמערקט, אַז איך זאָל זיין אין שטאָט, מחמת איך בין שוין דעמאָלט געווען באַשעפטיקט אין וואַלד. פאַרוואָס אין וואַלד? פּאַסירט האָט עס אַזוי:

דאָס איז געווען אין יאָר 1902, ד. ה. שוין אַ פּאָר יאָר פון מיין זיין אין נעמיראָוו. איך האָב מיך שוין געפילט ווי אַ תושב — סייביים פעטער אין הויז, סיי ביי מיין אַרבעט, ווי אויך מיט מיינע פריינט און באַקאַנטע. איך בין שוין, אַפילו, געווען אַ פאַרדינער מחמת שוין לאַנג צוריק, נאָך מיין אָפזיין עטלעכע חדשים ביי מיין אַרבעט אין סקלאַד האָט מיר דער באַלעבאָס, ר׳ אהרן באַשטימט אַ געוויסן מאָנאַטלעכן געהאַלט. איבער־ראַשונג און פרייד האָט מיך אַרומגענומען ווען ר׳ חיים האָט מיר דער־לאַנגט מיינע ערשטע פאַרדינטע געלטער, וואָס ר׳ אהרן האָט פאַר מיר באַשטימט חודשלעך. איך האָב אים באַדאַנקט, אַריינגעלייגט ס׳געלט אין קעשענע און געטראַכט ביי זיך, אַז נישט די עטלעכע רובל וואָס ליגן ביי מיר אין טאַש האָבן מיך געמאַכט גליקלעך. מיין צופרידנקייט איז באַשטאַנען אין דעם וואָס דאָס האָט באַוויזן, אַז איך האָב אויסגעהאַלטן מיין איבערגאַנג, מיין איבערברוך, מיין ווערן צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט, צו דער נייער סביבה און נייעם לעבן, פאַר וואָס איך האָב זיך אַזוי פון אָנפאַנג געשראָקן „צי וועל איך עס באַווייזן״.

איך האָב ליב געהאַט דעם פעטערס הויז, די משפחה, די מענטשן, וואָס פלעגן אַריינקומען צום פעטער, מיט וועלכע איך בין געוואָרן היימיש. איך בין געווען באַגייסטערט פון מיינע חברים, מיט וועלכע מיר פלעגן אַזוי גוט פאַרברענגען. איבערהויפּט האָב איך גאָר־גאָר הנאה געהאַט פון מיין לייענען, מיט וועלכן איך האָב אויסגעפילט מיינע פרייע טעג און נעכט, און — ס׳איז מיר געווען גוט!

איז ווי־אַזוי־זשע פּאַרט קום איך צום וואַלד? איז די מעשה אַזאַ:

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען איך בין צוגעקומען צום סקלאַד, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן די צוויי מענטשן — ר׳ חיימען און ר׳ זלמנען, ווי אויך דעם באַלעבאָס ר׳ אהרן. ר׳ אהרן פלעגט זעלטן אַריינקומען אין געשעפט, ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף זיינע ערלעכע און געטריע מענטשן.

נאָכן באַגריסן זיי אַלע מיט אַ „גוטמאָרגן״ טוט צו מיר ר׳ חיים אַ זאָג, אַז זיי ווילן זיך מיט מיר דורכרעדן מכוח אַ געוויסן ענין און איך זאָל אַריינגיין אין קאַנטאָר, אינעם קליינעם שטיבעלע, און וואַרטן אויף זיי אייניקע מינוטן. בין איך אַריין, זיך אַוועקגעזעצט, געוואַרט און

געטראַכט: וואָס פאַר אַ וויכטיקער ענין קאָן דאָס זיין אין שייכות מיט מיר, וואָס ר׳ אהרן אַליין איז צוליב דעם היינט געקומען אַהער? ס׳איז מיר אַפילו דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, אַז אפשר „שאָקלט" זיך מיין שטעלע? און מאָדנע — איך געדענק נאָך איצט, אַז דער געדאַנק טאָמער פאַרליר איך די שטעלע, האָט מיר בכלל נישט באַומרואיקט. איך האָב עפּעס אין זיך דערפילט אַ מין זיכערקייט, איך האָב דערפילט, אַז איך האָב פאַרלוירן מיין אומבאַהאָלפנקייט, מיט וועלכער איך בין צוריק מיט אַ פּאָר יאָר אַהער אָנגעקומען. עפּעס האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז אויב אַפילו פאַרלירן די שטעלע — נו, איז וואָס?

ר׳ חיים און ר׳ אהרן זענען אַריינגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט און ר׳ חיים האָט אָנגעהויבן צו רעדן אַזוי:

— דוד, מיר ווילן זיך מיט דיר דורכרעדן וועגן אַ געוויסן ענין; דו קענסט דאָך דעם יונגן מאַן נחום ווערניק, וואָס געפינט זיך ביי אונדז אין וואַלד און העלפט אַרויס דעם מענטש, וואָס גיט דאָרטן אַכטונג אויף ר׳ אהרנס אינטערעסן. אָט דער נחום האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז ער פאַרלאָזט זיין שטעלע. ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער איז געוואָרן אַ חתן פון אַ מיידל פון טולטשין (אַ שטאָט לעבן נעמיראָוו). זיין כלה איז אַ בת־יחידה ביי איר פאָטער, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסע מאַנופאַקטור־קראָם און ער, נחום, וועט דאַרפן זיין אין זייער געשעפט. איז אַזוי ווי מיר דאַרפן האָבן עמעצן אויף נחומס אָרט, און אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז דו ביסט אַ ביסל באַקאַנט מיט דער וואַלד־אַרבעט און אין וואָס נחומס אַרבעט באַשטייט — האָבן מיר באַשלאָסן זיך מיט דיר וועגן דעם דורכ־רעדן — צי וואָלסטו געוועזן פאַראינטערעסירט צו פאַרנעמען נחומס פּלאַץ. דו מוזסט נישט גלייך דאָ, איצט, באַשליסן. טראַכט זיך איבער, באַראַט זיך מיט דיין פּעטער און לאָז אונדז וויסן דיין באַשלוס.

אַזוי ווי איך האָב דערפילט אין וואָס עס האַנדלט זיך, האָב איך גלייך אין געדאַנק ביי זיך באַשלאָסן, אַז יאָ. מיר געפעלט דער איבערבייט. זייענדיק אין וואַלד עטלעכע מאָל, זיך צוקוקנדיק ווי די אַרבעט גייט דאָרט אָן, פלעג איך ווערן באַגייסטערט, זעענדיק טאָקע דעם בראשית, דעם באַשאַף פון די אַלע אויסגעאַרבעטע מאַטעריאַלן און ס׳איז מיר געווען ביז גאָר־גאָר אינטערעסאַנט. און נאָך עפּעס פאַרוואָס איך האָב גלייך באַ־שלאָסן אויפן איבערבייט איז געווען דאָס וואָס איך האָב געוווּסט, אַז מען אַרבעט אין וואַלד נאָר פיר טעג אין דער וואָך — פרייטיק, שבת און זונטיק איז נישטאָ קיין טעטיקייט אין וואַלד. די טויערן צום אַריינפאָרן אין וואַלד

ווערן געשלאָסן ביז מאָנטיק אינדערפרי. אַלע אָנגעשטעלטע צעפאָרן זיך. עס בלייבן נאָר איבער די צוויי סטרוזשן, וואָס גייען אַרום מיט ביקסן און אַ הונט, כדי צו היטן פון גנבים.

איך האָב ר׳ חיימען באַדאַנקט פאַר האָבן צו מיר צוטרוי און אַז איך וועל אים לאָזן וויסן, ווען איך וועל זיך באַראַטן מיטן פעטער. איך בין געווען ביי זיך זיכער, אַז דער פעטער וועט עס איגנאַנצן איבערלאָזן פאַר מיר. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

קאַפּיטל 17

מיין אַרבעט אין וואַלד

די אַן ערך אַכצן חדשים פון מיין זיין אין וואַלד האָבן זיך מיר אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז איך קאָן זיי עד היום נישט פאַרגעסן. נאָך איצט, ווען איך קוק אויף בוימער אין פּאַרק, צי אויף די גרויסע, גראָבע, הויכע בוימער אַרום מיין הויז, דערמאָן איך זיך זייער אָפט אין מיינע טעג, אַמאָל אין וואַלד; איך דערמאָן נישט נאָר די בוימער נאָר בכלל וועגן מיין איבערבייט אין דער אַרבעט, דעם אינטערעס פון מיין אַרבעט אין וואַלד.

איך האָב גלייך ביי מיין אָנקומען אין וואַלד געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט די אַנדערע אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. זיי האָבן שוין געוווּסט אַז איך בין געקומען צו פאַרנעמען דעם פריערדיקן, נחום ווערניקס פּלאַץ.

די ערשטע פּאָר טעג, אין די אויפדערנאַכטן, האָבן זיי זיך ביי מיר צעפרעגט ווער איך בין, פונוואַנען איך קום, ווי אַלט בין איך, וואָס האָב איך געטון ביז איצט, צי געגאַנגען אַמאָל אין חדר און נאָך און נאָך און נאָך. ווען איך האָב צעבונדן מיין פּעקל, וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט מיט נויטיקע זאַכן ווי אַ ביסל עסנוואַרג און אויך אַרויסגענומען פון פּעקל אַ פּאָר ביכער ווי אויך זשורנאַלן צום לייענען, זענען זיי צוגעגאַנגען נעענטער, באַטראַכט און געבלעטערט די ביכער. איך האָב באַמערקט, ווי איינער פון זיי, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, האָט זיך שטאַרק אָנ־געשטרענגט און מיט זיינע אויגן געזוכט און גענישטערט אין מיין פּעקל.

איך האָב חושד געווען אַז ער זוכט עפּעס אַ סידור, תפילין וכדומה אַזעלכע זאַכן. און אַזוי זוכנדיק מיט די אויגן טוט ער מיך אַ פרעג, צי גיי איך אַמאָל אין שול דאַוונען צו אַ מנין, צי אַ שבת וואָס אין ראש־חודש אָדער אַ יום־טוב — האָב איך אים גלייך געענטפערט, אַז יאָ. איך פלעג גיין, אין אַ קלויז זייער אָפט. האָבן די גבאים איין מאָל באַשלאָסן, אַז איך בין אַ „חרש שוטה וקטן" און על פּי דין טאָר מען מיך נישט מצרף זיין נישט צו קיין מנין און אַפילו נישט צו קיין מזומן בענטשן. איז פון דעמאָלט אָן דאַוון איך פאַר זיך אַליין.

איך האָב באַמערקט, אַז דער ייד איז געוואָרן אַ ביסל אַנטוישט און „דאַסיק" און האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און די אַנדערע האָבן זיך ברייט צעשמייכלט. איינער פון זיי האָט מיר שטיל באַמערקט:

— ער וויל ביי יעדן בודק זיין די ציצית. נעם אים נישט ערנסט. ער איז נישט קיין פרומער, ער איז אַ „פרומאַק".

עס האָט מיר נישט לאַנג גענומען צו ווערן היימיש מיט די מענטשן. ווי דען אַנדערש קאָן עס זיין, אין אַ וואַלד, ווו ס'געפינען זיך פיר־פינף יידישע מענטשן, אונטער איין דאַך, זאָל מען נישט ווערן באַלד היימיש? איינער פון די מענטשן, אַ יונגערמאַן אין די מיטל דרייסיקער יאָרן, שוין אַ באַווייבטער, אויב איך געדענק ריכטיק, איז געווען דער פאַרשטייער פון זיין באַלעבאָס, אַ וואַלד־סוחר פון דער שטאָט בראַצלאַוו, נישט ווייט פון נעמיראָוו. אָט דער יונגערמאַן — זיין נאָמען איז געווען שמואל בעל־זער — איז אַחוץ דעם וואָס ער האָט געקענט די וואַלד־מלאכה איז ער אויך געווען אַ חזן, אַ חזן אָן אַ שטעלע, מיט אַ פּראַכטפולער טענאָר־שטימע. ער האָט מיך מער ווי די אַנדערע, גלייך נאָך מיין אָנקומען מקרב געווען. און אַז איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין אַמאָל געווען אַ משורר ביים טערניוקער חזן, איז אונדזער פריינטשאַפט און נאָענטקייט גאָר געשטיגן. איך געדענק נאָך ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געווען, אַז ווען מיר פלעגן נאָכן פאַרענדיקן דעם טאָג אַרבעט אין די זומער־פאַר־נאַכטן שפּאַצירן אין וואַלד און ער פלעגט זיך צעזינגען אויף די הויכע אָקטאַוועס מיטן „השיבנו אבינו לתורתך" און אַנדערע חזנישע „שטיק־לעך". עס דוכט זיך מיר, אַז איך הער נאָך איצט זיין ווידערקול, זיין עכאָ, ערגעץ פון וואַלד אַרויס. ווען ער האָט מיר אַמאָל אַ פרעג געטון, צי האָב איך ווען געהערט גרויסע חזנים און איך האָב געענטפערט אַז יאָ — געהערט ניסן בעלזער, רעזומנען, און נאָך אייניקע. איבערהויפּט ווען איך האָב דערמאָנט ניסן בעלזער האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן.

— ער איז דאָך מיין פעטער! — האָט ער כמעט ווי אויסגעשריען — מיין נאָמען איז דאָך אויך בעלזער!

איך פלעג ליב האָבן אים צו הערן זינגען, און איך פלעג עס אים זאָגן און ער האָט געפילט, אַז ער האָט אין מיר אַן אָפּנעמער, אַן אָפּשאַצער און אַ פּאַטריאָט. און מיר זענען געבליבן אינטימע פריינט ביז דעם לעצטן טאָג פון מיין שטעלע אין וואַלד.

וואָס האָב איך אָפּגעשאַצט מער פון אַלץ? מיין שטעלע אין וואַלד האָט מיר געגעבן זייער פיל פרייע צייט צום לייענען. איך פלעג אין די פיר טעג פון מיין זיין אין וואַלד אַריינלייענען מער ווי אין שטאָט אין פיר וואָכן.

אין איינעם אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן אין וואַלד, האָט דער סטרוזש פון וואַלד אָנגעקלאַפּט אין אונדזער טיר פּאַרטאָג, ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטער און אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר האָבן זיך נישט וואָס צו איילן אויפצושטיין, מחמת דער שניי־שטורעם, די זאַווערוכע האָט דורך דער נאַכט אָנגעבלאָזן דעם שניי אַזוי הויך, אַז ס׳איז נישט נאָר אוממעגלעך פאַר פערד און שליטנס זיך צו פאַרמעסטן צו קומען צום וואַלד, נאָר ס׳איז שווער אַפילו פאַר אַ מענטש אַרויסצוגיין פון שטוב.

אינדערפרי, ווען ס׳איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער און מיר האָבן געכאַפּט אַ קוק דורך די פענצטער און דערזען וואָס ס׳טוט זיך, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז פאַר די קומענדיקע דריי־פיר טעג און אפשר פינף, וועט אין וואַלד זיין אין יוצא ואין בא, און מען דאַרף זיך גרייטן צו דער לאַנגווייליקייט.

איך בין צוגעגאַנגען צו מיין ווינקל וואָס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן און איך האָב דאָרטן געהאַלטן מיינע זאַכן און אויך ביכער, זשורנאַלן און אַנדערע קליינקייטן — און מיין אויג איז געפאַלן אויף אַ בוך וואָס דער פעטער האָט מיר ביי אַ געלעגנהייט, רעקאָמענדירט צום לייענען. איך האָב אים מיטגענומען אין וואַלד. דער נאָמען פון דעם בוך איז געווען „דניאל דעראָנדע״, איבערגעזעצט אויף העברעיש, און דער איבערזעצער, אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז געווען דוד פרישמאַן. דאָס בוך איז געווען אַ גראָבער „קרבן מנחה״ מיט אפשר זעקס־זיבן הונדערט זייטן און אַ דאַנק דער שניי־זאַווערוכע האָב איך דאָס בוך טאַקע אין די פיר־פינף טעג פאַרענדיקט.

און ביז היינטיקן טאָג, ווען דורך די ווינטער־חדשים הערט מען אָדער מען לייענט ווי אין געוויסע שטאַטן דאָ, ביי אונדז אין לאַנד,

בלאָזן שניי־זאַווערוכעס — דערמאָנט עס מיך אין דער זאַווערוכע אין וואַלד און אינעם בוך „דניאל דעראָנדע".

קאַפּיטל 18

דער פּריזיוו

בכלל זענען די פיר טעג אין וואָך, פאַרנומען כסדר אין וואַלד, דורכגעגאַנגען שטיל, רואיק, פאַמעלעך, אָרגאַניזירט אָן שווערקייטן, אָן אומאָנגענעמלעכקייטן, אָן אויפרעגונג. דאַקעגן די דריי טעג אין דער וואָך, וואָס איך פלעג קומען אין שטאָט זענען געווען מוראדיק שטורעמדיקע. דאָס זענען געווען וואָכן און טעג, אין וועלכע די גאַנצע רוסישע אימפּעריע האָט זיך געטרייסלט ווי אין קאָנוולסיעס פון די געשעענישן — מלחמה, רעוואָלוציע, דעם צאַרס קאָנסטיטוציע, פּאָגראָמען, די יידישע מאַסן־עמיגראַציע אאַ"וו.

איך געדענק דעם שאַרפן איבערבייט און איבערגאַנג. פון די דאָזיקע צייטן פון די פיר טעג אין וואָך — שטילע און רואיקע אין וואַלד — פלעג איך קומענדיק אין שטאָט פילן אַז איך בין אַריינגעפאַלן ווי אין אַ קאָכעדיקן קעסל.

און אַזוי זענען געגאַנגען מיינע פיר טעג און דריי טעג, וואָך נאָך וואָך, חודש נאָך חודש, ביז אַרום — אויב איך מאַך נישט קיין טעות — דעם חודש אויגוסט אינעם יאָר 1905, ווען איך בין געקומען אַהיים אויף די דריי טעג ענדע וואָך. אַריינקומענדיק אין שטוב האָט מיר דער פעטער באַגעגנט מיט אַ שמייכל און אַ זאָג געטון צו מיר:

— דוד, דו האָסט געקראָגן אַן איינלאַדונג, אַ מין „פּריגלאַשעניע"! — ווען דער פעטער האָט געזען, אַז איך שטיי עפּעס און ווייס נישט וואָס צו זאָגן, זאָגט ער צו מיר, — די איינלאַדונג צו דיר קומט פון גאָר אַ גרויסן מענטש, פונעם קיסר אַליין, ניקאָלאַי דעם צווייטן, וואָס וויל דיר אָנטון דעם גרויסן כבוד און פאַרגעניגן — זאָלסט זיך קומען ווייזן פאַר זיינע מענטשן, וואָס דאַרפן אויף דיר זאָגן מבינות, צי דו געפעלסט זיי פאַר איינעם, וואָס קאָן דינען דעם קיסר פיר יאָר.

איך האָב באַלד באַנומען דעם גאַנצן עסק און פאַר מיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ וואָרט מיט גרויסע אותיות: פּריזיוו! און כאָטש דער

פעטער האָט זיך באַנוצט מיט אַ ביסל שפּאַס, האָב איך געפילט אַז ער טוט עס צוליב דעם, כדי נישט אָנצוואַרפן אויף מיר אַ שרעק.

איך בין באמת געוואָרן פריטשמעליעט פון דער נייעס. דער פעטער האָט עס באַמערקט און געזאָגט צו מיר:

— זיי נישט איבערראַשט, מיר וועלן נאָך וועגן דעם ענין רעדן באריכות. אָבער איין זאַך וויל איך דו זאָלסט וויסן — דו וועסט דעם קיסר נישט דינען!

ער האָט די ווערטער אַזוי שטאַרק באַטאָנט, אַז ס'איז מיר גלייך גרינגער געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין שוין אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטשאַדעטער. איך האָב געפילט און געוווּסט, אַז פאַר מיר עפנט זיך אַ נײַ קאַפּיטל אין מיין לעבנס־גאַנג... וואָס וועט עס זיין?

איבערלייענענדיק די „פריגלאַשעניע" האָב איך געזען, אַז איך דאַרף זיך מעלדן אין עטלעכע וואָכן אַרום, ווי איך געדענק, אינעם חודש אָק־טאָבער 1905, דעם־און־דעם טאָג אין דער שטאָט גייסין (יידן פלעגן רופן די דאָזיקע שטאָט הייסין), ווו אַלע טערביוועקער איין־און־צוואַנציק יאָריקע דאַרפן זיך דאָרט מעלדן. געוווּסט האָב איך, אַז איך האָב נישט קיין אויס־וועג זיך אַרויסצודרייען און נישט גענומען צו ווערן אַלס אַ סאָלדאַט, ווייל איך בין פיזיש געווען געזונט און נאָרמאַל, איך האָב אַפילו נישט געהאַט קיין גרונט צו דערוואַרטן באַפרייט צו ווערן ווי אייניקע אַנדערע, ווי למשל, אַ בן־יחיד ביי זיינע עלטערן, אָדער גאָר אפשר מיט אַ פיזישן חסרון ווי הינקען אויף אַ פוס, שלעכטע אויגן, ס'האַרץ פלאַטערט, אַ קליינע וואָג און נאָך אַזעלכע פיינע זאַכן, וואָס איך האָב זיי נישט פאַר־מאָגט. איך בין געווען מיט אַלע מעלות, אַ קרבן פאַר „פאָניען". איז מיין מוח געווען פאַרנומען מיט איין געדאַנק: וואָס וועט זיין? איך האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז ביים פעטער „קאָכט זיך" אויך עפּעס אין זיינע געדאַנקען מכוח דעם ענין. און טאַקע אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, קומענדיק פון וואַלד אויף די דריי טעג אַהיים, האָט געזאָגט צו מיר דער פעטער:

— דוד, דו פאָרסט קיין אַמעריקע! איך האָב — זאָגט ער — גוט נאָכגעטראַכט וועגן דיין לאַגע און איך בין געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס איז אין אונדזערע צייטן דער איינציקער אויסוועג, אַפילו ווען דו זאָלסט נישט דאַרפן גיין פאַר אַ סאָלדאַט. איך זע נישט פאָרויס קיין גוטע צייטן אין אונדזער מדינה. ספּעציעל, מיר יידן, זיצן דאָ ווי אויף אַ ווולקאַן. איך בין פשוט — זאָגט ער — מקנא דעם מענטש, וואָס אַנטלויפט פונדאַנען. און ער דערציילט מיר פון צווי פון זיינע באַקאַנטע

מענטשן, ער רופט זיי אָן ביי זייערע נעמען, וועלכע איך קען זייער גוט און ס׳איז פאַר מיר געוועזן אַן איבערראַשנדיקע נייעס, אַז זיי קלויבן זיך אויך קיין אַמעריקע. ער זאָגט מיר אויך, אַז אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט האָט ער זיך מיט זיי דורכגערעדט מכוח מיין פּערזאָן, אַז איך זאָל אויך מיט זיי מיטפאָרן. איינער פון זיי, זייער אַ פיינער יונגער־מאַן, אַ היגן שוחטס אַן איידעם (זיין ערשטער נאָמען איז דוד, דעם צווייטן נאָמען געדענק איך נישט), ער קען אים זייער גוט, דאָס איז שוין זיין צווייטע רייזע קיין אַמעריקע און פאַר מיר וועט עס זיין אַ גוטע געלעגנ־הייט און א געווינס מיט זיי מיטצופאָרן.

אָט דער יונגערמאַן, דוד, פלעגט דערציילן פון זיין שווערער אַרבעט אין אַמעריקע, ער האָט באַוויזן אָפּצושפּאָרן אַ ביסל געלט און אַנשטאָט אַריבערצוברענגען זיין פרוי מיטן קינד קיין אַמעריקע, איז ער געקומען צוריק, געמסחרט און פאַרלוירן זיינע אָפּגעשפּאָרטע ביסל אַמעריקאַנער דאָלאַרן, און — זעענדיק די איבערקערעניש דאָ אין לאַנד, אַז מען ווייסט פשוט נישט וואָס דער מאָרגן קאָן ברענגען און מען איז נישט זיכער מיטן לעבן — האָט ער באַשלאָסן נאָכאַמאָל אַוועק קיין אַמעריקע, און דאָס מאָל — להשתקע.

קאַפּיטל 19

איך פאָר קיין אַמעריקע!

מיר האָבן לאַנג געשמועסט און אַרומגערעדט דעם גאַנצן ענין. געלט אויף הוצאות האָב איך געהאַט גענוג. איך פלעג אַ טייל פון מיינע פאַר־דינסטן זאַמלען ביים פּעטער. מיר האָבן גערעדט וועגן אַדרעסן אין אַמע־ריקע און זיך מיט זיי דורכשרייבן און ווער און ווען ס׳זאָל קומען צו דער שיף מיך באַגעגענען און וועגן נאָך און נאָך איינצלהייטן, אַרומגערעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט און דער פּעטער זאָגט מיר נאָך אַ מאָל:

— דאָס איז דער איינציקער אויסוועג אין דיין לאַגע. טאָ זיי גרייט צו יעדער צייט ווען די מענטשן וועלן דיך רופן אין וועג אַריין, מחמת ווי איך האָב אויסגעפונען וועט עס לאַנג נישט נעמען, דיין אַרבעט אויף דיין שטעלע וועל איך אַליין דערליידיקן מיט מיין פריינט — זאָל עס

הייסן אַז דו פֿאָרסט זיך שטעלן צום פּריזיוו, און בכלל איז געזינטער וואָס ווייניקער און שטילער דעם דאָזיקן ענין מפֿרסם צו מאַכן.

נאָך דעם דאָזיקן שמועס און באַשלוס מיטן פֿעטער בין איך אַ לאַנגע צייט געלעגן אויף מיין געלעגער און נישט געקענט איינשלאָפֿן. איך האָב געקלערט און געטראַכט, געטראַכט און געקלערט און אַלע מיינע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט און פֿאַרמירט און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם ענין אַמעריקע — וואָס מיינט עס פֿאַר מיר פֿון היינט אָן און ווייטער? אַוודאי האָב איך געהערט וועגן אַמעריקע, אַז מענטשן פֿאָרן קיין אַמעריקע, אָבער וואָס דאָס מיינט פֿאַר מיר — איז עס אַ פֿאַרמאַכט בוך. איך געדענק אָבער זייער גוט, אַז דער פֿאַקט, אַז איך וועל אויך איינער פֿון די, וואָס אַנטלויפֿן קיין אַמעריקע, האָט מיך לחלוטין נישט געשראָקן. פֿאַרקערט — נאָכן באַשלוס האָב איך גראָד דערפֿילט אַ גרינגקייט, רואיקייט. איך האָב דערפֿילט, אַז איך בין אויסגעוואַקסן, אַז כ'האָב פֿאַרלוירן דאָס קליינשטעטלדיקייט און די מורא פֿאַר דער וועלט. איך בין שוין גרייט זיך צו באַגעגענען מיט נישט פֿאָרויסגעזעענע פּראָבלעמען; איך האָב דערפֿילט, אַז ס'איז מיר אַ סך גרינגער צו פֿאָרן קיין אַמעריקע פֿון נעמיראָוו ווי ס'איז מיר געווען, מיט פֿיר יאָר צוריק, צו פֿאָרן פֿון טערנিוקע קיין נעמיראָוו.

און טאַקע דעם צווייטן פֿרימאָרגן האָב איך זיך גענומען מיט חשק און ענערגיע און דערוואַרטונג גרייטן זיך אין וועג אַריין. קודם־כל זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט דריי מענטשן אין אַמעריקע, פֿון וועלכע איך האָב זייערע אַדרעסן. אַדרעס נומער איינס: מיין מומע סאָניע — מיין מוטערס שוועסטער און איר מאַן דער פֿעטער ראובן, וואָס זענען ערשט צוריק מיט עטלעכע חדשים אַוועק קיין אַמעריקע און די מומע סאָניע האָט זיך מיט מיר אין אַ בריוו געזעגנט. זייער אַדרעס איז געווען אין האַרטפֿאָרד קאָן. אַדרעס נומער צוויי: דעם פֿעטערס ווי אויך מיינער אַ פֿריינט פֿון נעמיראָוו. זיין נאָמען: בורטשענקאָ יאָסל, וואָס איז שוין אַ פּאָר יאָר אין אַמעריקע. זיין אַדרעס — ניו־יאָרק. און אַדרעס נומער דריי: אַ ייד מיטן נאָמען משה טעסלער. דער דאָזיקער משה איז געווען אַ פֿאַרשטייער פֿון אַ גרויסן מאַנופֿאַקטור־געשעפֿט אין קישענעוו. דער אייגנטימער פֿון דעם געשעפֿט איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען שלום פּערלמוטער, וואָס איז געווען מפֿורסם אינעם גאַנצן ראַיאָן. דער פֿעטער פֿלעגט דאָרט אויך איינהאַנדלען געוויסע סחורות פֿאַר זיין מסחר. ר' משה טעסלער מיטן פֿעטער זענען געווען נאָענטע ידידים. ער פֿלעגט זיך אָפֿט אַראָפּכאַפּן קיין נעמיראָוו צוגאַסט צום פֿעטער און איך האָב אים אויך זייער גוט געקענט.

מיטאַמאָל האָט זיך דער פּעטער דערוווסט, אַז משה טעסלער איז פּלוצעם אַנטלאָפֿן קיין אַמעריקע. דער פּעטער האָט געקריגן זיין אַדרעס פאַר מיר — אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ.

אָט די דריי אַדרעסן האָב איך זיך פאַרשריבן אין מיין טאַשן־ביכעלע, זיך מיט זיי אַלע דורכגעשריבן און באַקומען פון זיי ענטפערס.

איך וויל דאָ איצט פאַרצייכענען, אַז ווען איך שרייב די דאָזיקע זכרונות־שורות אינעם יאָר 1971, זענען די אַלע אַדרעסאַטן, אָט די טייערע מענטשן, שוין אויפן עולם־האמת.

ת. נ. צ. ב. ה.

איך האָב זיך אַ פּאָר מאָל געטראָפן מיט מיינע מיטפאָרער, אַרומגע־רעדט פאַרשיידענע ענינים בנוגע דער רייזע, קודם־כל דאָס גרענעץ־פּראָבלעם — מיט וואָס פאַר אַ וועג פאָרן צו דער גרענעץ, וועגן שיפס־קאַרטעס, מיט וועלכע שיפן פאָרן און נאָך און נאָך איינצלהייטן און ס׳איז ביי אונדז, אַלע דריי, באַשלאָסן געוואָרן און דאָס איז אויך געווען דעם פּעטערס מיינונג, אַז דער יונגערמאַן דוד, אַזוי ווי ער האָט שוין די דער־פאַרונג פון זיין פריערדיקער רייזע קיין אַמעריקע, זאָלן מיר אַלע פּראַגעס, אַלע פּראָבלעמען, אַלע איינצלהייטן איבערגעבן אין זיינע הענט, מחמת איך און דער אַנדערער מיטפאָרער האָבן צו אים דעם גרעסטן צוטרוי. מיר האָבן באַשלאָסן נישט צו מאַכן קיין גערודער מיט אָפיציעלע געזעגענישן. דוד וועט אונדז שוין לאָזן וויסן דעם טאָג פון אָפּפאָרן, און דערווייל זאָל זיין — שאַ!

און דער טאָג איז געקומען. דאָס איז געווען אַרום אין מיטן אָדער סוף חודש סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1905. דעם פריערדיקן אויפדערנאַכט פאַרן אָפּפאָרן איז געקומען דוד, אונדזער וועגווייזער, און מיר האָבן זיך נאָך אַ מאָל דורכגערעדט וועגן געוויסע פּרטים פון דער רייזע — דער עיקר מכוח געלט, אַן ערך וויפל די נסיעה וועט קאָסטן און צי האָב איך עס אין מזומן. אויך וועגן באַגאַזש, וועגן מיטנעמען ווי ווייט ס׳איז מעגלעך דאָס סאַמע נויטיקסטע. דאָס איז זייער וויכטיק ווען איינער דאַרף אַריבער די רוסישע גרענעץ אָן דעם קיסרס דערלויבעניש, און נאָך וועגן אייניקע זאַכן וויכטיקע פאַר דער רייזע און — איך זאָל זיין גרייט אויף מאָרגן פרי, צען אַ זייגער, וועט ער צופאָרן נאָך מיר.

נאָך דודס אַוועקגיין האָב איך זיך גענומען איינפּאַקן מיינע זאַכן. דער פּעטער און די מומע זענען געשטאַנען און געעצהט וואָס מיטצונעמען און וואָס איבערצולאָזן. דער פּעטער האָט מיר אויך צוגעטראָגן אַ פאָטאָגראַפיע,



דער פעטער שמיל און זיין משפחה.

אַ בילד פון אים און זיין משפחה, די מומע מיט די צוויי קינדער — אַלס אָן אָנדענק. דאָס בילד געפינט זיך נאָך ביי מיר ביז היינט. דער דאָזיקער צושריפט איז געווען אויף דער צווייטער זייט פון בילד אין העברעיש:

„לדוד בן־אחי יקירי, קח את התמונה המשפחתית הזאת לזכרון, ובכל עת שתשים עינך עליה תזכור את אשר למדתי אותך כיצד להתנהג בדרך החיים".

באהבה רבה —

דודך שמואל יאַמפּאָלסקי ומשפחתו

נעמיראָוו, אָקטאָבער 1905.

און אויף מאָרגן, אין דער באַשטימטער צייט, איז צוגעפאָרן דוד מיט אַן איזוואָשטשיק, דער אַנדערער מיטפאָרער ר' אבא וויניק איז שוין אויך געווען אין פאַיטאָן. איך בין אַרויף. אויך דער פעטער האָט אונדז באַגלייט ביז דער נעמיראָווער באַן־סטאַנציע און ער האָט געוואַרט ביז די באַן וועט אָנקומען. מיר האָבן זיך געזעגנט און זיינע לעצטע ווערטער געדענק איך נאָך ביז היינט; פריער אין העברעיש: „קשה עלי פרידתך", און פאַרענ־דיקט אין יידיש:

— אפשר וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל זען. פאָר געזונט און זיי מצליח!

מיר זענען אַלע דריי אַריין אין וואַגאָן. די באַן האָט זיך גערירט. איך האָב נאָך געכאַפּט דעם לעצטן קוק אויפן פעטער, אויף דעם מענטשן וואָס איז געווען פאַר מיר נישט נאָר אַ פעטער, נאָר אַ פאָטער, אַ ברודער, אַ פריינט, אַ חבר און אַ מורה־דרך. מיין דרך־ארץ און ליבשאַפט צו אים און זיין אָנדענק וועט ביי מיר פאַרבלייבן ביזן סוף...

איך האָב זיך אָוועקגעזעצט אין וואַגאָן ביי אַ פענצטער און אַזוי ווי גערעדט צו זיך אַליין: „אַדיע רוסלאַנד, אַדיע נעמיראָוו, אַדיע מיינע גוטע חברים און חברטעס!"

איך האָב אויך געטראַכט: „איך ווייס נישט וואָס עס דערוואַרט מיך אין מיינע שפּעטערדיקע יאָרן פון מיין לעבנס־גאַנג, אָבער אין די ערשטע איין־און־צוואַנציק יאָר פון מיין לעבן זענען מיינע פיר יאָר אין נעמיראָוו געווען די שענסטע און בעסטע פון מיין בחורשן לעבן און איך וועל די פיר יאָר קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

עד כאן שטאָט נומער צוויי, נעמיראָוו פון סוף יאָר 1900 — ביז יאָר 1905.

קאַפּיטל 20

די גרענעץ

די ערשטע פּאָר שעה זיצנדיק אין דער באַן, וואָס האָט אונדז געפירט צו דער גרענעץ, איז מיר באַפאַלן אַן אומעט, אַ מרה־שחורה און איך בין געזעסן אין אַ געדריקטער שטימונג, איבערהויפּט ווען איך האָב אַ טראַכט געטון, אַז דאָ פאָרן מיר, דריי „טריפה" יידן צו „גנבענען" — שוואַרצן די גרענעץ; דער געדאַנק האָט מיך געמאַטערט; איך האָב געטראַכט פון דעם, וואָס קאָן פּאַסירן אויב דער עסק גיט זיך נישט איין? און אַלערליי שוואַרצע געדאַנקען האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט אין מיין מוח. דוד האָט, ווייזט אויס, באַמערקט מיינע מחשבות, איז ער צוגעגאַנגען, זיך אַוועק־געזעצט לעבן מיר און אַ זאָג געטון:

— נאָר נישט געזאָרגט! איך זאָג דיר צו, אַז איה"ש מאָרגן אין דער צייט וועסטו מאַכן די ברכה „ברוך שפטרנו" אויף ניקאָלאַי דעם צווייטן. — און ס'האָט זיך אים איינגעגעבן מיט זיינע רייד מיך אַ ביסל צו צעשטרייען.

אינעם זעלבן טאָג, שוין פאַרנאַכט־צו, האָט די באַן געבראַכט אונדז צו אַ סטאַנציע און אַ שטאָט מיטן נאָמען — אויב איך מאַך נישט קיין טעות — פּאָדוואָלאָטשיסק. מיר זענען אַלע אַראָפּ פון דער באַן, אַריין אין וואָקזאַל און דוד האָט אונדז אָנגעוויזן אויף אַ באַנק זיך אַוועקצוזעצן. ער אַליין האָט אַוועקגעשטעלט זיין סאַקוואָיאַזש לעבן אונדזערע זאַכן און אַ זאָג געטון:

— זיצט דאָ, וואַרט אויף מיר, איך דאַרף דאָ עמעצן באַגעגענען. איך וועל זיך באַלד אומקערן צוריק.

און אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דוד געקומען צוריק און מיט אים איז אויך אַריינגעקומען אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ שוואַרץ בערדל אין אַ קורץ רעקל און מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שירעם און מיט דער צווייטער האַנט אונדז אָפּגע־שטעקט אַ שלום־עליכם און גלייך אַ זאָג געטון:

— נו, יידן, קומט, לאָמיר גיין!

ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון וואָקזאַל איז שוין געווען פינצטער. מיר זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע מינוט, דוד מיטן ייד פאָרויס און איך מיט אונדזער דריטן מיטפאָרער ר' אבא נאָך זיי, ביז מיר האָבן זיך אַלע אָפּ־געשטעלט ביי אַ וואָגן געשפּאַנט אין צוויי פערד און אַ פויער איז געזעסן

אַלס אַן אַנטרייבער. מיר זענען אַלע אַריין אין וואָגן, דער פויער האָט אַ שמיץ געטון די פערד און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

מיר זענען אַזוי אָפּגעפאָרן עטלעכע שעה און זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט ערגעץ לעבן אַ פינצטער הויז, אָבער אַריינגייענדיק אין הויז איז גראָד געווען ליכטיק. מיר האָבן אָבער באַמערקט, אַז די פענצטער אין אַלע חדרים זענען געווען פאַרהאָנגען און פאַרשטעלט מיט שווערע פאָרהאַנגען אַזוי ווי שווערע קאָלדרעס — אַזוי, אַז אין דרויסן האָט מען קיין שפּעל־טעלע ליכט נישט געקאָנט באַמערקן.

אַריינגייענדיק אין הויז האָבן מיר דאָרטן געטראָפן אַן ערך צוואַנציק, פינף און צוואַנציק מענטשן, מענער און פרויען, און מיר זענען דאָרט אָפּגעזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַרום צוועלף־איינס אַ זייגער ביינאַכט איז אַריינגעקומען דער ייד מיטן בערדל און שירעם און געהאַלטן פאַר אונדז אַ רעדע, אַזוי צו זאָגן:

— נו, מיר לאָזן זיך איצט צו דער גרענעץ און איך וויל אייך אויפ־מערקזאַם מאַכן אויף אייניקע פונקטן וואָס איר דאַרפט וויסן: ערשטנס, מיר, איך און נאָך צוויי מענטשן וועלן גיין פאָרויס עטלעכע שפּאַן און איר אַלע זאָלט אונדז נאָכגיין, איר זאָלט נישט פרעגן קיין שאלות, איר זאָלט, למה״ש נישט רעדן הויך, גאָר־גאָר בעסער איר זאָלט צווישן זיך גאָרנישט רעדן. אויב עמעצער פון אייך רויכערט פּאַפּיראָסן און ער אָדער זי צינדט אָן אַ שוועבעלע אין מיטן וועג, זאָלט איר וויסן, אַז מיר זענען אַלע פאַרלוירן. איר זעגט אַלע דערוואַקסענע מענטשן און ווייסט ווי וויכטיק דער גאַנג איז פאַר אונדז אַלע. נו, נעמט אייערע זאַכן אין די הענט. אָט לעש איך אויס אַלע ליכט און איר גייט אונדז נאָך ווי איך האָב אייך פריער אינפאָרמירט.

מיר זענען אַלע אַרויס פון הויז, מיר האָבן געוואַרט ביז דער ייד מיט זיינע אַנדערע צוויי מענטשן זענען אַ ביסל אָפּגעגאַנגען, און מיר אַלע, דער גאַנצער עולם, האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך זיי און געגאַנגען, געגאַנגען און ווייטער געגאַנגען. ווען די דריי מענטשן פאָרויס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן מיר זיך אויך, פאַרשטייט זיך, אָפּגעשטעלט. ווייזט אויס אָבער, אַז דער אָפּשטעל איז נאָר געווען, כדי אַ ביסל כאַפּן אַן אָפּרו, מחמת אין עטלעכע מינוטן אַרום האָבן די דריי ווידער אָנגעהויבן צו שפּאַנען און מיר אַלע — נאָך זיי. און ס'האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז ס'וועט צו דעם גאַנג קיין סוף נישט נעמען... ביז מען האָט זיך נאָך אַ מאָל אָפּגעשטעלט. ביי דעם דאָזיקן אָפּשטעל איז צוגעקומען דער ייד מיטן

בערדל צו אונדז און געזאָגט אַזוי שטיל, כמעט ווי געשעפּטשעט, מיט אַ קול דממה דקה:

— נו, ביז אַהער האָט איר זיך געפירט ווי עס דאַרף צו זיין, אָבער איצט קומט דאָס סאַמע וויכטיקסטע; איר דאַרפט זיך איצט אויסשטעלן איינציקווייז אין אַ ריי, איינס־נאָך־איינס און איינציקווייז מיר נאָכגיין, — נישט קיין צוויי, נישט קיין דריי נאָר בלויז איינער.

נישט געשטופּט זיך, נישט גערעדט, שאַ־שטיל, האָבן מיר זיך אויס־געשטעלט ווי ער האָט באַפוילן, איינער נאָכן צווייטן, און ער האָט אַ באַפעל געטון:

— נו, איצט קומט נאָך מיר!

מיר האָבן אָנגעהויבן מאַרשירן נאָכן ייד און ווען ס׳איז געקומען צו מיר האָב איך באַמערקט אין דער פינצטער, אַז מיר קומען צו צו אַ קליין גריבל, ווו מען דאַרף געבן אַ ביסל אַ שפּרונג אַראָפּ, נישט צו טיף. איך האָב געפילט, אַז עמעצער האָט מיך אַ טאַפּ געטון ביים אַקסל און דאָס איז געווען אַ מאַן, אָנגעטון אין אַ סאָלדאַטישן שינעל מעט עפּאָלעטן און אַ היטל מיט אַ קנעפּל לעבן דאַשיק און איך האָב געהערט ווי ער ציילט שטיל אין רוסיש: ...אָדינאַדצאַט, דוויענאַדצאַט, טרינאַדצאַט... אאַ״ו. ביז איך האָב שוין נישט געהערט זיין ציילן און אין איניקע מינוטן אַרום זענען שוין אַלע געווען אָפּגעציילטע און זענען אַריבער. און דער ייד האָט זיך ווידער באַוויזן און אַ זאָג געטון:

— אַלץ אין אָרדענונג, קומט מיט מיר. און אָפּגייענדיק אַן ערך אַ שעה האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, געוואָרן ליכטיקער און ליכטיקער און מיטאַמאָל האָבן מיר זיך געפונען לעבן אַ גרויסער געביידע. דער ייד האָט זיך באַוויזן, אונדז אָפּגעשטעלט און אַ שמייכלענדיקער, מיט אַ פּאַפּיראָס אין האַנט, אַ זאָג געטון אויף אַ קול:

— נו, יידן, איר זענט פרייע מענטשן! איך ווייס, אַז איר זענט אַלע אויפן וועג קיין אַמעריקע, אָבער איר וועט אָט דאָ אין דער געביידע, מוזן דורכגיין אַ שטיקל רעוויזיע. איר זענט איצט אין דער בחינה פון אַרעס־טירטע פון אונדזער רעגירונג, יעדער פון אייך וועט דאַרפן באַווייזן, אַז ער אָדער זי האָט מיט זיך אַ שיפס־קאַרטע, אָדער גענוג געלט אויף באַן־הוצאות צו פאָרן צו דער שיף, מיט וועלכער איר דאַרפט אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. דערווייל גייט אַלע אַריין אַהער, רוט אייך אַ ביסל אויס, עסט עפּעס אָפּ און טאַקע שפּעטער, היינט, וועלן ווערן דערליידיקט אַלע אייערע פּלענער דורך אַ פאַרטרעטער פון אונדזער רעגירונג.

מיר זענען אַלע אַריין אין אַ ברייטן, גרויסן, ליכטיקן זאַל, זיך אויס־געזעצט, ס'איז סערווירט געוואָרן הייסע קאַווע מיט צובייסן. מיר האָבן צווישן זיך גערעדט וועגן דער איבערלעבונג פון דער לעצטער נאַכט און געווען אין אַ גוטער שטימונג.

אייניקע זענען געווען באַזאָרגט און געטענהט: „וואָס הייסט, מיר זענען אַרעסטירטע? אויב פאַרזינדיקט האָבן מיר זיך פאַרן רוסישן קיסר, אָבער נישט דאָ, וואָס וויל מען דאָ פון אונדז?"

אָבער דאָ איז אַרויסגעקומען אונדזער דוד, וואָס האָט געוווּסט וואָס דאָס אַרעסטירן באַדייט און אַלעמען באַרואיקט, אַז ס'איז נישטאָ וועגן וואָס צו זאָרגן, ס'איז אַ געוויינלעכע פּראָצעדור פאַר די, וואָס גייען אַריבער די גרענעץ און קומען אַריין אין דעם לאַנד נישט לעגאַל — דאָס אַלץ — און זייט רואיק.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען אַריינ־געקומען אין זאַל אַ באַאַמטער פון דער רעגירונג מיט צוויי באַגלייטער, ביידע יידן און איינער פון די יידן האָט פאַרשריבן אַלעמענס נעמען אויף אַ פּאַפּיר און דערלאַנגט דעם באַאַמטן. דער ייד האָט אויך געלאָזט וויסן דעם עולם, אַז באַלד וועט דער באַאַמטער אַריינרופן יעדן איינעם ביים נאָמען אין אַ באַזונדער צימער און אויב אַלץ איז ביים רייזנדער אין אָרדענונג וואָס שייך זיין ווייטערדיקער רייזע וועט ער קריגן אַ געשריבענע דערלויבעניש צו פאָרן ווייטער פריי, לויט זיין אָנגעצייכנטן וועג.

עס האָט נישט גענומען זייער לאַנג און אונדזערע דריי נעמען זענען אויסגערופן געוואָרן. דוד אַליין איז אַריין צום באַאַמטן, אים אַלץ דער־קלערט, אַז מיר פאָרן צוזאַמען פון איין שטאָט, דעם זעלבן וועג ביז אַמעריקע, און כמעט אין אייניקע מינוטן אַרום איז דוד צוריק אַרויס פון צימער, און געזאָגט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און מיר האָבן אַ געשריבענע דערלויבעניש פאַר אונדז דריי, אַז מיר קאָנען פריי פאָרן ווייטער, ביז דער שיף.

קאַפּיטל 21

רייזע צו דער שיף

דער ייד איז נאָך אַ מאָל אַריינגעקומען צו אונדז, געשמייכלט, געדריקט אַלעמענס הענט, געווונטשן ברכה והצלחה אויף אונדזער ווייטערדיקער

רייזע. איך געדענק נאָך איצט, אַז ווען דער ייד האָט געהאַלטן מיין האַנט, האָב איך געקוקט אויף אים ווי אויף אַ מלאך הגואל.

דוד האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז ער גייט איצט אין געוויסע פּלעצער אונדז צו באַזאָרגן מיט באַן־בילעטן אויף צו פאָרן ווייטער, ביז צום פּונקט, פונוואַנען מיר נעמען די שיף קיין ניו־יאָרק.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז דוד געקומען צוריק, אונדז דערקלערט, אַז אַרום אַכט אין אָוונט לאָזן מיר זיך אַוועק אויף אַ לאַנגער, לאַנגער רייזע, אפשר אויף טעג און נעכט. דעריבער האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן אַריין — איידער מיר לאָזן זיך אין וועג — אין אַ רעסטאָראַן און אָפּעסן אַ לייטישן מאָלצייט, מחמת, ווער ווייסט ווי לאַנג מירן זיך נאָך שלעפּן ביז מיר וועלן קענען עסן ווי מענטשן.

איך מוז נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דערמאָנען, אַז באַזונדערס נאָכן אַריבערגיין די גרענעץ האָבן מיר, ד. ה. איך און אונדזער צווייטער מיט־פאָרער אָפּגעשאַצט און אָנערקענט, אַז מיר זענען באמת מזלדיק וואָס מיר האָבן דודן פאַר אַן אָנפירער און אָנווייזער און באַזאָרגער אין אונדזער רייזע. אָט האָבן מיר דאָך געזען ווי ער האָט אַלץ אָרגאַנזשירט און באַזאָרגט דאָס „קאַפּיטל און פּראָבלעם גרענעץ" און ווי אַלץ איז געווען גלאַט, שטיל, אָן איבעררייסן — און דאָס איז געווען אויף אַלע הונדערט פּראָצענט זיין אַרבעט אַלס פּעיקער, דערפאַרענער און ערלעכער מענטש. און ערשט איצט האָבן מיר ווידער אַלץ איבערגעגעבן אין זיינע הענט מיטן גרעסטן צו אים צוטרוי און זיך צוגעהערט צו אַלע זיינע עצות און פאָרשלאָגן.

מיר האָבן גענומען מיט זיך אונדזערע זאַכן און זענען אַוועק אין אַ רעסטאָראַן, טאַקע וואָס דער געוויסער ייד, דער „מלאך הגואל" האָט אונדז רעקאָמענדירט. דוד האָט זיך אַ פּאָר מאָל דורכגערעדט מיטן באַלעבאָס פון רעסטאָראַן און אין עטלעכע מינוט אַרום איז פאַר אונדז סערווירט געוואָרן אַ זייער געשמאַקער מאָלצייט וואָס מיר האָבן עס כשר פאַרדינט נאָך די איבערלעבענישן פון די לעצטע פיר און צוואַנציק שעה. פונעם רעסטאָראַן זענען מיר געגאַנגען צום וואָקזאַל, וואָס איז נישט געווען צו ווייט. ביים וואָקזאַל האָבן מיר געטראָפן אַ מחנה מענטשן. דאָס זענען אויך געווען עמיגראַנטן וואָס וואַרטן אויפן באַן. דאָס איז אַ באַן, ווי דוד האָט אונדז געזאָגט, וואָס איז בלויז פאַר דורכפאָרנדיקע עמיגראַנטן. און טאַקע באַלד איז די באַן אָנגעקומען.

עס זענען געווען צוגעטשעפּעט צום פּאַראָוואָז אַ פיר־פינף ליידיקע, טונקל־באַלויכטענע וואַגאָנען. צוויי באַן־אָנגעשטעלטע האָבן זיך גענומען

צום רעווידירן די בילעטן ביי די מענטשן און זיי איינציקווייז אַריינ־געלאָזט אין די וואַגאָנען. די וואַגאָנען זענען געווען, ווי געזאָגט, ליידיקע — אַחוץ לאַנגע, האַרטע בענק אין דער לענג פון ביידע זייטן וואַגאָן.

מיר דריי זענען אויך אַריין אין וואַגאָן, אַוועקגעלייגט אונדזערע זאַכן אויף דער פּאָדלאָגע, אין אַ ווינקל פון וואַגאָן, זיך אַוועקגעזעצט און זייענדיק אויסגעמאַטערט פון דער שלאָפלאָזער גרענעץ־נאַכט, האָבן מיר גלייך איינגעדרימלט.

און אַזוי זענען מיר געפאָרן — ניין — זיך געשלעפּט, טאָג־נאַכט, נאַכט־טאָג, שטאָט־איין, שטאָט־אויס, ביז ענדלעך אויפן דריטן, און אפשר אויפן פערטן טאָג האָבן מיר באַמערקט, אַז אונדזער „שלעפּער", ס'הייסט די באַן אונדזערע איז אָנגעקומען אין אַ גאָר־גאָר גרויסן פּאָרט — לויט דער מאַסע מענטשן, וועגענער מיט פערד, פּאַיעטאָנען, די באַוועגונג, וואָס מיר האָבן דורך די פענצטער געזען. דוד האָט אונדז געזאָגט, אַז אים דוכט זיך אַז דאָס איז די שטאָט אין דייטשלאַנד מיטן נאָמען ברעמען, פון וועלכער שיפן גייען אָפּ קיין ניו־יאָרק — אָבער ער איז נישט זיכער.

מיר האָבן באַמערקט, אַז אונדזער באַן האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביים סאַמע פּאָדערשטן אַריינגאַנג פון וואָקזאַל, מחמת (ווי מיר האָבן שפּעטער אויסגעפונען, אַז דער הויפּט־אַריינגאַנג איז נישט פאַר עמיגראַנטן־פּאַסאַזשירן) נאָר איז אָפּגעפאָרן ווייטער אַ פּופצן מינוט און זיך אָפּגעשטעלט. די טירן פון די וואַגאָנען האָבן זיך צעעפנט און אין אייניקע מינוטן אַרום זענען די עמיגראַנטן אַרויס און די באַן איז אָפּגעפאָרן ווייטער. אַלע זענען געבליבן שטיין מיט זייערע פּעקלעך, נישט ווויסנדיק וואָס ווייטער, — ווו זענען מיר?... וווהין גייען מיר? מען האָט אָנגעהויבן צו פרעגן איינער ביים צווייטן צי ווייסט עמעצער וואָס־וועט? אא"וו.

מיר, פאַרשטייט זיך, האָבן געקוקט אויף דודן דערוואַרטנדיק צו הערן פון אים עפּעס. אָבער טאַקע באַלד האָבן מיר דערהערט אַ הויכע שטימע און דערזען אַ יונגערמאַן, שטייענדיק אייניקע טריט פון אונדז, וועלכער האָט אונדז אין אַ דייטשישן יידיש דערקלערט, אַז ער איז געקומען צו אונדז אַלס אַ פאָרשטייער פון דער שטאָטישער יידישער פילאַנטראָפּישער קהילה, אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איר אויפגאַבע איז צו העלפן דורכ־פאָרנדיקע עמיגראַנטן אויפן וועג קיין אַמעריקע, וואָס וואַרטן אויף זייערע שיפן. דער יונגערמאַן האָט אונדז אויך געלאָזט וויסן, אַז דער פּלאַץ, אַ האָטעל וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דאַנען איז גרייט אונדז אויפ־צונעמען אָן געצאָלט, און מיר קאָנען זיך מיטן האָטעל באַנוצן אין די

איניקע טעג, וואָס מיר דאַרפֿן וואַרטן אויף אונדזערע שיפֿן וואָס וועלן אונדז פֿירן קיין אַמעריקע. ער האָט אויך געלאָזט וויסן, אַז אויב איניקע פֿון אונדז האָבן נעמען און אַדרעסן פֿון באַקאַנטע אָדער פֿריינט, דאָ אין שטאָט, און נויטיקן זיך אין אינפֿאָרמאַציע ווי אַזוי צו ווענדן זיך צו זיי, וועלן זיי אונדז אין דעם באַהילפֿיק זיין. און פֿאַרענדיקט האָט ער, אַז אַט גייט ער צום האָטעל, וואָס געפֿינט זיך דערביי און ווער עס וויל קאָן מיט אים מיטגיין. אין האָטעל איז דאָ אָרט פֿאַר אַלעמען.

ווי איך געדענק נאָך איצט האָבן זיך אַלע אַ בויג געטון נאָך דעם באַגאַזש און זיך געלאָזט גיין נאָכן יונגערמאַן. דוד האָט אַ זאָג געטון צו אונדז:

— קומט, לאָמיר גיין. איך ווייס וועגן דעם. אין מיין פֿריערדיקער רייזע, אויפֿן וועג קיין אַמעריקע, בין איך דאָ אויך געוועזן. ס'איז נישטאָ וואָס צו זאָרגן.

קאַפּיטל 22

די באַגעגעניש מיט לייזערן

מיר זענען צוגעגאַנגען צו אַ צווייסטאָקיקער, גאַר גרויסער געביידע. אַריינקומענדיק האָבן אונדז באַגעגנט פֿיר מענטשן, אָנגעשטעלטע — צוויי מענער און צוויי פֿרויען, וועלכע האָבן זיך געווענדעט צו אונדז:

— ביטע, ביטע אַרויפֿשטייגן אויפֿן אויבערשטן גאָרן!

מיר זענען אַלע אַרויף און אַריין אין אַ גרויסן זאַל, וואָס איז געווען אָפּגעצוימט אין צוויי טיילן — פֿאַר מענער און פֿאַר פֿרויען. אַרום די ווענט זענען געווען איינגעאָרדנט צווייסטאָקיקע בעטן צום שלאָפֿן. איינער פֿון די אָנגעשטעלטע האָט אונדז אָנגעוויזן אויף די בעטן און אונדז געזאָגט, אַז מיר קאָנען פֿאַר זיך נעמען וואָסערע בעטן מיר ווילן און דאָרט אַוועק־לייגן אונדזערע זאַכן. זיי האָבן אונדז אויך אָנגעוויזן אויף זייטיקע טירן, וואָס פֿירן צו וואַש־צימערן פֿאַר מענער. די זעלבע אויסשטאַטונג איז אויך געווען, אינעם צווייטן טייל פֿון דער געביידע, פֿאַר פֿרויען. די אָנגעשטעלטע האָבן אונדז אויך געלאָזט וויסן, אַז אויב איניקע פֿון אונדז האָבן עפּעס פּראָבלעמען, פֿראַגן, נויטיקן זיך אין אינפֿאָרמאַציע, אָדער אפֿשר אַן עצה פֿון אַ דאָקטאָר, אאַ"וו — זענען מיר צופֿרידן אייך צו העלפֿן מיט אַלץ

וואָס מיר קענען. דערוויל „רוט אייך אויס און מאָרגן וועלן אייך באַזוכן נאָך מענטשן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.״

זיי האָבן זיך געזעגנט און אַרויסגעגאַנגען און מיר זענען אויך אַראָפּ־געגאַנגען באַקוקן דעם ערשטן שטאָק פון דער געביידע. דאָ האָבן מיר געזען אַ מעכטיקן, גרויסן עס־צימער, אויסגעשטעלט מיט לאַנגע טישן און בענק אַרום די טישן, ווו מען האָט געקאָנט אויסזעצן אַ פּאָר הונדערט מענטשן, אויב נישט מער. פון אַ זייטיקער, אָפענער טיר האָט מען געקאָנט זען אַ גרויסע קיך. ס׳איז אויך געווען אָפּגעטיילט אַ גרויס באַקוועם פאַר־ווייַלונגס־צימער מיט באַוואוקעמע שטולן, צייטונגען און זשורנאַלן צום לייענען, טישלעך צו שרייבן בריוו, אא״וו. דאָרט האָט זיך אויך אַרומ־געדרייט אַן אָנגעשטעלטער, אונדז געפרעגט צי מיר נויטיקן זיך אין עפּעס. ער האָט אונדז אויך געלאָזט וויסן, אַז אין אַן ערך אַ שעה אַרום וועלן מיר הערן אַ גלאָק. וואָס דאָס מיינט, אַז מען גרייט זיך צו סער־ווירן „אָוונט־ברויט״, אַז מען גייט אונדז געבן וועטשערע.

און אַזוי ווי מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף אונדזער שיף אייניקע טעג דאָ, איז דאָס דאַזיקע פּלאַץ געווען ווי אָנגעמאָסטן אויף אויסצורוען זיך. נאָכן שלעפּעניש אויף דער באַן טעג און נעכט, אויף די האַרטע בענק, זענען מיר געווען צופרידן און געהאָפט, אַז אין די פּאָר טעג, וואָס מיר וועלן דאָ זיין וועלן מיר זיך אָננעמען מיט נייע כוחות פאַר אונדזער ווייטערדיקער רייזע.

האָט אָבער אין פאַרלויף פון די אייניקע טעג וואָס מיר זענען דאָ געווען מיט מיר פּאַסירט אַן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך מיר אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז איך קאָן אים נישט פאַרגעסן אַלע מיינע פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען איך דערמאָן זיך נאָר וועגן מיין רייזע קיין אַמעריקע. און פּאַסירט האָט אָט וואָס:

אין איינעם אַן אינדערפרי, אַרום צען־עלף אַ זייגער, ווי איך געדענק גוט, זיץ איך אויפן ערשטן שטאָק אינעם גרויסן וואַרט־זאַל, בלעטער עפּעס אַ צייטונג אויף אַ פרעמדער שפּראַך. פון דערווייטנס האָב איך באַמערקט ווי צוויי פאַרשטייער פון דער קהילה זענען אַריינגעקומען און גלייך אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. און אַזוי ווי איך האָב צו זיי זיך מיט גאָרנישט נישט געדאַרפט ווענדן, האָט מיך זייער אַריינקומען נישט אינ־טערעסירט. איך האָב ווידער געבלעטערט די צייטונג און מיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט וועלן טרעפן אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך די צייטונג איז געדרוקט, און מאָדנע, איך האָב דערטאַפּט די ווערטער, וואָס

האָבן געקלונגען צו מיר ווי יידיש, ווערטער ווי: נאָכבאַרשאַפט, גרונטי־קייט, פּאַראייניקטע שטאַטן, שטראָסע נומער דריי און נאָך און נאָך ווער־טער, וואָס זענען מיר געווען היימיש, באַקאַנט און איך האָב גלייך באַשלאָסן, אַז דאָ האַלט איך אין האַנט אַ דייטשע צייטונג און איך בין געוואָרן אַלץ מען און מער פאַראינטערעסירט ווייטער צו לייענען... און מיט אַ מאָל דער־הער איך אַן אויסגעשריי:

— אוי, דוד!

איך כאַפּ אַרויס די אויגן פון דער צייטונג און טו אויך אַ געשריי אויף אַ קול:

— אוי, לייזער!

מיר טוען ביידע אַ פאַל אַרויף איינער אויפן צווייטן, און בלייבן שטיין אויף אַ מינוט אַן לשון. לייזער טוט מיך אַ נעם אונטערן אָרעם, פירט מיך און זוכט אַ רואיק ווינקל, ווו זיך אַוועקצוזעצן און אין מיין מוח פליען דערווייל שנעל דורך פאַרשיידענע געדאַנקען: ווי קומט לייזער אַהער? און ווי קומט ער צו זיין אַ פאַרשטייער פון דער היגער יידישער קהילה? היינט זיין אויסערלעכער אויסזען? אַ האַרטן קאַפעליוש אויפן קאָפּ, אַ קור־צער פראַק, טונקעלע ברילן, שוואַרצע, פאַרדרייטע וואָנצעלעך, אַ העלער קראַוואַט. מיט איין וואָרט — גאָר אינגאַנצן נישט דער לייזער, וועלכן איך קאָן און געדענק פון מיין שטעטל טערניוווקע!

מיר גייען צו צו אַ ווינקל. לייזער רוקט צענויף צוויי שטולן, מיר זעצן זיך אַוועק און מיר פילן ביידע, אַז מיר ווייסן נישט פון וואָס אָנצוהייבן...

אָבער, קודם־כל, ווער איז לייזער? לייזער איז אַ טערניוווקער יונגער־מאַן וואָס שטאַמט פון אַ גאָר געהויבענער און אָנגעזעענער משפחה — דעם טערניוווקער רבס אַן אייניקל. אַ יונגערמאַן אַ לערנער, אַ מושלם בכל המעלות. מען האָט אַפילו געמורמלט אויף אים, אַז ער כאַפּט אַמאָל אַ קוק אַריין אין ספרים חיצונים. ער איז געשטאַנען, ווי מען פלעגט זאָגן, אין גאָר גרויסאַרטיקע שידוכים. ווי דען אַנדערש? נאָר וואָס דען? עס האָט זיך געהאַנדלט אין איין גאָר, גאָר גרויסן חסרון, דהיינו: — דער פּריזיוו!!

ער האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו אָן אויסזיכטן באַפרייט צו ווערן. לייזער איז עלטער פון מיר מיט אַ יאָר פיר־פינף. ווען ער האָט זיך געדאַרפט „פּריזיוואַיען" איז עס געווען אינעם יאָר 1900, ווען איך בין נאָך געווען אין טערניוווקע, און איך געדענק, אַז כמעט דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געזאָרגט וועגן לייזער דעם דיינס פּריזיוו. די פּני פון שטאָט האָבן זיך געלאָזט קאָסטן טויזנטער אַן אַ גרענעץ. אייניקע אָנגעזעענע

באַלעבאַטים זענען, אַפּילו, געפאָרן אין דער גובערניאַלער שטאָט זען צי עפּעס קאָן געטון ווערן אַרויסצוראַטעווען לייזערן פון די „גוישע הענט", אָבער — ס'האָט נישט געהאָלפן.

אין יענע יאָרן, ווי איך געדענק, איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג, אַז ווען אַ יידישער בחור האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו און נישט געהאַט קיין אויסזיכטן אויף באַפרייט צו ווערן, פלעגט ער אַליין, און אויך מיט דער הילף פון געוויסע „דאָקטוירים", מאַכן זיך פיזישע חסרונות — אָפּהאַקן זיך אַ פּאָר פינגער פון אַ האַנט, ווערן געבריכט, מאַכן זיך קאַליע די אויגן און נאָך אַזעלכע פיינע זאַכן. אַזעלכעס האָט מען אויך רעקאָמענ־דירט לייזערן און ער האָט זיך טאַקע צו דעם צוגעהערט. ער איז געפאָרן קיין אומאַן, די גרויסע שטאָט נישט ווייט פון טערניווקע צו אַ געוויסן „דאָקטאָר", „אַן אויגן־מאַכער", ד. ה. ער קען אָפּטאָן עפּעס אַזעלכעס מיט די אויגן, ציטווייליק, כדי דער „פּריזיוווניק" זאָל דורך דעם באַפרייט ווערן. נו, זענען טאַקע לייזערס אויגן קאַליע געוואָרן, אָבער באַפרייט גע־וואָרן איז ער נישט און ער האָט געמוזט גיין דינען „פּאַניען".

אמת, קיין ביקס האָט מען אים נישט געגעבן. טאַקע מחמת זיינע שוואַכע אויגן, האָט מען אים געגעבן „איידעלע" אַרבעטן, ווי רייניקן די פערד־שטאַלן, די קאַזאַרמעס, און נאָך אַזעלכע דעליקאַטע אַרבעטן, וואָס קאָנען געטון ווערן אָן גוטע אויגן.

שפּעטער מיט אַ יאָר צוויי ד. ה. אַרום 1902, ווען איך בין שוין געווען אין נעמיראָוו, האָב איך אָפּגענומען אַ גרוס פון טערניווקע און צווישן אַנדערע נייעס איז אויך געווען די, אַז לייזער דעם דינס איז אַנטלאָפן פון פּאָלק. אַנטלאָפן... וווהין? זיכער קיין אַמעריקע. ווו דען? און דאָ, פּלוצעם, אויף מיין וועג קיין אַמעריקע — לייזער!

קאַפּיטל 23

אַ מעשה מיט אויגן

מיר זענען אין טערניווקע געווען זייער היימיש, מחמת לייזערס היים ביי ר' הירש דעם דיין איז געווען פּונקט אַנטקעגן דעם זיידנס הויז און מיר פלעגן זיך באַגעגענען, כמעט, יעדן טאָג...

הכלל, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, אַ שטול לעבן אַ שטול און גערעדט און געשמועסט, געשמועסט און גערעדט און נאָך אַ מאָל געשמועסט. מיר האָבן ביידע געהאַט וואָס אויסצודערציילן פאַר די לעצטע פינף יאָר וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען. און לייזער האָלט כסדר אין רעדן און דערציילן:

— ווייסטו דאָך שוין — זאָגט ער — אַז איך בין אַנטלאָפן פון „פאַניען”, אַריבער די גרענעץ און אויפן וועג קיין אַמעריקע, קומענדיק אַהער טאַקע אַט־דאָ, אין דעם האָטעל, האָב איך געקראָגן אַ שטאַרקן אַטאַק אויף מיינע אויגן. מיינע אויגן זענען געוואָרן רויט ווי פייער, ס'האָט געברענט, געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. איך האָב געמיינט אַז איך ווער בלינד. איך האָב זיך גלייך בּאַראַטן מיט אַן אויגן־דאָקטאָר און נאָכן אונטערזוכן מיינע אויגן האָט ער מיך גאַנץ גלאַט און שאַרף געלאָזט וויסן, אַז איך וועל צוריקגעשיקט ווערן פון אַמעריקע איידער מען לאָזט מיך אַריין און איך זאָל זיך נישט דערוועגן צו פאָרן ווייטער ביז מיינע אויגן וועלן אויסגעהיילט ווערן און, צום באַדויערן, לייד איך אויף די אויגן עד היום. און דאָס וואָס דו זעסט מיך איצט מיט מיינע טונקעלע ברילן איז עס אַ רעזולטאַט פון מיינע שוואַכע אויגן, אַ רעזולטאַט און נאָכוויי־עניש פון מיין פּריזיווו. אגב — זאָגט מיר לייזער — איך קוק אויף דיר און זע, אַז דיינע אויגן זענען עפּעס נישט אין אָרדענונג. איך זע אַ מין רויט געשווילעכץ אַרום דיינע אויגן, האָסט עס באַמערקט? צי האָסטו זיך בּאַראַטן מיט אַן אויגן־דאָקטאָר, איידער דו האָסט זיך געלאָזט אין וועג אַריין? נו, — זאָגט ער — איך זיץ שוין דאָ צו לאַנג און איך מוז גיין. איך וועל זיך מאָרגן, צוליב דיר, באַפרייען פון מיין אַרבעט אויפן גאַנצן טאָג. מירן עסן מיטאָג צוזאַמען און ווידער שמועסן וועגן דיר, וועגן מיר, דיינע אויגן און וועגן אַמעריקע בכלל.

ער האָט זיך געזעגנט און אַוועקגעגאַנגען. און דאָ הייבט זיך אָן דאָס סאַמע וויכטיקסטע פונעם עפּיזאָד, וואָס האָט אַ שייכות מיט מיר.

ווען לייזער האָט פאַרלאָזט דעם האָטעל האָט מיך אָנגעהויבן מאַטערן דער געדאַנק וועגן מיינע אויגן. לייזער איז געווען גערעכט, ס'איז טאַקע געווען אַ רויט געשווילעכץ אַרום איין אויג. דאָס פלעגט מיט מיר אָפט פּאַסירן; ס'פלעגן זיך באַווייזן אויף ביידע אויגן רויטע געשווילעכצן. מען האָט עס גערופן „גערשטן”. זיי פלעגן קומען און אַליין אַוועקגיין און איך האָב עס נישט גענומען ערנסט. אָבער איצט בין איך געוואָרן זייער אומרואיק, עס האָט מיך געמאַטערט אַ געדאַנק: „אפשר?... ווער ווייסט?...

אָט זע איך דאָך לייזער!..." און איך בין שוין די נאַכט רואיק נישט געשלאָפן.

אויף צומאָרגנס, אַרום מיטאָג־צייט, איז לייזער אַריינגעקומען אין האָטעל. איך האָב שוין אויף אים אומגעדולדיק געוואַרט. איך האָב אים דערווייל פאַרגעשטעלט פאַר דודן און אונדזער צווייטן מיטפאָרער. איך באַמערק לייזערן, אַז דוד מאַכט שוין דורך זיין צווייטע רייזע קיין אַמעריקע און ער איז אונדזער מורה דרך.

מיר זענען אַרויס פון האָטעל. לייזער האָט אָפּגעשטעלט אַ דראָשקע (טאַקסי), האָט אָנגערופן דעם טרייבער אַ נאָמען פון אַ רעסטאָראַן אויף אַ געוויסער „שטראַסע". דאָרט האָט לייזער באַשטעלט פאַר אונדז אַ מאָל־צייט, און דער קעלנער האָט אונדז צוגעפירט צו אַ באַזונדער טישל פאַר צוויי פערזאָן און לייזער האָט פּרובירט צו פאַרפירן עפּעס אַ שמועס וועגן וויזן מיר די שטאָט, זיין וווינונג און נאָך זאַכן וואָס איך האָב אין זיי נישט געהאַט קיין אינטערעס, מחמת אין מיין מוח האָט געבריט איין און איינציק וואָרט — אויגן. בין איך לייזערן אַריינגעפאַלן אין זיינע רייד און אַ זאָג געטון צו אים:

— הער, לייזער, קודם־כל, אויב דו ווילסט מיר טון אַ טובה, פיר מיך צו אַן אויגן־דאָקטאָר, מחמת איך האָב מורא זיך צו לאָזן אין וועג קיין אַמעריקע מיט אַ געשוואָלן אויג.

לייזער האָט מיך אַ ביסל באַרואיקט זאָגנדיק, אַז דאָס וואָס ער זעט אויף מיינע אויגן איז נישט ערנסט.

— ווען עס קומט צו אויגן — זאָגט ער — און דאָס וואָס איך האָב דורכגעמאַכט מיט מיינע אויגן, בין איך שוין, דוכט זיך, אַליין אַ שטיקל אויגן־דאָקטאָר. און וואָס שייך אַ דאָקטאָר — וועט מאָרגן פרי, אַרום צען אַ זייגער, זיין אונדזער שטענדיקער אויגן־דאָקטאָר אין האָטעל און ער וועט אונטערזוכן דיינע אויגן. איך האָב שוין גערעדט מיט אים וועגן דיר. וואָס איך וויל דאָ מיט דיר ריידן איז גאָר וועגן אַן אַנדער ענין און דאָס איז מכוח דיין פאָרן קיין אַמעריקע. און ער הייבט מיר אָן צו דערציילן וואָס ער הערט זיך אָן און זעט זיך אָן פון די, וואָס קומען צוריק פון אַמעריקע — ווי שווער און ביטער מען מוז דאָרט אַרבעטן, ווי טויזנטער און טויזנטער מענער און פרויען אַרבעטן צוועלף און פערצן שעה אַ טאָג אין די שוויץ־פאַבריקן, ווי די ניי אָנגעקומענע ווערן דאָרט עקספּלאָאַטירט, ווי אומבאַ־האָלפן זיי זענען — און אַזוי ווייטער און ווייטער, האָלט ער אין מאָלן מוראדיקע און שרעקלעכע בילדער פון אַמעריקע און זאָגט צו מיר: — דוד,

דו בינסט נישט קיין פאַבריקס־מאַטעריאַל, דו בינסט נישט פון די האַרע־פּאַשניקעס, אַ באַוויבטער מיט קינדער, וואָס מוזן זיין שקלאַפן אין פאַבריקן אויף צו דערנערן זייערע פאַמיליעס! ער דערציילט מיר אויך ווי גליקלעך ער איז דאָ. ער האָט זיך דאָ זייער גוט איינגעאָרדנט, קריגט אַ גוטע „זשאַלאָוואַניע"... בקיצור, ער האַלט פאַר נויטיק מיר צו זאָגן, אַז איך קאָן האָבן די ברירה, ד. ה. אַז ס׳זענען פאַראַן דאָ אין שטאָט פיל מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן פאַר מיר זיך דאָ איינצואָרדענען. — „איך קען דיר דאָ פיל אַרויסהעלפן און איך האָב געפונען פאַר נויטיק מיט דיר וועגן דעם צו רעדן. טו אַ טראַכט וועגן דעם".

לייזער האָט מיך אָפּגעפירט צוריק אין האָטעל, מיך נאָך אַ מאָל פאַר־זיכערט, אַז דער אויגן־דאָקטאָר וועט זיין אין האָטעל אַרום צען אינדערפרי און ער, לייזער, וועט מיך זען אַרום מיטאָג־צייט.

לייזער איז אַוועק און איך בין געבליבן אַ צעדרייטער און אין אַ געדריקטער שטימונג און פאַרשיידענע מחשבות האָבן זיך געפּלאָנטערט אין מיין מוח. ערשטנס, האָב איך געטראַכט וועגן די אויגן — וואָס וועט זיין אויב ס׳איז טאַקע ערנסט מיט מיינע אויגן און איך קאָן נישט פאָרן ווייטער? דעמאָלט האָב איך אָן אויסוועג און טאַקע אַ דאַנק לייזערן קאָן איך זיך דאָ איינאָרדענען. איך האָב אויך געטראַכט, אַז טאַקע ווו שטייט עס, אַז איך מוז פאָרן קיין אַמעריקע? דער גאַנצער זין פון מיין איצטיקער רייזע איז דאָך אַנטלויפן פון „פּאַניעך". איז נו, אָט בין איך שוין באַפרייט פון ווערן אַ סאָלדאַט ביי ניקאָלאַיען. איז וואָס־זשע איז דער אונטערשייד אין אַ וואָס פאַר אַ לאַנד — אויסער רוסלאַנד — איך געפין זיך? און איך טראַכט ווידער, אַז אויב אָבער יאָ, איך קאָן פאַרזעצן די רייזע ווי געפּלאַנט, ד. ה. קיין אַמעריקע — קלינגט מיר נאָך אין די אויערן לייזערס רייד און זיין מאָלן די שרעקלעכע בילדער פון אַמעריקע, וואָס איך הער זיי ס׳ערשטע מאָל זינט דער ענין „אַמעריקע" איז אַריין אין מיין פּריזיוו־פּראָגראַם. בין איך אַזוי געזעסן מיט מיינע מחשבות אַ באַטריבטער און פאַרזאָרגטער און געטראַכט — ווו נעמט מען דאָ איצט דעם פעטער?

דוד האָט מיך דערזען, צוגעגאַנגען צו מיר אַ שמייכלענדיקער און אַ זאָג געטון:

— עפּעס קוקסטו מיר אויס אַ ביסל לאַ־עליכמדיק. — און קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין און וואַרט. ער זעצט זיך אַוועק לעבן מיר און טוט אַ פרעג:

— נו, האָסטו עפּעס גוט פאַרבראַכט די צייט מיט דיין בן־עיר, מיטן טערנ־יוּקער יונגנמאַן?

מיר איז נאָך פריער, נאָך לייזערס אַוועקגיין, ווען איך בין געבליבן אין אַ געדריקטער שטימונג, דורך אַ געדאַנק, אַז דוד דאַרף און מוז וויסן וואָס עס האָט זיך פּלוצעם אַרום מיר אַ דריי געטון און געשאַפן אומגע־ריכטע, ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן ווערן אַרומגערעדט, באַהאַנדלט און טאַקע באַשלאָסן ווערן אין די קומענדיקע צוויי, דריי טעג.

האָב איך טאַקע גלייך באַלד אויסדערציילט דודן אַלץ, וואָס מיך דריקט און אין וואָס מיין זאָרג באַשטייט:

— איך טראַכט און זוך עפּעס אַן אויסוועג פון דעם פּלאָנטער און איך האָב זיך מיט אייך — זאָג איך צו אים — טאַקע געוואָלט דורכ־שמועסן וועגן אַלץ. אגב, — זאָג איך צו אים — איז טאַקע אמת אָט די שרעק, וואָס לייזער האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן און וואָס עס דערוואַרט מיך אין אַמעריקע? — און איך זאָג צו אים — לייזער איז דאָך אין אַמעריקע נישט געווען, זיין דערפאַרונג האָט ער פון דעם, וואָס ער הערט זיך אָן פון די צוריקגעלאָפענע פון אַמעריקע, אָבער איר, דוד, זענט דאָך שוין אין אַמעריקע געווען איין מאָל, געקומען צוריק און איצט פאָרט איר ס׳צווייטע מאָל, מוזט איר דאָך אוודאי וויסן אַזוי גוט ווי לייזער און אפשר מער ווי ער, וואָס שילדערט אַמעריקע ווי אַ שקלאַפן־לאַנד פאַר ניי־אָנגעקומענע. ווי קומט עס וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פון אייך איר זאָלט רעדן וועגן אַמעריקע אין אַזעלכע טערמינען?

איך האָב באַמערקט, אַז די גאַנצע צייט וואָס איך האָב גערעדט האָט מיר דוד זייער אויפמערקזאַם אויסגעהערט און טראַכטנדיק אַ פּאָר מינוט, האָט ער אַ זאָג געטון:

— הער אויס, דוד, לאָמיר צוגיין צו דעם ענין על ראשון־ראשון, ועל אחרון־אחרון.

קאַפּיטל 24

אַ גוטער סוף

— איז קודם־כל, דיינע אויגן; לאָמיר וואַרטן ביז מאָרגן, ביז נאָך דעם באַזוך פונעם אויגן־דאָקטאָר. אויב דער דאָקטאָר וועט אויסגעפינען,

נאָך זיין אונטערזוכן דיינע אויגן, אַז לויט זיין מיינונג זענען דיינע אויגן אין אַזאַ צושטאַנד, אַז אַמעריקע וועט דיך שיקן צוריק, איז דאָך נישט שייך צו רעדן וועגן אַנדערע פּלענער, מוזסטו דאָ פאַרבלייבן. דו קענסט דאָך צוריק קיין רוסלאַנד נישט קומען, סיידן גיין פאַר אַ סאָלדאַט. איז אויב דאָ פאַרבלייבן האָט דיר דאָס מזל צוגעשפּילט, וואָס דו האָסט דאָ אַ פריינט וואָס ווי איך זע, איז ער שוין דאָ אַ תושב און ער קאָן דיר אַ סך אַרויסהעלפן און דו דאַרפסט זאָגן גם זו לטובה. אויב אָבער דער דאָקטאָר וועט נישט געפינען קיין ערנסטע קראַנקהייטן אין דיינע אויגן און דו קאָנסט פאָרן ווייטער, וועלן מיר דעמאָלט רעדן וועגן אַמעריקע. דאָס לאַנד, וואָס לייזער באַצייכנט ווי אַ שקלאַפן־לאַנד פאַר ניי־אַנגעקומענע.

איך האָב דערפילט, אַז דוד איז גערעכט מיט זיין אַנאַליזירן מיינע איצטיקע פּראָבלעמען און ס'איז מיר געוואָרן אַ ביסל גרינגער, ווייל אינ־גאַנצן באַפרייען זיך פון מיינע פּלוצלונגדיקע, אומגעריכטע אין מיטן וועג, פּראָבלעמען האָב איך נישט געקענט און איך האָב אומגעדולדיק געוואַרט אויף מאָרגן פרי, אויפן וויזיט ביים אויגן־דאָקטאָר.

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט און נאָכן עסן דעם פרישטיק אָן אַ פּיצל אַפּעטיט, בין איך אַרום ניין אַ זייגער אַריין אין וואַרט־צימער. איך האָב שוין דאָרטן געטראָפן דודן מיט אונדזער צווייטן מיטפאָרער. איך האָב דערקענט אין זיי ביידן, אַז זייער שמועס איז געווען וועגן מיר. זיי האָבן אויסגעקוקט אַ ביסל צערודערט. עס האָט זיי מסתמא באַנג געטון, טאָמער חלילה, צעטרייסלט זיך אונדזער „טרויקע", די דריי־אייניקייט אויף דער ווייטערדיקער רייזע. מיר האָבן זיך געהאַלטן אַזוי נאָענט די גאַנצע צייט, פונעם ערשטן טאָג אָן, אַרויספאָרנדיק פון נעמיראָוו. אַפילו מיט אונדזערע עסנס, וואָס מיר האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון דער היים האָבן מיר געמאַכט אַ שותפות און אַריינגעלייגט אין איין קאָשיקל און אַלע דריי פון דעם גענעסן און בכלל זיך כסדר געהאַלטן צוזאַמען. און דאָ... אין מיטן דריינען — אַ מעשה מיט אויגן... אַ טערניוזקער ייד... נייע פּלענער... און דאָס האָט מיך אַ ביסל דערשלאָגן.

אין אַ שעה אַרום איז אַריינגעקומען אין וואַרט־צימער אַ מיטליאָריקע פרוי, אָנגעטון אין אַ ווייסן כאַלאַט, מיט אַ ווייסן טשיפּעק אויפן קאָפּ — קענטיק אַ קראַנקן־שוועסטער. זי האָט אויסגערופן אַ דריי־פיר נעמען און געפרעגט צי זיי געפינען זיך דאָ. מיין נאָמען איז אויך געווען צווישן די גערופענע. אַלע האָבן געענטפערט יאָ, פאַראַן. זי האָט געבעטן וואַרטן ביז זי וועט איינציקווייז אַריינפירן אין צימער, ווו דער דאָקטאָר געפינט זיך

איצט. אין אייניקע מינוטן אַרום איז זי נאָך אַ מאָל אַרויסגעקומען, אָנגערופן אַ נאָמען און אַ זאָג געטון:

— ביטע קאָמען זי מיט מיר.

ענדלעך האָט זי מיין נאָמען אויסגערופן, מיך אַריינגעפירט און פאַר־געשטעלט פאַרן דאָקטאָר — לויטן אויסזען, אַן אַנגענעמער מענטש. ער האָט געדריקט מיין האַנט און געבעטן זיצן און אָנגעהויבן מיר שטעלן פראַגן וועגן מיינע אויגן: צי זע איך גוט, (יאָ), צי פיל איך ווייטיקן אין די אויגן, (ניין), צי דאַרף איך זיך אָנשטרענגען ווען איך לייען, (ניין), צי האָב איך ווען עס איז געטראָגן ברילן, (ניין), צי טרערן אָפטמאָל די אויגן, (ניין) און נאָך און נאָך פראַגן. איך האָב געזאָגט, אַז דאָס איינציקע וואָס באַאומרואיקט מיך איז, הער דאָקטאָר, מיינע ברעגן פון די אויגן־דעקלעך. ספּעציעל אויפן רעכטן אויג זענען זיי רויט און אַ ביסל אָנגעשוואָלן, און איך וויל זיין זיכער, מיט מיין ווייטערדיקער רייזע קיין אַמעריקע און נאָר וועגן דעם האָב איך זיך געוואָלט מיט אייך, הער דאָקטאָר, באַראַטן און איך וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין פאַר אייער הילף אין מיין לאַגע.

דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגענומען פון זיין טיש אַ קליין עלעקטריש לעמפּעלע, אַריינגעקוקט אין איין אויג און אין צווייטן, אַ טאָפּ געטון דאָס אָרט ביים אויג, וואָס איז געווען אַ ביסל געשוואָלן, געפרעגט, צי ס׳טוט וויי, (ניין), ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס לעמפּעלע צוריק אויפן טיש און געזאָגט צו מיר:

— איך זע נישט אין אייערע אויגן קיין אויסערגעוויינלעכס, זי האָבען פולשטענדיקע געזונטע אויגן און זי קאָנען גאַנץ באַשטימט פאָרזעצן די רייזע קיין אַמעריקע. דאָס געשווילעכץ וואָס באַאומרואיקט אייך איז נישט ערנסט, דאָס קומט פון אַ נישט באַלאַנסירטער דיעטע. איך וועל אייך געבן אַ פּודער. נעמט עס מיט און אין די אייניקע טעג אויף דער שיף וואָרפט אַריין אַ ביסל פּודער אין וואַרעמע וואַסער, וואַשט אויס ס׳אויג מיט אַ ריין טיכל אָדער וואַטע אַ צוויי, דריי מאָל אַ טאָג און דאָס גע־שווילעכץ וועט פאַרגיין. דאָס אַלץ. זאָרגט נישט וועגן אייערע אויגן. — ער האָט מיר געדריקט די האַנט און געווונטשן אַ גליקלעכע רייזע.

אַרויסגייענדיק פונעם דאָקטאָרס צימער צוריק אין וואַרט־צימער האָבן מיינע צוויי מיטפאָרער שוין אויף מיר געוואַרט און אַ קוק טוענדיק אויף מיר האָבן זיי שוין גלייך דערקענט, אַז דאָס אויגן־פּראָבלעם איז דער־

לײדיקט. דער ערשטער, װאָס איז צו מיר צוגעגאַנגען איז געװען דוד און ער האָט אַ זאָג געטון:

— נו, זענען מיר, הײסט עס, שױן פּאַרטיק מיט די אױגן, ד. ה. אַז די אױגן זענען אין אָרדענונג. האָב איך געטראָפן?

— יאָ, דער דאָקטאָר האָט מיך באַרואיקט און װאָס שײך אױגן זאָרג איך זיך שױן נישט.

— אױב אַזױ — זאָגט דוד — בלײבט נאָך איצט איבער די פּראָגע צי אַמעריקע װעט דיר געפעלן נאָך דעם װי דײן פרײנט לײזער האָט דיר אַזױ איבערגעשראָקן — איז קום, לאָמיר זיך אַװעקזעצן און זיך אַ ביסל דורכשמועסן װעגן דעם ענין אַמעריקע.

מיר האָבן זיך אַלע דרײ אַװעקגעזעצט אין אַ װינקל פונעם גרױסן װאַרט־צימער און דוד האָט אָנגעפאַנגען אַזױ:

— איך װיל דיר זאָגן, דוד, אַז דײן פרײנט לײזער האָט דיר דער־צײלט װעגן אַמעריקע טאַקע דעם אמת. ס'איז אמת, אַז יעדער עמיגראַנט װאָס קומט קײן אַמעריקע לעבט איבער אין זײנע ערשטע צײטן אַן איבער־גאַנג־פּראָצעס, אַ פּראָצעס אין רעזולטאַט פון דעם, װאָס ער װערט אַרױס־געריסן, צוליב פאַרשײדענע סיבות, פון זײן סביבה, װוּ ער איז געבױרן און אױסגעװאַקסן געװאָרן און דאַרף זיך צופּאַסן און אַרײנװאַקסן אין אַ נײער סביבה און אין אַ נײעם לעבנס־שטײגער, װאָס איז פאַר אים נאַטיר־לעך פרעמד אין אַלע הינזיכטן. דער מענטש־עמיגראַנט מוז זיך בײגן, ברעכן, לײדן — און איבערטראָגן און בײקומען אָט דעם איבערברוך־פּראָצעס. און אָפט, זײער אָפט קענען עס אײניקע נישט באַװײזן און לױפן צוריק פון װאַנען זײ זענען געקומען.

אַלץ װאָס דײן פרײנט לײזער האָט דיר דערצײלט איז טאַקע אמת, אָבער נאָר אַ האַלבער אמת. דעם צװײטן האַלבן אמת װאָס איז דער װיכטיקסטער האָט דיר לײזער נישט דערצײלט. נישט דערפאַר, װאָס ער האָט דעם צװײטן האַלבן אמת פאַר דיר געװאָלט באַהאַלטן, נאָר דערפאַר, װאָס דאָס איז אים אפשר נישט באַקאַנט. ס'איז אים נישט באַקאַנט, אַז אַמעריקע איז אַ ריזיק, גרױס לאַנד, דאָס רײכסטע לאַנד אין דער װעלט אױך אין אירע נאַטור־אוצרות און װאָס דאָס איז דער עיקר — דאָס פרײסטע לאַנד אין דער װעלט מיט אירע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, פרײהײט פאַר יעדן אײנציקן בירגער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, יידן אַרײנ־גערעכנט, אַז די גלײַכגנהײטן און מעגלעכקײטן זענען פרײ פאַר יעדן בירגער פון לאַנד. אָט דאָס האָט דיר לײזער נישט דערצײלט. אגב, די

צוריקלויפער זענען דאָך זייער, זייער אַ קליינער פּראָצענט. און אַפילו פונעם קליינעם פּראָצענט וועסטו געפינען פיל, וואָס קוים האָבן זיי שוין איין מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון דער פרייער אַמעריקע, לויפן זיי קיין אַמעריקע דאָס צווייטע מאָל, מיט אַ באַשלוס צו פאַרבלייבן דאָרט אויף שטענדיק.

אַט נעם מיר, איך בין אויך איינער פון די צוריקלויפער, וואָס לייזער האָט דיר דערציילט און ווי דו ווייסט, איז דאָס שוין אויך מיין צווייטע רייזע קיין אַמעריקע. מחמת קומענדיק צוריק פון אַמעריקע און נאָך מיין אָפּזיין אין רוסלאַנד אייניקע חדשים און זעענדיק וואָס דאָרט טוט זיך, האָב איך ערשט דערפילט און געקומען צום באַשלוס, אַז ס'איז געזינטער און זיכערער פאַר אַ יידישן מענטש צו זיין וואָס ווייטער פון דעם דאָזיקן לאַנד, פון וועלכן מיר לויפן בפרט, און פון אייראָפּעישן קאָנטינענט בכלל. פון אַט דעם קאָנטינענט וואָס איז באַזעצט מיט אַזויפיל פעלקער און פעלקערלעך וואָס קריכן איינס דאָס אַנדערע אויף די קעפּ און וואָס צו יעדער מינוט קאָנען אויסברעכן מלחמות און רעוואָלוציעס און סתם שטורעמס. און ווי מיר ווייסן, אין אַזעלכע אומשטאַנדן גייט עס קודם־כל אויס צו די יידישע קעפּ. און אַט דערפאַר, זעסטו מיך אויך לויפן קיין אַמעריקע דאָס צווייטע מאָל און דאָס מאָל מיט מיין שטאַרקסטן באַשלוס — להשתקע.

וועל איך דיר דאָ, דוד, נאָך אַ מאָל באַטאָנען, אַז פאַר דיר שטייען פאַר אין אַמעריקע שוועריקייטן אין די ערשטע צייטן. איך בין אָבער זיכער, אַז אויב דו וועסט האָבן געדולד וועסטו די שוועריקייטן בייקומען. איך וויל דיר אויך זאָגן, אַז איך האָב דאָ נישט אין זינען אַרויפצוצווינגען אויף דיר מיין מיינונג אָדער עצה. בינסט אַ דערוואַקסענער מענטש און קאָנסט טון ווי דו פאַרשטייסט. איך וויל דיר נאָר צו לעצט זאָגן, אַז אויב דו באַשליסט פאַרצוזעצן דיין רייזע קיין אַמעריקע בין איך זיכער, אַז שפּעטער־שפּעטער, אפשר מיט אַ סך יאָרן, וועסטו מיך דערמאָנען אַז איך האָב דיך אין אַן ערנסטן מאָמענט געראָטן אויפריכטיק און ערלעך, ווי דו וואָלסט געווען מיינער אַן אייגענער.

איך האָב זיך צוגעהערט צו יעדעס וואָרט וואָס דוד האָט גערעדט אַזוי ערנסט און שכלדיק. איך האָב זיך אויך, בשעת זיין רעדן דערמאָנט אין דעם וואָס דער פעטער האָט כמעט אין די לעצטע מינוטן איידער מיר זענען אָפּגעפאָרן, צו מיר געזאָגט: „זאָלסט זיך צוהערן צו דודן, ער איז ערלעך און אַ דערפאַרענער מענטש". און אַזוי ווי דוד האָט פאַרענדיקט רעדן האָב איך אַן אויפגעמונטערטער, אַ פריילעכער, ווי אויסגעשריען:

— יידן, לאָמיר פאַרגעסן אין דעם אַלעמען וואָס האָט דאָ פּאַסירט ווי אין אַ בייזן חלום! גלייך ווי עס איז גאָרנישט געווען און מיר פאָרן אַלע ווייטער!

און נאָך דעם, ווען איך האָב אויסגעשריען די ווערטער „מיר פאָרן אַלע ווייטער״ זענען מיר אַלע דריי ווי אויפגעלעבט געוואָרן, זיך צע־שמייכלט און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער שיף. און מיט דעם האָט זיך דער דאָזיקער עפּיזאָד פאַרענדיקט.

ער איז דעמאָלט געווען פאַרענדיקט, אָבער איך האָב דעם עפּיזאָד קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ער איז פאַרבליבן פריש אין מיין זכרון מיט אַלע דעטאַלן, אָט פונקט ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט. און דורך די אַלע לאַנגע יאָרן פון יענער צייט אָן, ווען איך פלעג זיך אין דעם דערמאָנען, פלעג איך זיך אַליין פרעגן און איך פרעג זיך נאָך איצט, מיט עטלעכע און זעכציק יאָר שפּעטער, ווען איך שרייב די שורות: וואָס וואָלט טאַקע מיט מיר געווען און געשען, ווען איך באַשליס דעמאָלט דאָרט צו פאַרבלייבן? — איז ווער קאָן געבן אַן ענטפער אויף אַזאַ פראַגע? מיר ווייסן וואָס ס׳איז געווען, אָבער וואָס עס וואָלט געווען — דאָס זענען פאַרבאָרגענע סודות וואָס בלייבן אָן אַן ענטפער...

און איצט — צו דער שיף קיין ניו־יאָרק!

קאַפּיטל 25

מיין מכניס אורח אין ניו־יאָרק

די צען טעג וואָס מיר האָבן זיך געפונען אויף דער שיף, וואָס האָט אונדז די גאַנצע צייט געהוידעט, געוואָרפן, געטרייסלט — בין איך, כמעט, די גאַנצע צייט געלעגן אויפן בעטל אין אונדזער קאַיוטע אַ פאַרשמאַכטער, אַ פאַרחלשטער, אָן אַ ברעקל ענערגיע, אָן אַפּעטיט צום עסן. ס׳איז מיר אַפילו דורך אַ געדאַנק, אַז איך וועל אַליין פון דער שיף, מיט אייגענע כוחות, נישט קענען אַראָפּגיין — מ׳וועט מיך מוזן אַראָפּטראָגן. איך האָב באַמערקט, אַז מיינע צוויי מיטרייזנדער זענען אויך נישט אַזוי שטאַרק מונטער און פריילעך. אַפילו דוד, וואָס האָט שוין איינמאָל דורכגעמאַכט די ים־רייזע, האָט זיך אויך קוים געהאַלטן אויף די פיס. ער האָט אונדז אָבער געטרייסט, אַז ערשטנס — פון אַ ים־קראַנקהייט שטאַרבט מען נישט

און צוויטנס — אַז אין אַ צוויי טעג אַרום וועט שוין דער ים נישט אַזוי בייז שטורעמען, מחמת מיר וועלן שוין זיין נאָענט צום ברעג פון ניו־יאָרק. איז נישט געזאָרגט!

האָבן מיר זיך טאַקע אין אַ פּאָר טעג אַרום אָנגעהויבן פילן בעסער און ענדלעך איז אונדזער שיף (איר נאָמען געדענק איך נישט) צוגעשוואומען צו דעם אינדזל, וואָס די עמיגראַנטן אויף דער שיף האָבן עס גערופן „קעסל גאַרדן". אייניקע האָבן אַפילו געזאָגט, אַז זיי ווייסן, אַז מען רופט דאָס אָרט אויך „דאָס טרערן־אינדזל", מחמת פיל טראַגעדיעס וואָס דאָ פּאַסירן מיט עמיגראַנטן, וועלכע ווערן צוליב פאַרשיידענע סיבות נישט אַריינגעלאָזט קיין אַמעריקע און ווערן צוריקגעשיקט צום פּאָרט, פונוואַנען זיי זענען געקומען.

די שיף האָט געגעבן עטלעכע פייפן און לאַנגזאַם צוגעשוואומען צום ברעג. אַלע רייזנדער זענען שוין געווען אויפן דעק מיט זייערע באַגאַזשן און, פאַרשטייט זיך, אויך מיר דריי וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, אָבער נישט גערעדט צווישן זיך. מיר האָבן אַלע דריי דערפילט אַ שפּאַנענדיקע דערוואַרטונג. איך געדענק, איך אַליין האָב דעמאָלט געטראַכט, אַז אָט־דאָ, עפנט זיך פאַר מיר אַ ניי בלאַט אין מיין לעבנס־גאַנג.

די שיף האָט געגעבן איר לעצטן פייף און מיר האָבן דערהערט אַ קול דורך אַ הילכער, וואָס האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע אויסצושטייגן און באַפוילן, אַז יעדער פּאַסאַזשיר זאָל האַלטן זיין רייזע־קאַרטע אין די הענט, גרייט צו ווייזן ביים אַרויסגאַנג.

דוד האָט גלייך אַרויסגענומען פון זיין רייזע־טאַש אונדזערע שיפס־קאַרטעס, געגעבן מיר און ר' אבאן אונדזערע און זיינע געלאָזט אין זיינע הענט. און אַזוי, מיט אונדזערע פּאַפּירן אין די הענט, האָבן מיר געשפּאַנט פון שיף.

ביים סאַמע אַרויסגאַנג זענען געשטאַנען צוויי באַאַמטע אין מונדירן מיט זילבערנע קנעפּ און געבעטן מיט אַ ווייכן טאָן די פּאַפּירן. דוד האָט זיינע דערלאַנגט דער ערשטער. דער באַאַמטער האָט אין דעם אַריינגעקוקט, עפּעס געפרעגט דודן און דערלאַנגט דודס פּאַפּירן צום צווייטן באַאַמטן וואָס איז, ווייזט אויס געווען אַ דאָקטאָר, מחמת מיר האָבן געזען ווי ער קוקט דודן אין די אויגן אַריין און אים אָנגעוויזן אין וואָסער ריכטונג צו גיין, אַ ריכטונג וואָס פירט צו דער גאַס. דער צווייטער נאָך דודן איז געווען ר' אבא און דער זעלבער פּראָצעס ווי מיט דודן. אָבער אים האָט מען געוויזן אַרויסצוגיין נישט אין דער זעלבער ריכטונג ווי דודן.

גלייך נאָך ר׳ אבאן בין איך געגאַנגען. איינער פון די באַאַמטע האָט מיר געפרעגט די נעמען און די ווינערטער פון מיינע נאָענטע אין אַמע־ריקע. ווען איך האָב געוויזן איינעם און דעם צווייטן, האָט ער שוין אויפן דריטן נישט געפרעגט. דער דאָקטאָר האָט זיך גענומען צו מיינע אויגן, געקוקט, באַטאַפּט און מיר אָנגעוויזן צו אַן אַרויסגאַנג — נישט דעם זעלבן וואָס דודן און אויך נישט דעם זעלבן וואָס ר׳ אבאן. געהערט האָב איך, אַז מען פרעגט דעם נייעם עמיגראַנט צי פאַרמאָגט ער געלט און וויפל. אָבער זיי האָבן מיר אַפילו נישט געפרעגט וועגן געלט און מיר אָנגעוויזן אויף אַ נומער פון אַן אָפענער טיר.

אַרויסגייענדיק פון דער גרויסער געביידע האָב איך זיך געפונען אויף דער גאַס צווישן אַ מאַסע פון טויזנטער מענטשן — סיי די, וועלכע האָבן געשטראָמט פון דער שיף אַרויס און די גרויסע מאַסע מענטשן אויף דער גאַס, וועלכע זענען געקומען באַגעגענען און נעמען זייערע אייגענע און פריינט, די, וועלכע זענען מיט דער שיף אָנגעקומען.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, אפשר וועל איך דאָ דערזען מיין פריינט פון נעמיראָוו, וועלכער האָט מיך געזאָלט באַגעגענען. אָבער, ווייזט אויס, אַז מיר האָבן זיך אויסגעמיידט.

בין איך געשטאַנען, אַליין צווישן דער גרויסער מאַסע מענטשן, צע־טראָגן און כמעט ווי פאַרצווייפלט, נישט וויסנדיק וואָס טוט מען און וווהין גייט מען. זוכן דאָ מיינע פריינט, די מיטרייזנדער, דודן און ר׳ אבאן איז געווען ווי צו זוכן אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי. און אַזוי שטייענדיק און דרייענדיק דעם קאָפּ אין אַלע זייטן קומט מיר אַנטקעגן מיין פריינט פון נעמיראָוו. אַ שמייכלענדיקער כאַפּט ער מיך אַרום מיט אַ ברייטן שלום־עליכם. ער אַנטשולדיקט זיך, וואָס אין דעם גרויסן טומל איז ער אַריין נישט אין דער ריכטיקער טיר, דורך וועלכער ער האָט מיך געדאַרפט באַגעגענען, און דערפאַר האָבן מיר זיך פאַרלוירן... נו, אַבי מען זעט זיך!

איידער איך גיי ווייטער אין מיינע זכרונות פון מיינע ערשטע טעג אין אַמעריקע וויל איך דאָ פאַרצייכענען, אַז אין די אַלע פיל יאָרן פונעם טאָג, ווען איך בין אַראָפּ פון שיף ביז איצט, מיט עטלעכע און זעכציק יאָר שפּעטער, ווען איך שרייב די שורות, האָב איך קיין איין מאָל נישט פאַר־געסן מיינע צוויי מיטרייזנדער, ספּעציעל דודן, וואָס האָט אויפגעפּאַסט אויף מיר דורך דער גאַנצער צייט פון אונדזער רייזע, ווי איך וואָלט געווען זיינער אַן אייגענער. דורך די אַלע יאָרן האָב איך געמאַכט אייניקע פאַרזוכן זיך מיט אים צו באַגעגענען, אָבער אָן דערפאָלג. אויב די דאָזיקע

שורות וועלן אים דערגרייכן, זאָל ער וויסן, אַז מיין דאַנקבאַרקייט, פריינט־שאַפט און דרך־ארץ צו אים האָב איך די אַלע יאָרן נישט פאַרגעסן.

מיין פריינט האָט ביי מיר צוגענומען די „קאָרזינקע" מיט מיין באַגאַזש און געזאָגט צו מיר:

— נו, לאָמיר גיין!

איך געדענק שוין נישט ווי מיר זענען אָנגעקומען צו זיין היים — צי מיטן טראַמוויי, צי מיט דער באַן, וואָס איז געפלויגן מיט אַ טראַסק איבער די דעכער, נאָר אין אַן ערך דריי פערטל שעה צייט זענען מיר געקומען צו אַ גרויסער געביידע וואָס האָט זיך געפונען אין אַ גאַס, אינעם געגנט פון דילענסיע און קאַנאַל־גאַסן (איך געדענק נישט גענוי דעם נאָמען פון דער גאַס). מיר האָבן אָנגעהויבן צו גיין אויף טרעפּ ביז צום דריטן שטאָק און דאָרטן זענען מיר אַריין אין אַ טיר, וואָס האָט געפירט צו יאָסלס קוואַרטיר.

שרה, זיין פרוי, האָט מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען. מיר באַלד אָנגעוויזן אויף זייער גרויסן אוצר וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אַכטיאָריק מיידעלע און דריי קליינע יינגעלעך.

די גאַנצע וווינונג איז באַשטאַנען פון דריי קליינע צימערלעך, וואָס איינס פון זיי איז געווען די קיך. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט, געשמועסט, אָפּגענומען גרוסן פון נעמיראָוו און ווייטער געשמועסט, געטרונקען טיי, געגעסן וועטשערע און נאָך אַמאָל געשמועסט — אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט ביז — יאָסלס פרוי האָט געגעבן אַ באַפעל:

— ר' יאָסל, האָסט ווייזט אויס פאַרגעסן, אַז מאָרגן איז אַן אַרבעטס־טאָג. אגב, לאָז דודן זיך אויסרוען פון זיין לאַנגער רייזע! — און טאַקע באַלד האָט זי מיר אויסגעבעט אַ געלעגער אויף דער פּאָדלאָגע, לעבן די דריי יינגעלעך, וואָס זענען שוין געשמאַק געשלאָפן.

מיך האָט נישט גענומען לאַנג איינצושלאָפן אין אַ געשמאַקן שלאָף די גאַנצע נאַכט, נאָך די אַלע שלאָפלאָזע נעכט אויפן שטורעמדיקן ים. און אין דער דאָזיקער היים, און אויף דעם פּאָדלאָגע־געלעגער, מיט די דריי גאָר טייערע יינגעלעך, איז געווען מיין אכסניה די ערשטע אייניקע וואָכן אין אַמעריקע, אין דער שטאָט ניו־יאָרק.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך געזען ווי די יינגעלעך שטייען אַרום מיר, נעמען נישט אַראָפּ די אויגן פון מיר, היטן מיין יעדן ריר און באַוועגונג; ווען איך האָב זיך אָפּגעוואַשן, אָנגעטאָן, מיר נאָכגעגאַנגען יעדן טריט. איך בין געוואָרן מיט זיי גלייך

אַ גוטער־ברודער, זיי גערופן ביי זייערע נעמען און ס׳איז געוואָרן צווישן אונדז אַ גוט לעבן פאַר דער גאַנצער צייט — פון מיין שלאָפן מיט זיי אויף דער פּאָדלאָגע.

זייער טאַטע איז שוין לאַנג אַוועק צו דער אַרבעט. אַן אַרבעט וואָס, ווי שרה האָט מיר דערקלערט און עס אויסגעדריקט קורץ: „ער שוויצט ביי לײדיס דרעסעס״. ווען איך האָב איר באַמערקט, אַז איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָס מיינט, האָט זי עס מיר פּאַמעלעך מסביר געווען:

— ער אַרבעט אין אַ פאַבריק פון פרויען־קליידער. ער איז איינער פון די וואָס שטייען ביי אַזעלכע מאַשינען און פּרעסן די קליידער. פון די דאָזיקע מאַשינען זעצט די גאַנצע צייט אַ היץ און אַ פּאַרע. צען שעה יעדן טאָג. נו, איז פון דער היץ און פּאַרע שוויצט מען! נישט אַזאַ גרינגע אַרבעט — באַקלאָגט זי זיך — אָבער וואָס קאָן מען טאָן. איר זעט דאָך, קיין אײן הרע, אַ געזינדל!... קומט, זעצט זיך וועלן מיר עפּעס איבער־כאַפּן אויף פרישטיק.

נאָכן איבערכאַפּן האָב איך איר געזאָגט, אַז איך גיי אַראָפּ אין גאַס און זי געבעטן נישט וואַרטן אויף מיר, גאָרנישט צוגרייטן פאַר מיר, איך בין נאָר זייער גאַסט צום שלאָפן. דאָס פאַרגעניגן צו שלאָפן מיט די דאָזיקע דריי חברה וועל איך פאַר קיין פאַל נישט אָפּגעבן.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיינע פיר חברעלעך, מיטן אַקטיאָריק מיידעלע און אירע דריי קליינע ברידערלעך און בין אַראָפּ אין גאַס „דאָס שטעטעלע באַקוקן״.

איך וועל זיך נאָך, שפּעטער אין מיינע זכרונות, אומקערן צו דער משפּחה לאַנגער.

קאַפּיטל 26

מיין באַגעגעניש מיט מיין חבר לייבל

דאָס ערשטע וואָס איך האָב אין זינען געהאַט, אַראָפּגייענדיק אין גאַס, איז צו גיין זען דודן אויף דעם אַדרעס, וואָס ער האָט מיר אָנגעגעבן, איידער מיר זענען אַראָפּ פון דער שיף. איך האָב אים אויך געגעבן מיין אַדרעס. לויט ווי איך געדענק איז זיין אַדרעס געווען אויף אַ צווייטנס נאָמען, אויף אַ גאַס מיטן נאָמען אָרטשערד און ער איז געווען אַ קוואַר־

טיראַנט ביי אַ פאַמיליע פון חיים עפשטיין. האָב איך גלייך, נאָך מיין גיין אַזוי סתם, נישט וויסנדיק ווו עס געפינט אַרטשערד סטריט, אָפּגעשטעלט אַ ייד און ביי אים אַ פרעג געטון אין וואָס פאַר אַ ריכטונג צו גיין. דער ייד האָט, ווייזט אויס, לויט מיין אויסזען און הלבשה פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַ ניי־געקומענער. איז ער געווען זייער פריינטלעך און געוויזן מיר וווהין צו גיין. אָפּגייענדיק עטלעכע מינוט אין דער ריכטונג האָב איך זיך געפונען אין אַזאַ מין קאָכעדיקן יאַריד, וואָס איך האָב זיך אין מיין פאַנטאַזיע נישט פאַרגעשטעלט אַזעלכעס צו געפינען אין אַמעריקע און איך נעם זיך נישט אונטער צו פאַרצייכענען אַפילו אַ גאָר קליינעם טייל פון דעם געפיל און איינדרוק, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט דער־זעענדיק די ענגיטשקע, שמאַלינקע גאַסן, וואָס זענען געווען באַדעקט פוןביידע זייטן מיט וועגעלעך, „פוש־קאַרטס" — דאָס שטופעניש, דאָס געפילדער, דאָס געשריי, די קולות אין יידיש מיט אַזאַ ניבול־פּהדיקע שפּראַך. ס'האָט מיך ממש געעקלט קוקנדיק אויף דעם דאָזיקן קאָכעדיקן יאַריד אין די אַלע גאַסן און זייערע פרנסות, ווו איך האָב אַרומגעבראָדיעט גאַס נאָך גאַס.

און אַזוי גייענדיק אָן אַ טאָלק האָב איך זיך געפונען אונטער אַ בריק. איך האָב דאָרטן באַמערקט יידן וואָס האָבן זיך, ווייזט אויס, נישט געקענט דערשלאָגן צו אַ „פוש־קאַרט", האָבן זיי אויסגעלייגט זייער ביסל אָרעמע זאַכן צו פאַרקויפן אויפן הוילן צעמענט, אונטער דער בריק, און אויך אויף דער הוילער ערד. איך האָב דאָרטן, אונטער דער בריק, באַמערקט יידן שוויגנדיקע, טרויעריקע, קענטיק בע"ב מענטשן פון זייערע היימען, יידן הדרת פנימדיקע, יידן מיט ד"ר הערצל־בערד. איך האָב געקוקט אויף זיי און געטראַכט, אַז דאָס זענען יידן וואָס זענען מקיים דעם מאמר: „פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות". אָט די ווערטער, האָב איך געטראַכט, כאַראַקטעריזירן די גאַנצע „פוש־קאַרט־אינדוסטריע". ס'איז אַ פשוט נבלה בשוק. איך האָב געפילט אַ ווידערגעפיל, אַן אָפּשטויס פון דעם גאַנצן שמוץ־יאַריד. ווען איך האָב אין מיינע געדאַנקען אָנגעמאָסטן אַזאַ מין סאָרט טועכץ צו מיר האָב איך אַ ציטער געטון!

גייענדיק אַזוי מיט גאָר נישט קיין פריילעכע מחשבות האָב איך כמעט ווי פאַרגעסן, אַז איך גיי צו דודן אויף זיין אַדרעס אין אַרטשערד סטריט. צוקומענדיק צום הויז־נומער וואָס איך האָב געהאַט פאַרשריבן האָב איך זיך געפונען לעבן אַ דריי־פיר שטאָקיקער געביידע, אָבער אויף

וועלכן שטאַק דוד, ד. ה. חיים עפשטיין, געפינט זיך, ביי וועלכן דוד איז אַ קוואַרטיראַנט, דאָס האָב איך נישט געוווּסט.

שטיי איך און טראַכט און באַשליס: אַזוי ווי אין דער זעלבער געביידע פון אונטן, צו דער גאַס צו, געפינט זיך אַן אָפענע קראָם, וועל איך אַהין אַריינגיין און זיך פרעגן, צי ווייסן זיי אויף וועלכן שטאָק חיים עפשטיין געפינט זיך. קום איך אַריין אין קראָם און דערקלער איינעם אַ ייד וואָס און וועמען איך זוך דאָ, און אַזוי ווי מיר רעדן קומט צו מיר צו אַ יונגער בחור און טוט אַ זאָג צו מיר:

— אַ טערניוּוקער?

זאָג איך — יאָ!

— בינסט דאָך דוד־מאָטל־יודל־יאָסיס?! דו דערקענסט מיך נישט?

— אָוודאי דערקען איך דיך — לייבל־מאָזי־שמואל־נחומס אַן אייניקל!

איך בין געוואָרן איבערראַשט פון דאָזיקן צופאַל. ס׳האָבן זיך גע־שטעלט פאַר מיר צוויי פראַגן, אין וועלכע איך בין אין דעם מאָמענט געווען פאַראינטערעסירט. ערשטנס, האָב איך פון זיי אויסגעפונען, אַז דער חיים עפשטיין, ביי וועלכן איך האָב אין זיין הויז געזאָלט זיך טרעפן מיט דודן האָט זיך פון דער דאָזיקער געביידע, צוריק מיט אייניקע וואָכן אַרויסגעצויגן און זיין נייער אַדרעס איז זיי נישט באַקאַנט. זיי מיינען אָבער, אַז ער וועט זיך מיט דער צייט באַווייזן, וועלן זיי אויסגעפינען ביי אים זיין נייעם אַדרעס און אויך צי דוד וווינט מיט אים. דער צווייטער ענין וואָס איך האָב אויסגעפונען האָט מיר גאָר־גאָר שטאַרק אינטערעסירט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אָט וואָס: די קראָם, אין וועלכער איך בין אַריינ־געקומען נאָך אינפאָרמאַציע איז געווען אַ הורט־געשעפט — אַ געשעפט, וואָס זיי האָבן עס אָנגערופן „פעדלער־סופּלאַי“ און דער אָנפירער פון געשעפט, ס׳הייסט דער באַלעבאָס — דעם זיידנס אַ גוטן פריינטס אַ זון — אייזיק יאַנאָווסקי.

אייזיק האָט מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס, זיך צעפרעגט וועגן טער־ניוּוקע, נעמיראָוו, פריזיוו, רעוואָלוציע און דערווייל אַ פרעג געטון, צי האָב איך שוין געגעסן מיטאָג און טאַקע גלייך אַ זאָג געטאָן צו לייבלען, וואָס האָט טאַקע געאַרבעט אין דעם געשעפט:

— גיי מיט אים אַריין צו... — און ער האָט אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ רעסטאָראַן — כאַפּט עפּעס איבער און ברענג אים צוריק אַהער.

זיצנדיק מיט לייבלען ביים עסן, און שמועסנדיק האָב איך אים באַ־מערקט מיין איינדרוק פונעם קאָכעדיקן און טומלדיקן „פּוש־קאַרט“ יאַריד.

איך האָב אויך געפרעגט לייבלען ווען און ווי אַזוי איז אייזיק צוגעקומען צו אַזאַ געשעפט און ווי קומט ער, לייבל, זיין ביי אים אַן אָנגעשטעלטער. לייבל האָט מיר אײנקורצן, אויף דער גיך, דערציילט, אַז אייזיק איז שוין אַ זיבן־אַכט יאָר אין אַמעריקע. ער האָט שוין דאָ פאַר דער צייט, וואָס ער איז אין ניו־יאָרק איבערגעטון אַלערליי מינים אַרבעטן; געאַרבעט אין די שוויץ־פאַבריקן, געשטאַנען אין גאַס מיט אַ „פוש־קאַרט״, געווען אַ שטיק צייט אַ פעדלער, פאַרשיידענע סחורות אַרומגעטראָגן איבער הייזער, געקלעטערט אויף אַלע שטאָקן. ער איז בטבע אַ גוטער אַרבעטער, אַ פליי־סיקער מענטש. ער איז פון די סאָרטן מענטשן וואָס צו וואָס ער זאָל זיך נישט נעמען איז ער פון די, וואָס מען זאָגט דאָ אין אַמעריקע: „ער מאַכט אַ דאָלאַר — און שפּאָרט צוויי״. און אַזוי פאַמעלעך איז ער געקומען צו דעם דאָזיקן געשעפט.

— איך אַרבעט אין זיין געשעפט שוין אייניקע חדשים. ווי קום איך צו אים? איז אַזאַ מעשה:

איך בין שוין דאָ אַריבער צוויי יאָר. איך בין אויך ווי דו, אַנטלאָפן פון פּריזיוו, געקומען אַהער מיט אַן אַדרעס פון מײנעם אַ פעטער פון מיין מוטערס צד. ער אַליין האָט געאַרבעט אין אַ שוויץ־פאַבריק פון ביליקע ווייבערשע מאַנטלען און אין דער פאַבריק האָב איך דורך דעם פעטערס רעקאָמענדאַציע אָפּגעאַרבעט אַרום פערצן חדשים ביי אומדערטרעגלעכער, שווערער אַרבעט. איך האָב פאַר דער צייט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט און איך האָב באַשלאָסן אויפצוגעבן די דאָזיקע שווערע אַרבעט און זוכן עפּעס גרינגערס. דערווייל האָב איך פאַר דער צייט וואָס איך בין דאָ באַוויזן אַ ביסל צו רעדן, שרייבן און לייענען ענגליש, וואָס יעדער וואָס וויל נאָר קאָן דאָס פריי באַקומען אינעם בילדונגס־אינסטיטוט, וואָס מען רופט דאָ „עדיוקיישינעל עלייענס״, וואָס איז פריי פאַר ניי־געקומענע עמיגראַנטן. איך האָב אויך געהאַט אייזיקס אַדרעס, וואָס זיין פאָטער, מיכל יאַנאָווסקי האָט מיר געגעבן איידער איך האָב פאַרלאָזט טערניוווקע. בין איך געקומען צו אייזיקן זיך באַראָטן וואָס צו טון, צו וואָס זיך נעמען, כדי אויסמיידן צו גיין צוריק אין שוויץ־פאַבריק. אייזיק האָט מיך גענומען אַזוי ווי אויף אַן עקזאַמען, מיר געשטעלט פראַגן צי לייען איך אַ ביסל ענגליש, שרייב ענגליש און נאָך עפּעס פראַגן אַזעלכע וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו דעם נאָך וואָס איך בין צו אים געקומען... ענדלעך זאָגט ער צו מיר אַזוי: „הער אויס לייבל, איך האָב דאָ ביי מיר אין קראָם צוויי מענטשן, וואָס איך דאַרף זיך אויף זיי פאַרלאָזן ווען איך בין דאָ

נישטאָ, האָב איך איינעם פון זיי געמוזט אָפּזאָגן מחמת איך האָב אויס־געפונען וועגן אים זאַכן, פאַר וועלכע איך האָב אים גלייך געמוזט אַוועק־שיקן. איז אויב דו ווילסט... הקיצור, איך אַרבעט שוין דאָ אין געשעפט איניקע חדשים. אַוודאי איז די אַרבעט דאָ נישט צו פאַרגלייכן מיט דער שוויץ־פאַבריק. אָבער — צי איז טאַקע די דאָזיקע אַרבעט דאָס „לעצטע וואָרט" פון מיין תכלית, דאָס ווייס איך נאָך אַליין נישט. נו, לאָמיר גיין.

קומענדיק צוריק אין אייזיקס קראָם האָבן מיר זיך אַלע נאָך אַ מאָל צעשמועסט וועגן טערנעווקע, נעמיראָוו, פּריזיוו, די פּאָגראָמען אין רוס־לאַנד, די רעוואָלוציע, די עמיגראַציע אא"וו. און אַפילו די זייטיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין קראָם האָבן זיך צוגעהערט און מ'האָט געקאָנט זען, אַז זיי זענען פאַראינטערעסירט אין אונדזערע שמועסן. ווי איך האָב אויסגעפונען פון לייבלען, געפינען זיך דאָ אין ניו־יאָרק אַ היפּשע צאָל טערניוווקער מענטשן און איך בין געווען ממש גליקלעך וואָס ס'האָט אַזוי פּאַסירט, אַז אין מיין ערשטן טאָג אין אַמעריקע זאָל איך זיך אָנטרעפן מיט אַזויפיל מיר נאָענטע מענטשן פון מיין שטעטל טערניוווקע.

דערווייל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז לייבל איז דאָ אַן אָנגעשטעלטער און איך דאַרף נישט שטערן אין זיין אַרבעט — האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיט אייזיקן, וועלכער האָט ממש אויף מיר גוזר געווען איך זאָל נישט פאַרפעלן אַריינצוקומען נאָך אַ מאָל און יעדעס מאָל ווען איך וועל זיך געפינען אין דעם געגנט. לייבל האָט מיר פאַרגעשלאָגן צו קומען מאָרגן פאַרנאַכט, ווען ער ווערט פּאַרטיק מיט זיין אַרבעט, וועלן מיר האָבן מער צייט צו פאַרברענגען, מיר וועלן עסן וועטשערע צוזאַמען און אַפילו גיין אין יידישן טעאַטער, ווייל, ווי ער ווייסט, שפּילט מען אין די טעאַטערס איצט זייער גוטע זאַכן. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס וועל איך נישט קאָנען באַוויזן, מחמת ס'וועט מיר אויסקומען צו קומען שפּעט ביי־נאַכט צוריק צו מיינע פריינט און זיי שטערן זייער רו, האָט לייבל גלייך געלעזט דעם פּראָבלעם, זאָגנדיק:

— נו, וועסטו איבערנעכטיקן מיט מיר אין מיין צימער, ווו איך וווין. עס איז נישט ווייט פון דאַנען.

און מיר האָבן אָפּגעמאַכט אין וואָס פאַר אַ צייט צו טרעפן זיך.

אַרויסגייענדיק פון אייזיק יאַנאָווסקיס קראָם האָב איך זיך געלאָזט גיין, נישט ווייסנדיק באַשטימט וווהין, נאָר סתם אָן אַ צוועק איבער די גאַסן, און ווי איך געדענק נאָך איצט האָב איך געפּרוווט זיך אַרויסצו־פּלאָנטערן פונעם ווירוואַר פון די פּושקאַרט־גאַסן. איך האָב פּשוט געזוכט

גאַסן אָן פּושקאַרטס, האָב איך זיך טאַקע, גייענדיק, געפונען אין אַזעלכע גאַסן — איך געדענק שוין נישט זייערע נעמען — אַחוץ איין גאַס, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון — און דאָס איז געווען די איסט־בראָדוויי גאַס. מען קאָן נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע גאַס איז געווען פון די גאָר גרויסע, שיינע, פּאַראַדנע גאַסן, וואָס מען קאָן פון זיי פאַרכאַפּט ווערן. אָבער, אין פאַרגלייך מיט די פּושקאַרט־גאַסן, איז דאָרט געווען אַנגענעם צו שפּאַצירן.

שפּאַצירנדיק איז מיין אויג געפאַלן אויף די אָפענע קראָמען, וואָס אין פיל פון זיי זענען געווען צו פאַרקויפן יידישע צייטונגען, זשורנאַלן. איך בין אויך פאַרבייגעגאַנגען בלויז ביכער־געשעפטן, אויף אַ סך עפנט־לעכע ערטער זענען געווען אַרויסגעהאַנגען און אָנגעקלעפּט גרויסע אַפישן מיט מעלדונגען, מיט גרויסע יידישע אותיות נעמען פון אַקטיאָרן, וועלכע שפּילן יידיש טעאַטער. איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן לייענענדיק די נעמען פון די שטערן־אַקטיאָרן ווי אַדלער, קעסלער, ליפּצין, מאָגילעסקי און אַנדערע, וועלכע שפּילן אין אַזעלכע פּיעסן ווי „די שחיטה״, „דער מטורף״. „גאָט, מענטש און טייוול״, „מירעלע אפרת״ און אַנדערע. דער נאָמען פון דראַמאַטורג יעקב גאָרדין האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן כמעט אין אַלע מעלדונגען. אין דער צייטונג, וואָס איך האָב געקויפט און זי געבלעטערט גייענדיק, האָב איך דערזען אין די טעאַטער־אַנאָנסן פון דער צייטונג ווי גאָרדין פאַרנעמט דעם אויבן־אָן דאָ אין דער טעאַטער־וועלט. איך געדענק אויך ווי איבערראַשט איך בין געווען זעענדיק און דערפילנדיק דעם גרויסן אונטערשייד פון די פּושקאַרט־גאַסן ביז דעם וואָס איך האָב דאָ דערזען אויף דער איסט־בראָדווייער און אַרומיקע גאַסן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך געפין זיך אין אַ יידישער מדינה. און ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מאָרגן אָוונט האָט לייבל באַמערקט, וועלן מיר באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער, בין איך געווען איבערפולט מיט שפּאַנונג און דערוואַר־טונג. דאָס וועט זיין מיין ערשטע דערפאַרונג צו זיין, צו זען און הערן טעאַטער, געשפּילט אין יידיש, יידישע אַקטיאָרן, פאַר אַ יידישן פּובליקום.

קאַפּיטל 27

מיינע איינדרוקן פון יידישן טעאַטער

אין מיינע יונגע יאָרן, ווען איך האָב זיך נאָך געפונען אין טערניווקע, איז נישט געווען קיין סימן און זכר פון וועלכן ס'איז טעאַטער, נישט אויף יידיש און נישט אויף קיין אַנדער שפראַך. אין די אייניקע יאָרן, וואָס איך האָב זיך געפונען אין נעמיראָוו פלעגן צומאָל אַראָפּקומען טרופּן אַקטיאָרן שפּילן טעאַטער אויף „גויִיש״, ד. ה. אויף דער אוקראַינער שפראַך. טעאַטער אין יידיש איז דעמאָלט געווען פאַרבאָטן פון דער צאַרישער רעגירונג. פלעג איך זיי טאַקע קומען באַזוכן ווען נאָר זיי האָבן געשפּילט. זיי האָבן געשטעלט אַזעלכע פּיעסן ווי „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ״, „זשעדיווקע ווייכריסטקע״ און נאָך אַזעלכע זאַכן און איך און נאָך אייניקע פון מיינע חברים זענען געווען זייערע פּאַטריאָטן. איך אַליין, ווי איך געדענק, האָב דערפילט אין זיך אַ באַגער און אַן אינטערעס צו זען זאַכן פון לעבן, געשפּילט אויף דער בינע. מיר, ד. ה. איך און מיינע אייניקע חברים פלעגן נאָך אַ פאָרשטעלונג פון דעם טעאַטער אויף „גויִיש״, אָפּזיצן שעהן און דיסקוטירן ווי גרויס אָדער ווי קליין האָבן די אַקטיאָרן אַרויסגעוויזן זייערע טאַלאַנטן. אָבער ווי קומט עס אַלץ צו יידישן טעאַטער! וועגן יידיש טעאַטער האָב איך נאָר געהערט, אַז אַזעלכעס געפינט זיך ערגעץ־ווו. איך געדענק נאָך דעם נאָמען גאָלדפאַדען, וואָס שפּילט ערגעץ מיט אַ טרופּע יידיש טעאַטער. מיר פלעגן אַפילו זינגען אייניקע לידער פון זיין — גאָלדפאַדען־טעאַטער ווי „איז געווען אַמאָל אַ פאַסטעכל״, „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״, „אין דער סאָכע״, „פּלאַקער פּייערל, פּלאַקער״ און נאָך אַזעלכע גאָלדפאַדען־לידער. אָבער טאַקע זען, הערן יידיש טעאַטער, אַ גאַנצע יידישע דראַמע, געשפּילט אין יידיש פון דער יידישער און וועלט־ליטעראַטור — וועגן אַזעלכעס האָב איך אַפילו נישט געחלומט.

און אָט דעם גרויסן, רייכן אוצר פונעם יידישן טעאַטער האָב איך ערשט דערזען אין זיין פולער פּראַכט.

שפּאַצירנדיק בין איך אַריין אין אַ גאַס וואָס איז געווען די צווייטע עוועניו. אויף דער דאָזיקער גאַס האָב איך דערזען איין טעאַטער־געביידע נאָך דער צווייטער און אין די פאָדערשטע טיילן פון די געביידעס זענען געווען אויסגעשטעלט מעלדונגען־אַנאָנסן — אָפּישן מיט די בילדער פון די אַקטיאָרן און די נעמען פון די פּיעסן וואָס וועלן דאָרט געשפּילט ווערן.

איך האָב אויך דערזען די נעמען פון די גרויסע, באַרימטע רוסישע שריי־בער, וואָס זענען מיר געווען מער־ווייניקער באַקאַנט ווי טאָלסטאָי, גאָרקי, טשעכאָוו, גאָגאָל און אַנדערע באַרימטע שרייבער פון דער וועלט־ליטעראַ־טור. איך בין געשטאַנען, געקוקט, געלייענט די אַפּישן און געווען איבער־ראַשט און אַנטציקט און אין מיין מוח האָבן זיך געפלאָנטערט פאַרשיידענע געדאַנקען — געדאַנקען פון די פּושקאַרט־גאַסן מיט זייער שמוץ־יאַריד וואָס האָט אויף מיר אַנגעוואָרפן אַ פּחד און אַן אומעט און אַנדערע — פונעם קולטור־יאַריד אויף די טעאַטער־גאַסן — וואָס האָבן מיך ממש פאַרכאַפּט און באַגייסטערט.

איך האָב דערפילט, אַז ס׳איז שוין העט־שפּעט אין טאָג און געטראַכט, אַז פאַר מיין ערשטן טאָג אין אַמעריקע וועט זיין גענוג סתם אַרומצובראָדיען אין די גאַסן און טאַקע אויף דער צווייטער עוועניו בין איך אַריין אין אַ רעסטאָראַן, עפּעס אָפּגעגעסן, אויך אַריין אין אַ קראָם און געקויפט עפּעס נאַשערייען פאַר די יינגעלעך — און זיך געלאָזט גיין אויף מיין קוואַרטיר.

איך געדענק נאָך איצט דעם איינדרוק, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט, דאָס גיין פון דער צווייטער עוועניו, שוין פאַרנאַכט־צו צו מיין קוואַרטיר ביי מיינע נעמיראָווער פריינט, און דאָס צוקוקן זיך צו די שטראָמען און כוואַליעס מענטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די אונטערערד־באַנען, „סאָבווייס״, און פון די באַנען איבער די דעכער, „עלעווייטאָרס״ — טויזנטער און טויזנטער מענער און פרויען זענען נישט געגאַנגען נאָר געלאָפן. איך האָב געקוקט אויף זיי און פאַרשטאַנען, אַז דאָס לויפן זיי צו זייערע היימען, נאָך דער אַרבעט. עס איז מיר אויך דורכגעגאַנגען אַ געדאַנק אַז מעגלעך, אַז אויך איך זאָל אַמאָל זיך געפינען צווישן אָט דער לויפנדיקער מענטשן־כוואַליע. אָבער גראָד דעמאָלט האָבן זיך אין מיין מוח קיין זייטיקע געדאַנקען נישט געקאָנט האַלטן לאַנג, מחמת דער הויפּט־געדאַנק, וואָס האָט אין מיין מוח פאַרנומען דעם אויבן־אָן איז געווען דאָס טראַכטן אַז מאָרגן אין אָוונט וועל איך זען דאָס ערשטע מאָל אַן אמת יידיש טעאַטער.

אַריינקומענדיק אין הויז האָבן מיר די ערשטע, פאַרשטייט זיך, אַרומ־גערינגלט די יינגלעך. איך האָב גלייך אַ פרעג געטון ביי זייער מאַמען צי מעג איך זיי געבן עפּעס נאַשערייען, מחמת איך האָב באַמערקט, אַז זיי זענען שוין געווען אָנגעטון אין זייערע נאַכט־מלבושימלעך צו גיין שלאָפן.

— יאָ, — זאָגט זי — איר קאָנט זיי געבן, ס׳וועט זיי, חלילה גאָרנישט שאַטן, נאָר גיט נישט צופיל.

איך האָב אַרויסגענומען מיין שקאַרמוץ מיט די זיסע זאַכן, אַריינ־געלייגט זיי אַלע עפּעס אין די הענטלעך און זיי זענען אַוועק צום ווינקל, ווו ס׳איז געווען פאַר זיי און אויך פאַר מיר דאָס אָרט צום שלאָפן...

— נו, דוד, — רופט זיך אָן יאָסל — קומט, זעצט זיך אַוועק און דערציילט אונדז, וואָס ס׳האָט מיט אייך פּאַסירט אין אייער ערשטן טאָג אין אַמעריקע.

האָב איך זיי טאַקע דערציילט ווי אומגעריכט, ווי דורך אַ צופאַל האָב איך זיך אָנגעטראָפן מיט אַ פּאָר גוטע באַקאַנטע פון מיין שטעטל טער־ניקע און ווי איינער פון זיי, אַ בחור אין מיין עלטער, האָט מיך איינגעלאַדן צו גיין מיט אים מאָרגן אין אָוונט אין טעאַטער. איך האָב זיי, שוין אין איינוועגס געלאָזט וויסן זיי זאָלן מיך נישט דערוואַרטן מאָרגן אין אָוונט, מחמת דער פּלאַן איז, אַז איך וועל נעכטיקן מיט מיין פריינט לייבל אויף זיין קוואַרטיר. איך האָב זיי דערציילט אַלע איינצלהייטן פון לייבלען און פון אייזיקן מיט זיין קראָם אויף אָרטשערד סטריט. מיר האָבן אַזוי גע־שמועסט און געשמועסט. איך האָב זיי אויך באַמערקט וועגן דעם פּושקאַרט־יאַריד און וואָס פאַר אַ שרעקלעכן, אַפּשטויסנדיקן איינדרוק ס׳האָט אויף מיר געמאַכט. און ווען מיר זענען אין שמועס געקומען אויף דער פּושקאַרט־טעמע, האָט יאָסל אַ זאָג געטון מיט אַ קרעכץ:

— יאָ, יאָ, איך ווייס, איך האָב אויך אַליין פאַרזוכט דעם טעם פון דער „פּושקאַרט״־פּרנסה. — און יאָסל האָט געהאַט וואָס צו דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זיך אָנגעפּלאָגט זיינע צוויי ערשטע יאָר דאָ, ביי פאַרשיידענע פּרנסות און סוף־כל־סוף, ווען זיין פאַמיליע איז געקומען, איז ער געווען געצוווּנגען אָנצוקומען אין אַ שוויץ־פאַבריק, ווו ער אַרבעט איצט איבער זיינע כוחות, כדי מפרנס צו זיין די משפחה.

מיר זענען געזעסן ביז שפּעט אין אָוונט און געשמועסט. איך בין פון יאָסלס דערפאַרונג, פון זיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע און אויך פון זיין לאַגע איצט אַוועק אויף מיין געלעגער לעבן די ייִנגלעך, אין אַ געדריקטער שטימונג. איך געדענק אויך, אַז ווען אין אונדזער שמועס וועגן מיינע פּראָבלעמען האָב איך דערמאָנט, אַז איך האָב אויך אַדרעסן פון פריינט און משפּחה אויסער ניו־יאָרק, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטון, אין דער גיך, עפּעס אַזוי ווי אַ באַפעל:

— אַנטלויפט פון ניו־יאָרק! די טועכצער פאַר די ניי־געקומענע זענען

נישט פאַר איך. ווי איך הער — זאָגט יאָסל — זענען אין די קלענערע שטעט אין אַמעריקע פאַראַן אַ סך מער אויסזיכטן און געלעגנהייטן פאַר ניי־געקומענע. הלוואי — זאָגט ער — האָב איך די געלעגנהייט אַרויס־צורייסן זיך פון דער גיהנומדיקער שוויץ־פאַבריק!

און... ער האָט זיך טאַקע אַרויסגעריסן און איך האָב אין זיין אַרויס־רייסן זיך אויך געהאַט אַ שטיקל חלק, אָבער וועגן דעם — שפּעטער.

איך האָב אין ניו־יאָרק פאַרבראַכט אַוועלכע צען־צוועלף טעג. דער איינדרוק פון מיינע ערשטע טעג אין אַמעריקע האָט זיך מיר אַזוי איינ־געקריצט אין זכרון, אַז איך האָב זיי אין די אַלע יאָרן, נישט פאַרגעסן. קודם־כל האָט מיר, קאָן מען זאָגן, אָפּגעגליקט דער פאַקט, וואָס איך האָב זיך אַזוי אומגעריכט געטראָפן מיט מיין טערניוווקער בן־עיר, לייבל. מיר זענען געוואָרן גלייך באַפריינדעט, כמעט פונעם ערשטן טאָג אָן, ווי מיר האָבן זיך באַגעגנט. מיר זענען געגאַנגען אומעטום צוזאַמען, געגעסן צו־זאַמען, פאַרבראַכט כסדר צוזאַמען אין זיין פרייער צייט...

נאָכן ערשטן מאָל איבערנעכטיקן אין זיין צימער, זאָגט ער צו מיר:

— זיי וויסן, אַז מיין צימער איז אָפן פאַר דיר אויף דער גאַנצער צייט וואָס דו וועסט זיך געפינען אין ניו־יאָרק.

קאַפּיטל 28

דער קולטור־יאַריד אין ניו־יאָרק און דער „סוועט־שאַפּ״

אגב, האָבן מיר, איך און לייבל, געהאַט פיל געמיינזאַמעס. חוץ דעם, וואָס מיר קומען ביידע פון באַלעבאַטישע היימען פונעם שטעטל טערניווקע איז ער, לייבל, אויך געווען אַ טעאַטער־פּאַטריאָט. ער האָט געהאַט אַ באַציונג און דרך־ארץ צום בעסערן יידישן טעאַטער. אין די צען־צוועלף טעג, וואָס איך האָב זיך געפונען אין ניו־יאָרק האָבן מיר געזען פיר פאַר־שטעלונגען פון יידישן טעאַטער, אין וועלכע די סאַמע שטערן־אַקטיאָרן זענען געווען אין די הויפּטראָלן. איך האָב שפּעטער, גאָר שפּעטער אויס־געפונען, אַז אין דער תקופה ווען איך בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, אינעם יאָר 1905, האָט זיך דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע געפונען אויף זיין סאַמע העכסטן קולטורעלן ניוואָ. דאָס איז געווען דער בלי־פּעריאָד פונעם

יידישן טעאַטער, די גאָלדענע עפּאָכע, די „גאָרדין"־עפּאָכע. יעקב גאָרדין איז געווען דער גרויסער און אפשר דער גרעסטער דראַמאַטורג פון יידישן טעאַטער אין יענער תקופה.

ווען איך שרייב די שורות איצט, אינעם יאָר 1972, אַ קימאַ־לן פון זיבן און זעכציק יאָר נאָך יענע מיינע ערשטע נעכט אין יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק, פיל איך דעם ציטער און די עליה, וואָס איך האָב געהאַט און איבערגעלעבט פון די הויך־קינסטלערישע פאָרשטעלונגען.

און נישט נאָר פונעם יידישן טעאַטער בין איך געווען באַגייסטערט, נאָר בכלל פונעם גאַנצן יידישן קולטורעלן יאָריד אין יענער צייט אין ניו־יאָרק. איך געדענק ווי איך האָב פשוט מיינע אויגן נישט געגלויבט עפנטלעך אַ יידישע צייטונג און דערזעענדיק די אַלע קולטורעלע אַקטי־וויטעטן — פאַרשיידענע לעקציעס, דיסקוסיעס, סימפּאָזיומס, פּאָליטישע מיטינגען, אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען; עטלעכע טעגלעכע יידישע צייטונגען, חודש־זשורנאַלן, גרויסע קראָמען פון בלויז ביכער פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור; מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון פאַרשיידענע אידעאָלאָ־גישע ריכטונגען, — ס'איז באמת נישט פאַר מיינע כוחות אויסצומאָלן און באַשרייבן דעם דאָזיקן יידישן קולטורעלן קאָך אין יענער תקופה — איך ווייס נאָר און געדענק, אַז איך בין געווען פאַרכאַפּט און ממש פאַר־טשאַדעט.

איך געדענק אויך ווי איך האָב דערפילט און אָפּגעשאַצט די ברייטע, אָפענע פרייהייט פון רעדן פריי, הויך, בקול־רם אויף די פרייע פאַרזאַמ־לונגען, ווהין לייבל האָט מיך געפירט. איך געדענק ווי איך האָב געהאַלטן אין איין מאַכן פאַרגלייכונגען — וואָס איך זע דאָ אין פאַרגלייך מיט דער סביבה דאָרט — וועלכע איך האָב ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פאַר־לאָזט. מיר איז געקומען אויפן געדאַנק און איך האָב זיך דערמאָנט אין אַזאַ פּאַסירונג: גראָד אייניקע וואָכן, איידער איך האָב פאַרלאָזט נעמיראָוו און אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע איז דער פעטער שמיל געקומען פון ערגעץ אַ גרעסערער שטאָט און געבראַכט מיט זיך אַ בראָשור געשריבן פון שלום־עליכם מיטן נאָמען „דער פעטער פּיני מיט דער מומע רייזי". דאָס איז געווען אַ פאַרשטעלטע סאַטירע וועגן דער מלחמה צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן און אין אָוונט, נאָכן עסן, האָט דער פעטער אַ זאָג געטון צו מיר:

— איך האָב עפּעס געבראַכט צו לייענען פאַר איך, אָבער איידער וואָס־ווען פאַרשליסט די טיר, מחמת די זאַך איז טריף, די צענזור האָט עס פאַרבאָטן — און דער פעטער האָט עס גענומען לייענען, און זיין קול

איז געווען שטילער ווי געוויינלעך און מיר אַלע האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער. און ווען ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין דער טיר, האָט דער פעטער גיך אַריינגעלייגט די בראָשור אין קעשענע ביז מ׳האָט אויס־געפונען ווער ס׳קומט אַריין.

און אַזוי טראַכטנדיק און פאַרגלייכנדיק האָב איך זיך דערמאָנט אין נאָך אַ פּאַסירונג, וואָס איז נאָך געווען פריש אין מיין זכרון: דאָס איז געווען אין דעם טאָג ווען ס׳איז געוואָרן צעקלונגען אין אַלע גלעקער איבער גאַנץ רוסלאַנד די גרויסע נייעס וועגן דער קאָנסטיטוציע, וואָס דער קיסר ניקאָלאַי האָט באַוויליקט פאַרן רוסישן פאָלק. און ווען די ידיעה האָט אויך דערגרייכט קיין נעמיראָוו, איז גלייך פאַררופן געוואָרן אַן עפנטלעכע מאַסן־פאַרזאַמלונג אין אַ געוויסן פּלאַץ צו פייערן די גרויסע געשעעניש. דער זאַל איז געווען אַזוי איבערפּאַקט מיט מענטשן, אַז ס׳איז אַפילו נישט געבליבן ווו צו שטיין. און ווען אַ יונגערמאַן, אַ סטודענט פון דער גימנאַזיע, איז אַרויף אויף דער בינע און באַגריסט דעם עולם, אָפּגעגעבן מזל־טוב פאַר דער „סוואָבאָדאַ סלאָוואַ, סוואָבאָדאַ סאָבראַניאַ, סוואָבאָדאַ פּיעטשאַטי״, כלומר: פאַר דער פרייהייט פון וואָרט, פרייהייט פון פאַרזאַמלונג, פרייהייט פון געדרוקטן וואָרט — איז אין דער מינוט אַרויף אַן אַנדער יונגער בחור און געלאָזט וויסן דעם עולם, אַז ער איז אָט ערשט געוויער געוואָרן, אַז אין אייניקע מינוטן אַרום וועט דער זאַל און די פאַרזאַמלונג אַרומגערינגלט ווערן פון פּאָליציי און סאָלדאַטן...

— מיר וועלן באַלד טאַקע אויסלעשן אַלע ליכט, און אויב איר ווילט נישט ווערן אַרעסטירט — פאַרלאָזט שוין דעם זאַל, אין דער שטיל, אָן פּאַניק...

און טאַקע אין דער מינוט זענען אַלע ליכט אויסגעלאָשן געוואָרן און דער גאַנצער עולם איז אין דער פינצטער אַרויס פון זאַל און שנעל פאַר־שוואונדן אין פאַרשידענע ריכטונגען.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען שוין געהערט די נייעס, אַז די קאָנסטי־טוציע איז אָפּגערופן געוואָרן און פּאָגראָמען זענען אויסגעבראָכן אין פאַרשיידענע שטעט איבערן גאַנצן לאַנד.

און אַזוי האָב איך געהאַלטן אין טראַכטן און מאַכן פאַרגלייכן מיט אַלץ, וואָס איך זע דאָ און זיך דערמאָנט אינעם פיינלעכן לעבן־שטייגער, וואָס איך האָב ערשט פאַרלאָזט. און דער „דאָ״ איז מיר גאָר, גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן און איך בין געווען גרייט צו אַדאַפּטירן דעם „דאָ״ — אַריינוואַקסן זיך אין דער דאָזיקער פרייער וועלט. אַריינוואַקסן... אָבער

ווּ, ווען, וואָס, ווער און ווי אַזוי? — דאָס איז געווען פאַר מיר נישט קלאָר, אומבאַוווּסט, פאַרבאָרגן און מטושטש.

איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן תכלית. איך האָב אָנגעהויבן צו דערפילן, אַז מיינע יום־טובדיקע טעאַטער־טעג האַלטן זיך אָט־אָט אין פאַרענדיקן און דער „מה נאכל" האָט אָנגעהויבן צו פּיקן אין מוח. איך האָב זיך אָנגעהויבן צוצוהערן וואָס מענטשן זאָגן מיר. איך האָב געוואָלט דערגיין און מאַכן אַ סך־הכל: וואָס מיינט ניו־יאָרק פאַר מיר?

אין איינעם אַ טאָג בין איך אַריינגעקומען צו מיין בן־עיר אייזיק יאַנאָווסקי אין זיין קראָם אויף אָרטשערד סטריט. לייבל האָט מיר נאָך פריער מיט אַ פּאָר טעג געזאָגט, אַז אייזיק פרעגט זיך נאָך אויף מיר, פאַרוואָס זעט מען מיך נישט.

די ערשטע פּאָר ווערטער אייזיקס זענען געווען „פאַרוואָס זעט מען דיך נישט?" און ווען איך האָב זיך פאַרענטפערט מיט דעם, אַז איך וויל, אים ווי אויך לייבלען, נישט שטערן אין זייער אַרבעט, האָט ער אַ זאָג געטון:

— נו גיי שוין, גיי! ערשטנס, זענען מיר דאָך ביידע טערנאָוויקער — דאָס מיינט דאָך עפּעס, ניין? והשנית, געדענקענדיק דיין זיידנס הויז, אין וועלכער דו בינסט געוואַקסן, בין איך זיכער, אַז דיר איז באַקאַנט דער פּסוק: „וידעת את נפש הגר, כי גרים הייתם..." אא"וו. איך בין דאָ אַליין אויך דורכגעגאַנגען דעם גר־פּעריאָד, אַ פּעריאָד, וואָס יעדער ניי־געקומענער עמיגראַנט מאַכט דאָ דורך.

אייזיק האָט געוואָלט וויסן וואָס איז געווען מיין באַשעפטיקונג, איידער איך האָב געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד. צו וועמען בין איך געקומען אַהער קיין ניו־יאָרק, צי האָב איך פריינט, באַקאַנטע, משפחה אין אַנדערע שטעט אין אַמעריקע — און נאָך און נאָך פראַגן. איך האָב אים אויף אַלץ געענטפערט און געפילט אין זיין רעדן אַן אינטימקייט, אַ היימישקייט און גוט־ברודערשאַפט. און ווען ער האָט מיר צום לעצטן אַ פרעג געטון — „נו, ווי געפעלט דיר עפּעס ניו־יאָרק?" — האָב איך אים געענטפערט, אַז אין די לעצטע עטלעכע טעג וואָס איך געפין זיך דאָ האָב איך געזען צוויי ניו־יאָרקס, וואָס זענען ווייט איינס פון צווייטן כרחוק מזרח ממערב — איין ניו־יאָרק אַ שמוציקע, אַן עקלדיקע, וואָס האָט מיר אָפּגעשטויסן און פאַרטריבן, און דאָס צווייטע ניו־יאָרק וואָס האָט מיך אַזוי באַגייסטערט און פאַרכאַפּט, אַז איך בין אין איר פאַרליבט געוואָרן און הלוואי קאָן איך אין איר אויף אייביק פאַרבלייבן.

אייזיק האָט אַ שמייכלענדיקער, אַ זאָג געטון:

— ריכטיק אָפּגעשאַצט!

און איך זאָג ווידער צו אייזיקן:

— איך וואָלט טאַקע געוואָלט הערן אייער מיינונג, אַזוי ווי איר זענט שוין דאָ אַ תושב און ווי איר זאָגט, זענען מיר דאָך ביידע טערניוועקער, וועל איך זיך צוהערן צו אייער מיינונג בנוגע מיין לאַגע אַלס ניי־געקומע־נער עמיגראַנט און וואָס מיינט פאַר מיר ניו־יאָרק.

אייזיק, נאָכטראַכטנדיק אַ פּאָר מינוט, האָט מיט אַ לאַנגער דער־קלערונג געזאָגט אַז, לויט זיין מיינונג איז ניו־יאָרק נישט פאַר מיר. ער האָט באַמערקט, אַז איך בין אַ מזלדיקער, וואָס איך האָב אויך אַדרעסן צו מענטשן אין אַנדערע שטעט, אויסער ניו־יאָרק.

— אין ניו־יאָרק — זאָגט ער — האָסטו נישט קיין אַנדערע ברירה ווי גיין אַרבעטן אין אַ סוועט־שאָפּ, אין וועלכער, ווי דו קוקסט מיר אויס, וועסטו פאַרלירן דיינע כוחות אין אַ קורצער צייט. ווי איך זע, בינסטו פיזיש נישט קיין מאַטעריאַל פאַר אַ שוויץ־פאַבריק. איז וואָלט איך דיר געראָטן דו זאָלסט פּרובירן דורכמאַכן דיינע ערשטע פאַר יאָר דאָ, אינעם פּרייען לאַנד, ווי יעדער נייער עמיגראַנט מוז עס דורכמאַכן, אין אַנדערע שטעט אויסער ניו־יאָרק. דאָס וועט זיין פאַר דיר אַ סך גרינגער.

אייזיק האָט אויך באַמערקט, אַז לייבל האָט אים געזאָגט, אַז איך האָב אַן אַדרעס צו מיינעם אַ פריינט אָדער קרוב ערגעץ אין דער „סאָוט”, אין דרום. איז אויב איך זאָל טראַכטן צו פאָרן אַהין — און ס'איז אַ ווייטע רייזע — לאָזט ער מיר וויסן, אַז דאָ אין ניו־יאָרק געפינט זיך אַ יידישע אָרגאַניזאַציע וואָס העלפט אַרויס די נייע עמיגראַנטן, וועלכע ווילן פאָרן צו זייערע פריינט, וואָס געפינען זיך אין ווייטע מקומות איבערן לאַנד; זיי העלפן אַרויס מיט באַן־בילעטן און אַנדערע הוצאות.

ביי דעם האָט לייבל גראָד אַ רוף געטון אייזיקן צו עפּעס אַ קונה, מיט וועלכן לייבל האָט זיך נישט געקאָנט אויסגלייכן וועגן עפּעס אַ געשעפט־ענין. איך האָב זיך דערווייל געזעגנט מיט אייזיקן, אים געדאַנקט פאַר זיין פאַראינטערעסירן זיך מיט מיר. לייבל האָט מיר דערמאָנט און אַ זאָג געטון:

— פאַרגעס נישט מאָרגן, די־און־די צייט!

איך בין אַרויס פון אייזיקס קראָם אין אַ געדריקטער שטימונג. ווען אייזיק האָט צו מיר גערעדט וועגן מיין לאַגע האָט עס מיך דערמאָנט די זעלביקע רייד פון מיין פריינט דוד, מיט וועלכן איך בין מיטגעפאָרן אויפן

וועג קיין אַמעריקע. אָבער איצט, איצט האָב איך שוין דערפילט, אַז איך באַגעגן זיך מיט דעם פּראָבלעם פּנים־אל־פּנים, אַלס נייער עמיגראַנט אין אַמעריקע.

אויף מאָרגן אָוונט האָב איך באַגעגנט לייבלען. ער האָט מיר גלייך געמאָלדן, אַז מיר גייען זיך באַגעגענען מיט אַ טערניוווקער משפּחה, וואָס געפינט זיך שוין דאָ אייניקע יאָרן. ער, לייבל, האָט זיי שוין געלאָזט וויסן, אַז מיר קומען אַריבער צו זיי שבת אין אָוונט, ברענגען גרוסן פון טערניוווקע.

קומענדיק אַהין האָבן מיר געטראָפן נאָך געסט, אויך טערניוווקער. זיי האָבן זיך אַלע מיט מיר אַרומגעכאַפּט און אַרויסגעוויזן האַרציקייט. אַלע האָבן גוט געקענט דעם זיידן, זיך נאָכגעפרעגט פון דעם און יענעם. איך האָב זיי געזאָגט, אַז די גרוסן זענען נישט קיין לעצטע גרוסן, מחמת די לעצטע פיר יאָר בין איך אָוועק פון טערניוווקע און בין געוועזן ביים פּעטער שמיל אין נעמיראָוו. אַ פּאָר טערניוווקער, וואָס האָבן זיך געפונען דאָ אין שטוב, האָב איך נאָך געדענקט זייער גוט פון טערניוווקע אַלס פּיינע יונגע־לייט, קליינע סוחרימלעך, אָבער איך האָב זיי קוים דערקענט, אַזוי פאַר־עלטערט און אויסגעמאַטערט האָבן זיי אויסגעקוקט.

פון אָנפאַנג אָן האָט זיך דער געשפּרעך געדרייט, מערסטנס, אַרום וואָס טוט זיך איצט אין רוסלאַנד בכלל און אויך אַרום דעם שטעטל טערניוווקע. אָבער, ווי איך געדענק נאָך איצט, בין איך געזעסן און טאַקע אויך גענומען אָן אָנטייל אין די שמועסן, אָבער געטראַכט האָב איך ביי זיך: „וואָס טויג מיר רוסלאַנד, טערניוווקע, איך וואָלט בעסער געוואָלט רעדן און הערן וועגן אַמעריקע, וועגן ניו־יאָרק און וועגן מיר, און וואָס מיינט פאַר מיר ניו־יאָרק. אפשר קענען מיר די מענטשן — היימישע, דערפאַרענע — מיט עפּעס אַרויספירן אויף אַ וועג, וואָס ס׳זאָל האָבן אַ שייכות עפּעס מיט מיר און מיט דעם וואָס איך טראָג זיך איצט אַרום טראַכטנדיק וואָס טוט מען, צו וואָס נעמט מען זיך ?...״

און טאַקע אַזוי ווי איינער פון די געסט ביים טיש וואָלט געלייענט מיינע מחשבות, האָט ער אַ פרעג געטון:

— נו, דוד, וואָס מיינסטו דאָ צו טון אין אונדזער אַמעריקע ? האָסט עפּעס אויסזיכטן צו וואָס צו נעמען זיך, אַלס „גרינער״ ?

— דערווייל נאָך גאָרנישט — האָב איך געענטפערט. איך בין צופרידן, וואָס דער שמועס האָט זיך אַ קער געטון. — מ׳זאָגט מיר, אַז אַלס אַ „גרינער״ איז פאַר מיר דער איינציקער וועג אַריינצוקומען, אויף אַ שטיקל צייט, אַרבעטן אין אַ פאַבריק.

— דאָס מיינט דאָך אַ שוויץ־פאַבריק — האָבן איניקע זיך אָפּגערופן. און אַלע, ווי איינער, אַפילו די פּרויען ביים טיש, האָבן ווי אויסגעשריען:
— פון דעם זאָל דיך גאָט אָפּהיטן, דאָס איז נישט פאַר דיר!
— קאָנט איר מיר — זאָג איך — עפּעס אַנדערש, עפּעס גרינגערס פאַרשלאָגן, פון וועלכן איר ווייסט?
— צום באַדויערן, ניין, אָבער — האָט זיך איינער אָפּגערופן — אַפילו קריכן אויף די שטאָקן מיט אַ פּאַק צו פעדלען איז גרינגער ווי אַ שוויץ־פאַבריק, „סוועט־שאַפּ" איז נישט פאַר דיר!
דאָ האָט זיך לייבל אַריינגעמישט אין געשפּרעך און געזאָגט:
— דערווייל פאָרט דוד צו זיינע נאָענטע אין אַנדערע שטעט אויסער ניו־יאָרק און וועט פּרובירן דאָרט זיין מזל מיט עפּעס גרינגערס ווי אַ סוועט־שאַפּ.
אַלע ווי איינער זענען מסכים געווען, אַז דאָס איז זייער אַ גוטער פּלאַן און מיר געוווּנטשן הצלחה.
מיך האָט אָבער אָנגעהויבן עפּעס אַ ביסל צו פאַרדריסן צו הערן פון יעדן איינעם דעם פּזמון: „נישט פאַר דיר". איך האָב זיך אַזוי ווי געפילט באַליידיקט. וואָס מיינען זיי מיטן „נישט פאַר דיר"?
בין איך טאַקע אַרויס מיטן לשון:
— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס האָט איר אַלע, אָבער טאַקע אַלע, מיט וועמען איך רייד, אויף מיר דערזען וואָס איר דענקט, אַז פאַבריק־אַרבעט איז נישט פאַר מיר? אויף אַזויפיל ווי איך ווייס און פיל, בין איך אַ נאָרמאַלער, געזונטער, יונגער, נישט קיין פוילער און איך קאָן זיך צופּאַסן אַפילו נישט צו קיין גוטע אומשטאַנדן. וואָלט איך טאַקע וועלן וויסן וואָס דאָס מיינט און פאַרוואָס הער איך כסדר דעם „נישט פאַר דיר"? נאָך אַלעמען ווייסט איר דאָך, אַז אַפילו אין ערגסטן פאַל, אויב איך זאָל מוזן אַרבעטן אין אַ סוועט־שאַפּ — אַרבעטן דאָך אין די דאָזיקע פאַבריקן הונדערטער טויזנטער מענטשן — איז פאַרוואָס־זשע דער „נישט פאַר מיר"? קאָן מיר עמעצער דערקלערן?
אַ פּאָר מינוט האָבן אַלע געשוויגן, אָבער איינער פון די צוויי יונגע־לייט, וואָס איך געדענק זיי גוט פון טערביוקע, אָט די וואָס איך האָב זיי פריער דערמאָנט, די צוויי סוחרימלעך וועלכע זענען פאַרבליבן אין מיין זכרון אַלס פריילעכע, לעבעדיקע, כסדר שמייכלענדיקע, כסדר מיט אַ וויץ און פול מיט לעבן, אַפילו אונטער די ביטערסטע אומשטאַנדן אינעם שטעטלשן לעבנס־שטייגער — שלמה זעליג, מיט אַ בלייך פּנים פול מיט

קנייטשן, דאַר און אויסגעטריקנט, דאַר ווי אַ לולב — געגומען ס'וואָרט מכוח דעם ענין סוועט־שאַפּ. איך געדענק נאָך איצט, אַז בשעת ער האָט גערעדט האָט ער געקוקט אויף מיר:

— אני, הגבר, איך אַרבעט שוין דאָס צווייטע יאָר אין אַ שוויץ־פאַבריק, דאָס צווייטע יאָר.

איך האָב געקוקט אויף אים בשעת ער האָט גערעדט און געטראַכט: „ער דאַרף גאָר קיין סך נישט רעדן, מחמת ווי איך געדענק אים פון פריער און ווי ער קוקט אויס איצט איז גענוג זיך צו שאַפן אַ באַגריף, וואָס דער סוועט־שאַפּ קאָן מאַכן פון אַ מענטש.

און ווען ער האָט פאַרענדיקט רעדן און דערציילן וואָס איינער לעבט דורך אַלס שקלאַף־אַרבעטער אין אַ סוועט־שאַפּ — האָט ער זיך געווענדט צו מיר פערזענלעך מיט די ווערטער:

—זיי וויסן, דוד, אַז דאָס וואָס דו הערסט דאָ פון אונדז און פון אַנדערע, אַז דער סוועט־שאַפּ איז נישט פאַר דיר, איז נישט, חלילה, דערפאַר וואָס מיר דענקען, אַז דו וועסט זיך דאָרט נישט אויסטויגן, נישט באַנעמען די אַרבעט, נישט פאַרשטיין, און נאָך און נאָך עפּעס אַזעל־כעס. ניין, נישט דאָס מיינען מיר. נאָר, אַדרבא, מיט אונדזער זאָגן און וואָרענען דיך, אַז דער סוועט־שאַפּ איז נישט פאַר דיר, מיינען מיר דערמיט נאָר דיין טובה, טאַקע ווייל דו ביסט נאָך יונג, פריש און געזונט דאַרפסטו זען און פּרובירן, ווי ווייט מעגלעך, אויסצומיידן צו ווערן אַ שקלאַף אין אַ סוועט־שאַפּ. ווי מיר הערן וואָס לייבל זאָגט, אַז דו האָסט אַנדערע פּלענער אין שטעט אויסער ניו־יאָרק, דאַרפסטו גוט חוקר ודורש זיין, אַלץ פּרובירן, איידער טראַכטן, אַפילו, וועגן אַ שוויץ־פאַבריק.

מיר זענען נאָך פאַרבליבן דאָרט. די באַלעבאָסטע האָט סערווירט טיי מיט צובייסן, געשמועסט נאָך אַ מאָל וועגן די טערניוועקער קרעמער, כּלי־קודש, פון דעם, פון יענעם. מיר האָבן זיך מיט זיי געזעגנט, זיי האָבן מיך באַשווירן, אַז אויב איך פאַרבלייב אין ניו־יאָרק זאָל איך למה"ש זיך ווייזן ביי זיי אָפט. זיי האָבן מיר אויך געזאָגט, אַז עס געפינען זיך דאָ נאָך טערניוועקער, וואָס ווילן מיך זען, נאָר זיי האָבן היינט נישט געקאָנט קומען.

מיר זענען פון דאָרטן אַוועק. גייענדיק און שווייגנדיק האָב איך פאַר די אויגן געזען שלמה זעליגס דאַר פּנים און אין מיינע אויערן האָט געקלונגען זיין סוועט־שאַפּ־רעדע און זיין שטאַרק באַטאָנען די ווערטער:
„דוד, ס'איז נישט פאַר דיר".

ליגנדיק אויף מיין בעטל אין לייבלס צימער און נישט קאָנענדיק איינשלאָפֿן האָב איך אַזוי געטראַכט: „בנוגע דער פושקאַרט־פּרנסה האָב איך אַליין באַשלאָסן, אַז ס׳איז נישט פאַר מיר, מחמת איך זע דאָך מיט ווֶעמען איך האָב זיך דאָ באַגעגנט אין די עטלעכע טעג, זינט איך בין אין ניו־יאָרק: מיט יאָסלען, מיין מכניס אורח, מיט מיין חבר לייבל, מיט מיין בן־עיר אייזיק יאַנאָווסקי, מיט די טערניוועקער היינט אָוונט, — אַלע ווי איינער — „אַ סוועט־שאַפּ איז נישט פאַר דיר״. און איך מוז דאָך מודה זיין, אַז זיי אַלע ווייסן די לאַגע דאָ בעסער ווי איך. שטעלט זיך אַ פראַגע: וואָס־זשע פאַרט איז גוט פאַר מיר?

האָב איך טאַקע דעם צווייטן טאָג, ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט לייבלען, וואָס דאָס איז שוין געווען מיין לעצטער טאָג אין ניו־יאָרק, געפרעגט די פראַגע:

— צום באַדויערן — זאָגט ער — האָב איך אויף דעם נישט קיין ענטפער. און ווען דו פרעגסט, צי ס׳זענען דאָ נישטאָ קיין קליינע געשעפטן וואָס דו קאָנסט אין זיי געפינען אַרבעט... אַוודאי זענען זיי דאָ פאַראַן גענוג, אָבער צו אַרבעטן אַפילו אין דעם קלענסטן געשעפט מוזסטו קענען מער־ווייניקער רעדן, לייענען און שרייבן ענגליש. און אַזוי ווי די נייע עמיגראַנטן קענען דאָס נישט, מוזן זיי זיך כאַפּן צו אַזעלכע זאַכן ווי פושקאַרט, סוועט־שאַפּ, פעדלען און נאָך אַזעלכע ענלעכע פרנסות. איך ווייס גראָד פון אַ פאָר יונגעלייט אין אונדזערע יאָרן, וואָס זיי זענען געקומען אַהער צו זייערע אייגענע קרובים, אַזעלכע, וואָס זענען דאָ שוין לאַנג, וועלכע האָבן פיינע געשעפטן, זענען פאַבריקאַנטן, אימפּאָרטערן, אדג״ל. זיי האָבן אַריינגענומען זייערע „גרינע״, געגעבן זיי געוויסע אַר־בעטן, אַפילו געשיקט זיי אין סקול זיך לערנען די שפּראַך פון לאַנד, זיי אויסגעהאַלטן מיט אַלץ די גאַנצע צייט ביז זיי זענען געווען גרייט און פעיק צו פאַרנעמען זיך מיט אַרבעט און אויף שטעלעס, טאַקע אין די געשעפטן ביי זייערע קרובים. נו, דו און איך און נאָך אַזעלכע טויזנטער אַנדערע עמיגראַנטן האָבן נישט דעם מזל צו קומען אַהער צו קרובים. אַט פאַרסטו צו דיינע משפחה־מענטשן, אַזעלכע, וואָס דו אַליין זאָגסט, אַז זיי זענען אויך ניי־געקומענע און אומבאַהאָלפענע, נו, וועלן מיר זיך מוזן אַליין דורכשלאָגן אַ וועג אין דער פרייער אַמעריקע, סיידן... סיידן — זאָגט לייבל — אויב דו בינסט פאַראינטערעסירט אין גאָר, גאָר קליינע געשעפטלעך, קאָן איך זיי דיר דאָ וויַיזן.

און אַזוי גייענדיק, טוט ער מיר אַ וויַיז אַן אויף אַן עלנטע יידענע

וואָס זיצט ביי אַ זייט פון גאַס אויף אַ קליין, נידעריק בענקעלע און לעבן איר שטייט אַ קויש מיט בייגל און פונעם קויש שטעקט אַרויס אַ לאַנגער שטעקן, אויף וועלכן ס׳זענען אָנגעהאָנגען בייגל וואָס פאַרקויפן זיך פאַר אַ פעני אַ שטיק. גייענדיק ווייטער ווייזט מיר אָן לייבל אויף אַן עלטערן ייד וואָס זיצט ביי אַ טישל, אויף וועלכן עס זענען אָנגעלייגט פאַרשיידענע צייטונגען — יידישע, ענגלישע, וואָס פאַרקויפן זיך פאַר צוויי סענט אַ צייטונג. און אָט ווייזט מיר לייבל אָן אויף נאָך אַ געשעפט — אַן עלנטער ייד זיצט אין אַ בודקעלע, אַ קליין שטיבעלע אַזעלכעס און פאַרקויפט סעלצער־וואַסער, געטראַנקען פאַר איין סענט אַ גלאָז און פאַר צוויי סענט מיט איינגעמאַכטס. און אַ ביסל ווייטער זעען מיר אין אַ ווינקל־גאַס שטייט אַ מאַן און דרייט אַ מין שפּיל־קעסטל, אַ קאַטערינקע, און אויף זיינע פּלייצעס און אַקסלען טאַנצט אַרום אַ מאַלפּע אַהין און צוריק און פאַר פינף סענט אויפן באַפעל פון מאַן צו דער מאַלפּע, שלעפּט זי אַרויס אַ צעטעלע פון אַ קעסטל און אינעם דאָזיקן צעטעלע איז פאַר אייך אָנגע־צייכנט און אָנגעוווּנטשן גאָר גרויסע גליקן אין אייער לעבן.

מיר באַגעגענען זיך מיט נאָך און נאָך „געשעפטן״. ס׳שטייט אַ ייד און פאַרקויפט היימישע געזייערטע אוגערקעלעך, אַן אַנדער ייד שטייט ביי אַן אייוועלע, פון וועלכעס עס זעצט אַ רויך און איר קאָנט ביי אים קריגן אַ פריש געבאַקענע קאַרטאָפל... און לייבל זאָגט צו מיר:

— זעסטו, צו די דאָזיקע געשעפטן דאַרפסטו נישט האָבן נישט קיין געלט, נישט קיין שפראַך, נישט קיין דערפאַרונג — גאָרנישט! אָבער דער־פאַר קריגסטו פון זיי אויך גאָרנישט — און מיר בײדע צעלאַכן זיך.

און אַזוי ווי דאָס איז געווען מיין לעצטער טאָג אין ניו־יאָרק און מיר האָבן זיך נישט געוואָלט צעשיידן, זענען מיר אַריין אין אַ רעסטאָראַן עפּעס אָפּצועסן און — ווידער געשמועסט. אונדזער געשפּרעך האָט זיך געדרייט אַרום אונדז ביידן, אַז מיר ביידע זענען ווייט־ווייט פון עפּעס תכליתדיק.

מיר האָבן זיך געזעגנט, געגעבן זיך די אַדרעסן, זיך צוגעזאָגט צו לאָזן הערן פון זיך און מיט דעם האָבן זיך פאַרענדיקט מיינע ערשטע צען טעג אין אַמעריקע, אין דער שטאָט ניו־יאָרק און אין דער יידישער קולטורעלער איסט־סייד, אין וועלכער איך בין ממש, געווען פאַרליבט און יאָרן לאַנג נישט פאַרגעסן, ביז — ביז איך האָב שפּעטער מיט יאָרן ווידער באַזוכט ניו־יאָרק, אָבער גאָר אויף אַן אַנדער אופן און אונטער אַנדערע אומשטאַנדן.

קאַפּיטל 29

אויפן וועג קיין האַרטפאָרד

געקומען צו מיין אכסניה האָבן מיך מיינע נעמיראָווער פריינט באַ־געגנט מיט טענות: „ס'טייטש, מען זעט אייך נישט און מ'הערט אייך נישט, און נישט אַזוי מיר — זאָגט שרה — ווי די חברה מיינע בענקען נאָך אייך, זיי האַלטן אין איין פרעגן ווען קומט איר!" — און דערוויל דערלאַנגט זי מיר אַ פּאָסטקאַרטל, וואָס איז אָנגעקומען צו מיר אויף זייער אַדרעס. דאָס פּאָסטקאַרטל איז געווען פון דער מומע סאָניע פון האַרטפאָרד. זי האָט געוווּסט מיין אַדרעס אין ניו־יאָרק. איך לייען עס איבער און דערצייל זיי, אַז די מומע פון האַרטפאָרד האָט אויך אַ טענה צו מיר ווו בין איך אַהינגעקומען — און איך זאָג זיי טאַקע, אַז מאָרגן פאַרלאָז איך ניו־יאָרק אויפן וועג קיין האַרטפאָרד, צו מיינע אייגענע.

די קינדערלעך זענען שוין געווען באַלעגערט און מיר זענען נאָך געזעסן און געשמועסט. איך האָב זיך מיט זיי געזעגנט, זיי האַרציק באַדאַנקט פאַר זייער גאַסטפריינטלעכקייט און זיי צוגעזאָגט קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן.

צומאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. די קינדערלעך זענען נאָך געשלאָפן. איך האָב שוין געוווּסט, לויט אייזיקס אינפאָרמאַציע, מיט וועלכן טראַמוויי פאָרן צו דער באַן־סטאַנציע, און דאָרטן, האָט מיר אייזיק געזאָגט: „זאָלסטו צוגיין צום פענצטערל, ווו מען פאַרקויפט באַן־בילעטן און זאָגן צום פאַרקויפער די דאָזיקע ווערטער: „טיקעט טו האַרטפאָרד, פּליז".

— „פּליז" — זאָגט ער — מיינט „ביטע", „פּאָזשאַלוסטאַ", און גיב אים דריי דאָלאַר.

אַזוי האָב איך געטון, און דאָס זענען געווען מיינע ערשטע ווערטער אין ענגליש, וואָס איך האָב אַרויסגערעדט אין אַמעריקע. און ווען דער מאַן ביים פענצטערל האָט מיר דערלאַנגט דעם בילעט און געגעבן אויסגאָב קליינגעלט, האָב איך געהאַט דאָס געפיל ווי איך האָב עפּעס אָפּגעטון אַ שווערע, אָבער אַן אָנגענעמע שטיקל אַרבעט. איך געדענק אויך ווי איבער־ראַשט איך בין געוואָרן אַריינקומענדיק אין וואַגאָן און דערזען די ריינע, שיינע בענק, די זיץ־פּלעצער, וועלכע זענען געווען באַדעקט מיט רויטן סאַמעט — ווייכע און באַקוועמע. די פּאַסאַזשירן זענען אַריינגעקומען אין

וואַגאָן — נישט געלאָפן, זיך נישט געשטופט, ווייל אַלע האָבן געהאַט פּלעצער. ס׳איז געווען שאַ, שטיל, רואיק. ווען אייניקע האָבן צווישן זיך גערעדט האָט מען קוים געהערט. און ווי די באַן האָט זיך גערירט איז דער קאָנדוקטאָר אַריינגעקומען און אויסגערופן: „טיקעטס, פּליז״ — האָב איך שוין פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט ער און בעט דעם עולם צו ווייזן די בילעטן. ער איז אויך צוגעגאַנגען צו מיין זייט מיט אַ זאָג: „טיקעט, פּליז״. איך האָב אים דערלאַנגט מיין בילעט, ער האָט אין אים אַ קוק געטון און געזאָגט: „טהענקיו״. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס זאָגט ער מיר אַ דאַנק.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי ווי פיל אַנדערע באַגעגענישן, מיט וועלכע איך בין געקומען אין באַרירונג אין די עטלעכע טעג פון מיין זיין אין אַמעריקע און כסדר זיי פאַרגליכן מיטן „דאָרטן פון וואַנען איך בין גע־קומען״, האָב איך, זיצנדיק אין וואַגאָן, אויך געמאַכט פאַרגלייכן און געטראַכט, אַז וואָס איך זע דאָ איז מיר גאָר־גאָר שטאַרק געפעלן און איך וואָלט פון מיין ערשטער באַן־רייזע אין אַמעריקע שטאַרק הנאה געהאַט ווען נישט... איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן פונוואַנען איך פאָר, און וווהין פאָר איך? ווען איך האָב זיך דערמאָנט ניו־יאָרק, האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן וואָס אין אַזאַ גרויסער שטאָט פון מיליאָנען מענטשן האָט אַזאַ שטיקל מענטש ווי איך נישט געקאָנט געפינען עפּעס, כדי דאָרטן צו פאַרבלייבן. לויט די עצות פון אַלע מיינע דאָרטיקע פריינט און באַקאַנטע זיץ איך איצט אין באַן. נו, אַוודאי ווייס איך אַז, זיי, מיינע פריינט, האָבן געמיינט מיין טובה. אין דער זעלבער צייט האָט מיר באַנג געטון דאָס צעשיידן זיך מיטן יידישן קאָכיקן קולטור־לעבן אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד. איך ווייס, אַז זיי, דאָס הייסט די מומע סאָניע און איר מאַן, דער פעטער ראובן זענען אויך ערשט ניי־געקומענע, ערשט אייניקע חדשים אַז זיי געפינען זיך דאָ אין לאַנד, זענען זיי דאָך אויך פון די חבלי „גרינע״ און זיכער האָבן זיי זייערע אייגענע שוועריקייטן און זייערע אייגענע פּראָבלעמען. צו וואָס־זשע דאַרף איך נאָך אַרויפלייגן אויף זיי מיין „פּעקל״ און זיי אפשר, פאַרשאַפן ערגערניש? איך האָב אָבער פאַרשטאַנען און געקומען צום באַשלוס, אַז אָט איצט, טאַקע פונעם הייַנטיקן טאָג אָן, שטיי איך אויף דער שוועל פון אַ ניי לעבן אינעם נייעם לאַנד און איך דאַרף זיך אונטערגאַרטלען און זיין גרייט צו באַ־געגענען אַלערליי שוועריקייטן אויף מיין ווייטערדיקן וועג. וואָס פאַר אַ שוועריקייטן וועלן עס זיין?... ווער ווייסט?

און איידער עס קומען מיר אויף אַנדערע מחשובות דערהער איך ווי דער קאָנדוקטאָר רופט אויס הויך אויף אַ קול: „האַרטפאָרד! אָל אַאוט פאָר האַרטפאָרד!"

איך באַמערק ווי פּאַסאַזשירן נעמען זיך צו זייערע מאַנטלען, שליאַ־פּעס, רענצלעך, שטעלן זיך אויס אין אַ ריי אָן כאַפּעניש, אָן שטופּעניש, וואַרטן ביז די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויס־צוגיין פון וואַגאָן — און איך אויך בתוכם.

איך האָב דער מומען נישט געלאָזט וויסן ווען, וואָס פאַר אַ טאָג איך קלייב זיך צו קומען. איך האָב זיי נישט געוואָלט מטריח זיין צו קומען מיך באַגעגענען. איך האָב אַרויסגענומען זייער אַדרעס און געהאַלטן אין איין האַנט, און דאָס גרינגע קוישל מיט מיינע נישט פיל זאַכן, אין דער צווייטער האַנט און בין אַרויס פון וואַגאָן. דער קאָנדוקטאָר איז געשטאַנען לעבן דער טיר. ביים אַרויסגאַנג האָב איך אים געוויזן דער מומעס אויפ־געשריבענעם אַדרעס און געזאָגט צו אים: „פּליז!". ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר, אויפן קוישל, דערנאָך אויפן אַדרעס. ער האָט עפּעס גערעדט, נאָר וואָס, האָב איך נישט פאַרשטאַנען. האָט ער מיר אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין אַ וואָסער ריכטונג איך דאַרף גיין און אין דער ריכטונג האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט.

דער גאַנצער וועג פונעם וואָקזאַל ביז צו דער מומעס הויז האָט גע־נומען אַן ערך אַ האַלבע שעה. איך האָב אָבער אין דער האַלבער שעה אָפּגעשטעלט נאָך אַ פּאָר מענטשן און זיי געוויזן דעם אַדרעס. איינער פון זיי האָט מיר אָנגעהויבן מסביר צו זיין ווי אַזוי און וווהין איך דאַרף גיין. און בשעת ער האָט גערעדט צו מיר איז פאַרבייגעגאַנגען אַ מיטל־יאָריקע פרוי, און זעענדיק מיך מיטן קוישל, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. ווען זי האָט געהערט אַז דער מאַן האָט דערמאָנט „ווינדזער סטריט", טוט זי מיך אַ פרעג אין יידיש:

— איר דאַרפט גיין צו ווינדזער סטריט? קומט, איך גיי אויך צו דער גאַס, איך וועל אייך ווייזן דעם וועג!

זי האָט מיטן מאַן גערעדט אייניקע ווערטער און איך בין מיט איר מיטגעגאַנגען.

דערווייל האָט זי מיך גענומען אויף אַ פאַרהער: פונוואַנען קום איך, ווער איך בין און נאָך אַ פּאָר טוץ פראַגן, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ גאַס, אויף וועלכער זי האָט מיר אָנגעוויזן, אַז דאָס איז ווינדזער סטריט.

— גייט, דעם נומער וועט איר שוין אַליין געפינען.

איך האָב איר באַדאַנקט און בין געגאַנגען אויסזוכן דאָס הויז. דאָס איז געווען אַ צווייִשטאָקיק הויז, אַ מאַן איז געשטאַנען אויפן טראָטואַר. האָב איך זיך איינגעשטעלט און אַ פרעג געטון אויף יידיש, צי ווייסט ער אויף וועלכן שטאָק די גערבערטס וווינען.

— אויפן אויבערשטן — האָט ער אויך געענטפערט אין יידיש קוקנדיק אויף מיר און אויף דעם קוישל. איך בין אַרויף, אָנגעקלאַפּט אין טיר. די טיר האָט זיך געעפנט און — די מומע האָט אַ פּליעסק געטון מיט די הענט און אויסגעשריען:

— אוי, אַט חלש איך! — מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, צעקושט. די מומע האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך צעטעהנעט:

— מיר האָבן גאָרנישט געוווסט וואָס איבערצוטראַכטן! ווּהין ביזסטו אַהינגעקומען?! מיר האָבן געלייענט אין די צייטונגען, אַז דיין שיף איז אָנגעקומען. מיר האָבן געוווסט ווער ס'האָט דיך געזאָלט באַגעגענען, ווי דו האָסט אונדז געשריבן. ס'איז שוין, דוכט זיך, צוויי וואָכן באַלד אַז די שיף איז אָנגעקומען — און מען זעט נישט און מען הערט נישט פון דיר. מיר האָבן געמיינט, אַז עפּעס האָט מיט דיר פּאַסירט!... האָסט גע־קריגן מיין פּאָסטקאַרטל?... — און זי לאָזט דעם ענין נישט אָפּ און רעדט ווידער: — דו זעסט דאָס בעטל? — און זי ווייזט מיר אָן אויף אַ בעטל, וואָס שטייט לעבן אַ וואַנט פאַרשפּרייט מיט אַ שיינעם צודעק — איך האָב עס אויסגעבעט און צוגעגרייט פאַר דיר די לעצטע צען נעכט; מיר זענען ספּעציעל געזעסן ביז שפּעט, מיינענדיק טאָמער, אפשר, וועסטו זיך באַווייזן און...

און דאָ בין איך שוין אַריינגעפאַלן אין אירע רייד און אַ זאָג געטון:

— מומע, איך האָב געקראָגן אייער פּאָסטקאַרטל און ווי איר זעט בין איך אַ גאַנצער, איך פיל זיך גוט, ס'האָט מיט מיר גאָרנישט פּאַסירט. ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך האָב זיך צופעליק באַגעגנט מיט באַקאַנטע טערנאָוויעקער אין ניו־יאָרק און איך האָב געטראַכט, אַז אַזוי ווי איך בין שוין דאָ אין ניו־יאָרק האָב איך זיך געוואָלט אַרומקוקן אפשר וועל איך פאַר מיר געפינען עפּעס צו טון.

— אַט פאַר דעם האָבן מיר זיך טאַקע געשראָקן — האָט די מומע געזאָגט — מיר האָבן איבערגעטראַכט, אַז אפשר האָט דיך דאָרט עמעצער איינגערעדט גליקן און דיך פאַרשלעפּט ערגעץ אין אַ סוועט־שאָפּ. מיר האָבן פאַרזוכט דעם סוועט־שאָפּ, מיר ווייסן דעם טעם דערפון. מיר

האָבן זיך פון דאָרט קוים אַרױסגעראַטעוועט. נו, אַבי דו ביזסט דאָ. לאָמיר נאָר אַ גוטן קוק טון אויף דיר! קוקסט טאַקע אויס, קיין עין־הרע, געזונט, פריש, שיין, יונג, מיט רויטע באַקן... אוי, הלוואי אויף ווייטער!

דער באַדייט פונעם „אוי!" איז מיר געווען אַ ביסל אומפאַרשטענדלעך. איך האָב אים ערשט באַנומען מיט עטלעכע חדשים שפּעטער.

— נו, — זאָגט זי אַוועקשטעלנדיק דאָס קאַרזינקעלע *) ערגעץ אין אַ ווינקל — זעץ זיך אַוועק. האָסט שוין היינט עפּעס געגעסן?

— יאָ, — זאָג איך — צוויי מאָל געגעסן.

— נו, וועלן מיר דערווייל טרינקען אַ גלעזל טיי. ס'ווערט שוין שפּעט. דער פעטער וועט שוין מסתמא באַלד אַריינקומען. ווען ער ווייסט, אַז דו בינסט דאָ, וואָלט ער מסתמא געקומען פריער.

און טאַקע אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך די טיר געעפנט און דער פעטער ראובן, מיט עטלעכע שטיקלעך שניט־סחורה אויף זיין אַקסל, איז אַריינגעקומען. דעם פעטער ראובן האָב איך ווייניק געקענט — איך האָב אים איין מאָל באַגעגנט אין דער שטאָט הייסין, נישט ווייט פון נעמיראָוו, ווו זיי האָבן געוווינט. איך בין דאַן צוגעפאָרן אויף איין טאָג זיי צו זען. געהערט האָב איך, אַז דער פעטער ראובן איז אַ ייד אַ תלמיד־חכם און אַ היינטוועלטיקער אינטעליגענטער מענטש. אין דער היים איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס אַ „סטראַכאַוואָי אַגענט" (אַגענט פון אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט); ער פלעגט אַרומפאָרן צווישן פריצים און געמאַכט פיינע געשעפטן. ער האָט זיך אָבער מיט עפּעס פאַרזינדיקט ביי פאָניען — און כדי אויסצומיידן קלאָפּאָטן־אַרעסטן און אפשר אויך שטראָפן, האָבן זיי געמוזט שנעל אַנטלויפן. זיי זענען אַריבער די גרענעץ און זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע „בעירום ובחוסר כל", ווי די מומע האָט געזאָגט: „נאַקעט און באָרוועס".

ווען איך האָב איצטער דערזען דעם פעטער אַריינקומען אין שטוב מיט די עטלעכע שטיקלעך סחורה אויף זיין אַקסל און בעת ער האָט אַוועקגעלייגט די סחורה ערגעץ אין אַ צווייטן צימער, איז מיר שנעל דורכגעלאָפן אין מיין זכרון דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב אים באַגעגנט אין הייסין.

דאָס איז געווען אין אַ ווינטער־טאָג — איך געדענק נישט גענוי דעם חודש — די מומע האָב איך געטראָפן אין הויז, אָבער דער פעטער איז

*) אַ קוישל געמאַכט פון דיקער שטרוי — אַ מין טשעמאָדאַנטשיק.

אָנגעקומען שפּעטער. ווען דער פּעטער איז דעמאָלט אַריינגעקומען אין הויז איז ער געווען אָנגעטון אין אַ שיינעם פוטערנעם מאַנטל מיט אַ קאַראַקולענעם קאָלנער, אַ קיילעכדיק קאַראַקולן היטעלע, אין איין האַנט אַ שטעקעלע און אין דער צווייטער אַ לעדערנעם, ברוינעם פּאָרטפּעל (ברייוו־קייס). ער האָט אַראָפּגעצויגן פון זיין רעכטער האַנט אַ זאַמשענע „פּער־טשאַטקע" (אַ לעדערנע הענטשקע) און מיר אָפּגעשטעקט אויף רוסיש אַ „זדראַווסטוווי דאַוויד", ד. ה. „שלום־עליכם, דוד!". און איצטער ביי זיין אַריינקומען און מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן „שלום־עליכם, דוד!", האָב איך פאַר זיך דערזען אַ פאַרעלטערטן מענטשן, אָנגעטון אין אַ קורץ צעקנייטשט רעקל, ס'העמד אַ ביסל צעכראַסטעט — אַ מידער. איך האָב געקוקט אויף אים און, כמעט, געבליבן אָן לשון. די מומע האָט דערוויל געגרייט צום טיש דעם עסן און ביי דער וועטשערע איז נאָכאַמאָל אַרויף דער שמועס — ניו־יאָרק און סוועט־שאָפּ. דער פּעטער האָט דערציילט, אַז ווען זיי זענען געקומען קיין ניו־יאָרק האָבן זיי נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו גיין אין אַ פאַבריק אַרבעטן — די מומע אין אַ פאַבריק פון פרויען־וועסטלעך, געאַרבעט אויף אַ ניי־מאַשין, און דער פּעטער אַלס פּרעסער ביי פרויען־מאַנטלען אין אַ סוועט־שאָפּ. זיי האָבן אַזוי אָפּגעשקלאָפט, ווי דער פּעטער האָט זיך אויסגעדריקט, אייניקע חדשים ביז זיי האָבן ביידע דערפילט, אַז אַזוי ווייטער אָנגיין איז אוממעגלעך. די מומע האָט געהאַט זייער אַ נאָענטע חברטע אירע, נאָך פון דער היים, וואָס האָט געוווינט אין האַרטפאָרד. די חברטע האָט זיי געראָטן צו קומען קיין האַרטפאָרד, ווו זי האָט געהאָפט, אַז דאָ, אין האַרטפאָרד, וועט פאַר זיי אפשר זיין גרינגער זיך איינצוואָרדענען. און אָט זענען זיי שוין דאָ עטלעכע חדשים. און באמת, דערוויל זעען זיי נאָך דאָ נישט אַזעלכע גרעלעגנהייטן. מען פלאָגט זיך דאָ גענוג אָן אויס־צואַרבעטן, קוים־קוים, דאָס שטיקל, מ'שטיינס געזאָגט, פּרנסה. אָבער, אַבי אַרויס פון די וויסטע ניו־יאָרקער שוויץ־פאַבריקן.

בשעת דער פּעטער האָט גערעדט בין איך געזעסן אַ ביסל אין אַ געדריקטער שטימונג. איך האָב געזען, ווי איך האָב טאַקע פריער געוווסט, אַז מיינע אייגענע מאַכן אויך דורך דעם שווערן פּעריאָד פון אַריינוואַקסן זיך, שטופּנווייז, אינעם נייעם אַמעריקאַנער לעבן און איך האָב באַשלאָסן, ווי ווייט מעגלעך, אויסצומיידן צו פאַרשאַפן זיי איבעריקע זאָרג מיט מיינע פּראָבלעמען, מיט וועלכע איך וועל זיך דאָ זיכער באַגעגענען, האָב איך טאַקע אַ פרעג געטון:

— וואָס, אַ שטייגער, קאָן דאָ געפינען פאַר אַ טועכץ, אַזאַ פרישער עמיגראַנט, ווי איך?

— נישט איצט — האָט די מומע אַ זאָג געטון — האָסט נאָך צייט. דערווייל ביזטו אַ גאַסט. האָסט קיין צייט נישט?! מ'וועט נאָך זען, מ'וועט נאָך שמועסן — האָט דער פעטער אויך באַמערקט און פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

— וואָס דו זאָלסט דאָ נישט טון וועט דיר זיין גרינגער ווי אין אַ סוועט־שאָפּ, אינעם קאָכעדיקן ניו־יאָרק, אָדער ווי צו זיין אַ סאָלדאַטביים רוסישן קיסר.

מיר זענען נאָך אָפּגעזעסן ביז שפּעט אין אָוונט שמועסנדיק וועגן רוסלאַנד, וועגן אונדזערע משפחות, וואָס מיר האָבן דאָרטן איבערגעלאָזט. דער שמועס האָט זיך אויך געדרייט אַרום דעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם איצט אין רוסלאַנד. און אַזוי ווי זיי זענען אויך פריש געקומענע, ערשט זיבן, אַכט חדשים, האָט דער פעטער אַרויסגעוויזן גרויסע בקיאות אינעם איצטיקן לעבן אין רוסלאַנד אויף אַלע געביטן. דער פעטער האָט אויך געוואָלט וויסן מיט וואָס איך בין געווען פאַרנומען די פיר יאָר אין נעמיראָוו און נאָך איינצלהייטן וועגן מיר און צום סוף פון שמועס זאָגט צו מיר דער פעטער דאָס זעלבע, וואָס איך האָב שוין איניקע מאָל געהערט פון אַנדערע:

— ס'איז גאָר קיין פראַגע נישט — זאָגט ער — אַז מיר — איך, דו און אַלע אַנדערע אָנגעקומענע עמיגראַנטן דאַרפן דאָ דורכגיין אַ חבלי־לידה. — און ער האָט זיך ווי פאַרנומען דעם ענין מאריך זיין.

די מומע האָט געדענקט, אַז מעגלעך, אַז די חבלי־לידה־טעמע וועט אפשר אויף מיר שלעכט ווירקן, איז זי אַריינגעפאַלן אין פעטערס רייד און אַ זאָג געטון:

— נו, צייט צו גיין שלאָפן, מירן נאָך האָבן גענוג צייט צו ריידן וועגן דעם.

דעם קומענדיקן אינדערפרי, נאָך פרישטיק, האָט זיך דער פעטער גענומען צו זיינע שניט־סחורה, זיי אַרויפגעלייגט אויף זיינע אַקסלען און איך האָב אָנגעבאָטן דעם פעטער צו נעמען עטלעכע אויך אויף מיין אַקסל און מיטגיין מיט אים. האָבן זיי, די מומע און אויך דער פעטער, מיך נישט געלאָזט, זאָגנדיק, אַז היינטיקע וואָך בין איך נאָך אַ גאַסט און מ'דאַרף פאַרגעסן אַלע וואָכעדיקע זאַכן.

די מומע האָט אָנגעוויזן אויף מיין געלעגער, זאָגנדיק:

— ענדלעך וועט דאָס בעטל איצטער נישט פאַרשעמט ווערן ווי די לעצטע עטלעכע נעכט, ווען איך האָב עס אויסגעבעט און אויסגעגלעט און דו ביזסט נישט געקומען.

די גאַנצע וווינונג איז באַשטאַנען פון דריי קליינע צימערלעך — אָן עסצימער, וואָס האָט אויך געדינט אויף אויפצונעמען געסט, אַ שלאָף־צימער פאַרן פעטער און דער מומען און אַ קליינע קיך. דאָס אַלץ. מיין בעטל איז געשטאַנען לעבן אַ וואַנט אין עסצימער און דאָס איז געווען מיין געלעגער די גאַנצע צייט אין האַרטפאָרד.

איך געדענק נאָך איצט וויפל שלאָפלאָזע נעכט איך האָב אויף דעם בעטל דורכגעמאַכט.

קאַפּיטל 30

אין האַרטפאָרד מיט מיינע אייגענע

דעם צווייטן אויפדערנאַכט זענען געקומען מענטשן זיך באַקענען מיטן „גרינעם" גאַסט. דאָס זענען געווען דער מומעס חברטע מיט איר מאַן מאַקס קרעמער. זיי זענען שוין געווען אַ ביסל „אויסגעגרינטע". מאַקס איז געווען פון דער היים אַ שטיקל מעכאַניק, האָט ער דאָ, נאָך פיל זוכענישן, געפונען צייטווייליקע אַרבעט אין אַ וועליסאָפּעדן־פאַבריק און צוזאַמען מיט זיין יונגער פרוי וואָס האָט אויך אַ ביסל אונטערגעאַרבעט, זענען זיי ווי עס איז דורכגעקומען. אָבער לויט די שמועסן דעם גאַנצן אָוונט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען דערווייל ווייט צו זיין גליקלעך. איך האָב אויך דערפילט, אַז סיי דער פעטער און סיי די מומע און אויך די קרעמערס קוקן אַרויס אויף מער תכליתדיקס פון דעם וואָס זיי טוען איצט; קיין באַשטימטע פּלענער האָבן זיי נישט, אָבער זיי זענען גרייט צו יעדער צייט צו וואַרפן דאָס וואָס זיי טוען איצט. אָבער וואָס טון ווייטער, ווען און ווי אַזוי, ווייסן זיי אַליין נישט.

און טאַקע די זעלבע נאַכט, ליגנדיק אויף מיין בעטל, האָב איך גע־טראַכט אַז די מענטשן, צווישן וועלכע איך געפין זיך, זענען אַליין אַזוי אומבאַהאָלפן און עפּעס אָן אַ באַשטימטן באָדן — איז וואָס קאָן איך שוין דאָ דערוואַרטן? איז עס טאַקע געווען די ערשטע נאַכט אויף מיין בעטל אויף וועלכן איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך בין געשמאַק געשלאָפן.

אין אַ פּאָר טעג נאָך מיין קומען אַהער האָב איך אָנגעהויבן טענהנען, אַז איך וויל ווערן אויס גאַסט — איך האָב זיך שוין גענוג אויסגעגאַסטעט אין ניו־יאָרק און דאָ, און איך ווער אומגעדולדיק. איך ווייס — זאָג איך — איך האָב נישט דערוואַרט צו געפינען דאָ עפּעס, וואָס איז פאַר מיר צו־געגרייט געוואָרן, נאָך איידער איך בין געקומען אַהער און איך טראַכט איצט אויך זיך אַרויסלאָזן זוכן אַרבעט אין אַ פאַבריק. איך וויל מאַכן אַן אָנהויב, — וואָס דענקט איר וועגן דעם?

אויף דער פראַגע האָט זיך דער פעטער ראובן אָנגערופן אַזוי:

— ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווי נאָר מיר האָבן פון דיר גע־הערט, אַז דו קומסט קיין אַמעריקע און, פאַרשטייט זיך, צו אונדז, ווי דען אַנדערש?, האָבן מיר געטראַכט וועגן דיר און אַוודאי האָבן מיר נישט געוואָלט זאָלסט מגולגל ווערן ערגעץ אין ניו־יאָרק אין אַ שוויץ־פאַבריק. און דער פעטער דערקלערט מיר: — דערווייל קוק זיך צו וואָס איך טו.

און ער זאָגט צו מיר:

— דו זעסט אָט די שניט־סחורה, וואָס ליגט אין יענעם ווינקל? דאָס האָב איך געקויפט אין ניו־יאָרק, אין אַ הורטאָווע קראָם. נאָך דעם ווי מיר האָבן געמוזט אויפגעבן דעם סוועט־שאָפּ האָבן מיר מיינע באַקאַנטע אין ניו־יאָרק געראָטן אַרויסצוגיין פּעדלען. אָבער נישט אין ניו־יאָרק, נאָר אין אַ קלענערער שטאָט, ערגעץ אַרום ניו־יאָרק. און אַזוי ווי מיר האָבן דאָ אונדזערע פריינט, די קרעמערס און נאָך באַקאַנטע, האָבן זיי אונדז געראָטן צוקומען אַהער. און אָט זענען מיר דאָ. און ווי דו זעסט, טראָג איך אַרויס מיין געשעפט אויף די אַקסלען אַלע אין דער פרי אויף געוויסע גאַסן, וווּ עס געפינען זיך נאָך אַנדערע, וואָס האַנדלען מיט פאַר־שיידענע אַרטיקלען. שטיי איך דאָרטן אויך מיט מיין סחורה, די לעצטע פאָר חדשים. קיין „בראָצקי״ אָדער „ראָטשילד״ בין איך נאָך דערווייל פון דעם מסחר נישט געוואָרן און מע קען פון דעם נישט ווערן. איז אָט, דאָס איז עס דערווייל און מיר האָפן אויף בעסערע צייטן און געלעגנהייטן. דערווייל קאָנסטו אויך נעמען פון מיין סחורה. איך וועל דיך באַקענען מיט די פרייזן און אַלע אַנדערע איינצלהייטן. דו קאָנסט שטיין דאָרטן, מיט אַ פּאָר גאַסן ווייטער פון מיר, און מיר וועלן זען מה יוליד יום.

און טאַקע דעם זעלבן טאָג נאָך וועטשערע איז מיט מיר דער פעטער דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן עסק — אויף יעדער שטיקל סחורה איז געווען אָנגעצייכנט דער מקח פאַר וויפל עס פאַרקויפט זיך אַן אַרשין, ווי אַזוי

אָפּצומעסטן די סחורה, אָפּשניידן מיט אַ שערל, אא״וו. איין זאַך האָט מיך באַאומרואיקט — און איך האָב טאַקע געפרעגט ביים פעטער:

— וואָס איז מיט דער שפּראַך? איך פאַרשטיי דאָך נישט קיין איין וואָרט ענגליש!

האָט דער פעטער אויף דעם געענטפערט, אַז די שפּראַך איז לאַו־דוקא, מחמת די געגנט איז אינגאַנצן אַ יידישע און די קונים זענען אַלע יידישע פרויען און דער גאַנצער מסחר קומט פאָר אויף יידיש.

ס׳איז מיר אויך דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז דער דאָזיקער עסק דער־מאָנט אַ ביסל אין די פּושקאַרט מסחרים אין ניו־יאָרקער איסט־סייד. אָבער איך האָב וועגן דעם נישט געוואָלט שטעלן קיין פראַגן. אגב, האָב איך געטראַכט, אַז דער מסחר שטייט אָן דעם פעטער, מעג ער מיר אויך אָנשטיין. צי ס׳געפעלט מיר, צי נישט.

איז אויף אָן אָנהויב פון אַ נייער וואָך, מאָנטיק פרי, האָט דער פעטער אַרויסגענומען זיינע סחורות, אויך אויסגעקליבן עטלעכע שטיקלעך פאַר מיר און אַריינגעשטעקט אָן אייזערנעם אַרשין אין אַ שטיקל סחורה. די מומע האָט אונדזביידן דערלאַנגט צוויי פּעקלעך מיט שפּייז, כדי איבערכאַפּן דורכן טאָג און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אַהין, וווהין דער פעטער האָט געפירט.

אַן ערך נאָך אַ האַלבע שעה גאַנג זענען מיר אַריין אין אַ געגנט, וווּ אויף אַ פּאָר לאַנגע גאַסן זענען געווען אויסגעשטעלט טישן און בענק. מענטשן זענען שוין געשטאַנען לעבן די טישן און אויסגעלייגט זייערע פאַרשיידענע אַרטיקלען, ווי שיך פאַר מענער און פרויען, פאַרשיידענע פּרוכטן, מענערשע העמדער, מענערשע הויזן, אויך שניט־סחורה ווי דעם פעטערס און נאָך פאַרשיידענע אַרטיקלען.

דער פעטער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ טיש, אַוועקגעלייגט זיין סחורה און מיר אָנגעוויזן אַ טיש, ווו איך זאָל אויסלייגן מיינע שטיקלעך סחורה. און אַזוי האָב איך געטון.

דערווייל בין איך געשטאַנען און באַקוקט דעם גאַנצן אַרום, אין אַלע זייטן — אויף די סוחרים און זייערע סחורות. אַלץ איז געווען אין אָר־דענונג. דער גאַנצער פּלאַץ האָט זיך געפונען צווישן בוימער. קיין קולות, קיין געפּילדער, שאַ־שטיל, נישט ענלעך אַפילו צום ניו־יאָרקער איסט־סייד פּושקאַרט־יאַריד.

אין איייניקע מינוטן אַרום איז צוגעקומען אַ ייד, פון מיין רעכטער זייט, און אויסגעפּאַקט מענערשע שליאַפּעס, קאַפּעלושן און זיי געלייגט

אויף זיין טיש. און נאָך איינער, פון מיין לינקער זייט, האָט אויסגעלייגט זיין סחורה, וואָס איז באַשטאַנען פון אייזן־אַרטיקלען, ווי העמערלעך, זעגעלעך, אָפּצווענגעס און נאָך פון דעם מין סחורה.

איך האָב באַמערקט, אַז מיינע שכנים פון דער רעכטער און דער לינקער זייט וואַרפן אויף מיר כסדר אויגן. זיי האָבן, ווייזט אויס, אין מיין הלבשה דערקענט אַז דאָ שטייט אַ „גרינער". איך האָב אָבער נישט גע־וואָלט אָנפאַנגען ריידן צו זיי, טראַכטנדיק, טאָמער זענען זיי נישט קיין יידן און איך מוז דאָך צו זיי רעדן ענגליש. אָבער ס'האָט נישט גענומען זייער לאַנג און איינער פון זיי, ווייזט אויס, ער האָט שוין מער נישט געקאָנט וואַרטן און זיך געווענדט צו מיר:

— אַ „גרינער", האַ?

— יאָ, זאָג איך — ערשט עטלעכע טעג דאָ אין לאַנד.

מירביידע האָבן זיך געגעבן „שלום־עליכם", זיך איבערגעביטן מיט אייניקע ווערטער און פראַגן — ווער בין איך, פונוואַנען קום איך, ווו ווין איך, אאַ"וו. ער איז געווען זייער פריינטלעך.

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן קונים. זיי האָבן זיך אָנ־געהויבן דרייען אַרום די טישן, קוקן, טאַפּן. אייניקע האָבן זיך אויך אָפּ־געשטעלט לעבן מיין טיש, געקוקט אויף מיינע סחורות און זייערע פרייזן. איין ווייבל האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיין טיש, באַקוקט די סחורות און אָנגעהויבן ריידן צו מיר... נישט אין יידיש! איך בין געוואָרן אַ ביסל צעטומלט. אָבער איינער פון מיינע שכנים האָט מיך געראַטעוועט און אַ זאָג געטון צום ווייבל:

— וואָס רעדסטו צו אים ענגליש? זעסט נישט, אַז ער איז אַ „גרי־נער"! וואָס איז? קענסט קיין יידיש נישט ריידן?

זי האָט זיך אַנטשולדיקט און אין אַ געשמאַקן יידיש האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטיקל סחורה, וואָס ס'געפעלט איר זייער און זי פרעגט ביי מיר אויב איך קאָן איר זאָגן וויפל אַרשין וואָלט זי געדאַרפט האָבן פאַר איר צעניאַריק מיידעלע — קיין עין־הרע הויך געוואַקסן — כדי אויפצונייען פאַר איר אַ פּליאַטקעלע.

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געוואָרן צעטומלט און געזאָגט צו איר, אַז איך קאָן איר אין דעם מיט גאָרנישט העלפן, מחמת דאָס איז מיין ערשטער טאָג וואָס איך פאַרנעם זיך מיט דער אַרבעט און איך וויל נישט איר עצהן עפּעס וואָס איז מיר נישט באַקאַנט, אָבער אויב זי וועט דאָ זיין מאָרגן, וועל איך איר זאָגן גענוי וויפל אַרשין סחורה צו קויפן.

זי האָט עפּעס נאָך אַ זאָג געטון, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען און איז מיט אַ שמייכל אַוועקגעגאַנגען.

מיין ערשטער טאָג פון דאָזיקן מסחר איז נישט געווען אַזאַ געראָטע־נער. ס'זענען גראָד צוגעקומען פרויען צו מיין טיש, געטאַפּט די סחורה, געקוקט אויף די פרייזן, זיך געדונגען. אייניקע האָבן יאָ עפּעס געקויפט פאַר זייער ווינציק — אַן אַרשין פון דעם, נאָך אַן אַרשין פון אַן אַנדער שטיקל סחורה און אַזוי בין איך אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצן טאָג ביז איך האָב באַמערקט, אַז אייניקע פאַרפּאַקן שוין זייערע סחורות פון די טישן. אויך מיינע שכנים האָבן זיך אָנגעהויבן רירן אַוועקצוגיין — האָב איך אויך גענומען די עטלעכע שטיקלעך סחורה אויף מיין אַקסל און בין אַוועק צום פּעטערס שטעלעכל. דער פעטער איז שוין גרייט געווען צום אַוועקגיין, אָבער ער האָט געוואַרט אויף מיר.

קומענדיק אַהיים און איבערציילנדיק דעם פדיון און אַראָפּרעכענענדיק די קאָסטן פון דער סחורה וואָס איך האָב פאַרקויפט, איז דער ריינער פּראָפיט, וואָס ס'איז מיר פאַרבליבן געווען אַן ערך עטלעכע און זעכציק סענט. דערפאַר אָבער איז דער חשבון פון דער גאַנצער ערשטער וואָך געווען גאָר אַ קלאָגעדיקער, דהיינו — דער גאַנצער רווח פון דער גאַנצער וואָך האָט באַטראָפן ווייניקער פון דריי דאָלאַר. און אַזוי אויך די צווייטע וואָך.

דער פעטער און די מומע האָבן באַמערקט, אַז איך בין אַ ביסל אַנטוישט. האָבן זיי מיר געטרייסט מיט דעם, אַז מיר אַלע און אויך איך ווי אַ ניי־אָנגעקומענער מוז האָבן געדולד. דער פעטער האָט געזאָגט, אַז זיין מערכה איז נישט פיל בעסער, אָבער ס'איז נאָר אויף דערווייל און מיר דאַרפן האַלטן די אויגן אָפן אויף אַנדערע, בעסערע געלעגנהייטן.

איך בין אָבער געווען אומצופרידן.

דערווייל פלעגן צו אונדז אַריינקומען די קרעמערס, מאַקס און זיין פרוי. מאַקס איז געווען זייער אַ ווילער יונגערמאַן, מיר זענען באַלד געוואָרן נאָענט, חבריש, באַפריינדעט. מיר האָבן באַלד, נאָך אונדזער באַ־קאַנטשאַפט אַוועקגעוואָרפן דאָס „אירצן" זיך און איבערגעגאַנגען אויף „דו".

מאַקס איז אויסגעוואַקסן אין זעלבן ראַיאָן, אין אוקראַינע, ווי איך. ער האָט געשטאַמט פון אַ דאָרף לעבן שטעטל טעפּליק, נישט ווייט פון טער־ניוועקע. מיר האָבן געהאַט אַ סך געמיינזאַמעס. ער האָט פאַרמאָגט אַ שיינע טענאָר־שטימע און געשמאַק געזונגען אַלע באַקאַנטע אוקראַינישע פאָלקס־לידער. זיין לאַגע איז, כאָטש ער האָט אַ ביסל געאַרבעט, אויך געווען

אַ ביטערע. שווער געאַרבעט און ווינציק פאַרדינט. פלעגט מען אין די אוונטן אַ ביסל פאַרזינגען די צרות.

האָב איך איין מאָל, נאָך אַ פּאָר וואָכן שטיין אין מאַרק, מיט צרותדיקע רעזולטאַטן, זיך פאַרקלאָגט פאַר מאַקסן, אַז מיר איז זייער נישט אַנגענעם זען דעם פעטערס לאַגע ווי ער אַרבעט קוים אויס זיין אויסקומעניש און איך פיל זיך עפּעס ווי אַ „דאַרמאַיעדניק" (אַן אומזיסטער פרעסער). מיר וואָלט נישט געאַרט צו אַרבעטן אַפילו פיזיש שווערער, אַבי פאַרדינען מער אויף צו דעקן די הוצאות פאַר מיין זיין דאָ.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער איז מאַקס געקומען צו מיר און מיר געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אויסגעפונען פון זיינעם אַ פריינט, אַז אַ געוויסע פאַבריק האָט אַנאָנסירט אין די צייטונגען, אַז זיי זוכן אַרבעטער. אין די אַנאָנסן ווערט אויך דערמאָנט, אַז זיי נעמען אָן אַרבעטער אָן דערפאַרונג.

מעקס (מאַקס) האָט מיט זיין פריינט גערעדט וועגן מיר און ער איז געווען גרייט מיר צו ברענגען אין דער פאַבריק, אויב איך בין אין דעם פאַראינטערעסירט.

דאַן האָב איך ווי כמעט אויסגעשריען:

— אַוודאי בין איך פאַראינטערעסירט! — און מיר האָבן אָפּגעמאַכט וועגן און ווו מיר זאָלן זיך באַגעגענען מיט זיין פריינט.

קאַפּיטל 31

מיין ערשטע אַרבעט אין פאַבריק

און טאַקע אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך אין מעקס הויז באַגעגנט מיט זיין פריינט און מיר זענען ביידע אַוועק אין פאַבריק. אויפן וועג, פאָרנדיק אין טראַמוויי, האָב איך אַ פרעג געטון דעם יונגערמאַן, נחום גאָרדאָן, צי דאָס וואָס איך בין ערשט אַ פּאָר וואָכן דאָ אין לאַנד און פאַרשטיי נישט די שפּראַך וועט זיין אַ שטערונג פאַר מיר ביי דער אַרבעט? זיין ענטפער איז געווען אַז דאָס וועט נישט זיין קיין שטערונג, מחמת ער ווייסט פון איינעם אַ באַקאַנטן, וואָס איז אויך ערשט אייניקע וואָכן אין לאַנד און ער האָט פונדעסטוועגן געקראָגן אַרבעט אין דער זעלבער פאַבריק.

מיר זענען אַראָפּ פון טראַמוויי, אָפּגעגאַנגען אַ קורץ שטיקל וועג ביז צו דער געביידע פון דער פאַבריק.

דאָס איז געווען אַ פּריוואַטע, אַרום עלף אַזייגער אינדערפרי. מיר זענען אַריין אין דער געביידע, אין אַ מין גרויסן פאָדער־צימער. גאָרדאָן האָט מיר געהייסן וואַרטן און ער איז אַריין ערגעץ אין אַן אַנדער טיר. ער איז באַלד צוריק אַרויס און מיך גערופן צו גיין מיט אים. ער האָט מיך צו־געפירט צו אַ טיש, ווו ס׳איז געזעסן אַ מיטל־יאָריקער מאַן, אַן אַ רעקל, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל פון דעם העמד און אַ בלייער אָדער אַ פּען האָט געשטעקט אונטער זיין אויער. ער האָט אויסגעשטרעקט צו מיר זיין האַנט און געזאָגט:

— העלאָו! — וואָס איך האָב שוין געוווּסט, אַז דאָס מיינט אַ מין שלום־עליכם.

ער האָט מיר און גאָרדאָנען אָנגעוויזן צוויי בענקלעך לעבן זיין טיש און געבעטן זיצן. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טיש־שופלאָד אַ פּאַפּיר, געטון אַ נעם די פּען פון אונטערן אויער און... נחום זאָגט צו מיר — ער וויל וויסן אייער נאָמען.

געזאָגט מיין נאָמען און נחום איז שוין ווידער געווען דער איבער־זעצער פונעם געשפּרעך: — ווי אַלט זענט איר? — איין און צוואַנציק. אייער אַדרעס? — געגעבן דעם אַדרעס. זענט איר געזונט? — יאָ. ווען געווען ערנסט קראַנק? — ווי ווייט איך געדענק, ניין. ווען געווען אויף עפּעס אָפּערירט? — ניין.

נחום און דער מאַן האָבן זיך, נאָך עטלעכע מינוט דורכגערעדט און נחום האָט געזאָגט צו מיר, אַז מיסטער — און זאָגט מיר דעם מאַנס נאָמען, וואָס איך געדענק שוין איצטער נישט — זאָגט, אַז איר קאָנט קומען מאָנטיק, 7.30 אינדערפרי, צו דער אַרבעט. איך האָב אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אַלס דאַנק און מיר זענען אַרויס פון דער פאַבריק. איך האָב באַמערקט נחומען, אַז דער מאַן, וואָס האָט זיך מיט אונדז פאַרנומען קוקט מיר אויס צו זיין אַ פיינער מענטש.

— גאָר־גאָר אַ פיינער — ענטפערט נחום — דער אמת איז, אַז ער האָט געהאַט אַ שטיקל ישוב — צי זאָל ער אייך אָנשטעלן, צי נישט, מחמת איר קוקט אויס פיזיש זייער איידל, דאַר און קורץ. דערפאַר האָט ער אייך אויסגעפרעגט צי איר זענט געזונט, צי געהאַט אַן אָפּעראַציע, אא״וו. איך האָב אים באַמערקט, אַז וואָס קאָן מען דאָ איינשטעלן. אויב

איר וועט נישט קאָנען פיזיש נאָכקומען וואָס די אַרבעט פאָדערט, וועט מען דעמאָלט זען.

איך האָב נחומען האַרציק באַדאַנקט פאַר זיין אינטערעס, טרחה און צייט. און ווען איך האָב אים אַ פרעג געטון צי ווייסט ער אין וואָס די אַרבעט אין דער פאַבריק באַשטייט, האָט ער געענטפערט אַז ניין, נישט גענוי. ער האָט יאָ געהערט עפּעס וועגן דעם וואָס די דאָזיקע פאַבריק פּראָדוצירט, „אָבער ס'איז אַ ביסל צו קאָמפּליצירט פאַר מיר אייך עס צו דערקלערן. איר וועט שוין מסתמא אינגיכן אַליין עס אויסגעפינען".

מיר האָבן זיך געזעגנט. ער איז אַריין אין אַ טראַמוויי און איך האָב גענומען אַ לאַנגן שפּאַציר אַהיים.

דעם זעלביקן פרייטיק אָוונט זענען געקומען די קרעמערס. פאַרשטייט זיך, אַז דער געשפּרעך האָט זיך געדרייט אַרום דער נייעס פון מיין ערשטן „דזשאָב" אין אַמעריקע.

איך אַליין בין די גאַנצע ענדע וואָך אַרומגעגאַנגען אומגעדולדיק, שפּאַנענד, און מיט דערוואַרטונג.

אין פאַרלויף פון די שמועסן פרייטיק אָוונט האָב איך געפרעגט מעקסן, צי ווייסט ער עפּעס וועגן דער פאַבריק און וואָס דאָרטן ווערט געמאַכט. זיין ענטפער איז געווען, אַז ער ווייסט גאָרנישט וועגן דעם. ער האָט פּרובירט אויסצוגעפינען, אָבער עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן.

ענדלעך איז געקומען מאָנטיק פרי. ווען איך בין אויפגעשטאַנען איז שוין דער פעטער און די מומע אויך געווען וואַך. מיר האָבן אַלע געגעסן פרישטיק. די מומע האָט מיר מיטגעגעבן אַ פּעקעלע מיט עסן אויף מיטאָג און איך בין אַוועק צום טראַמוויי וואָס פירט אויפן וועג צו דער פאַבריק.

איך האָב אין פאָדער־צימער פון דער געביידע געטראָפן נאָך עטלעכע, ווייזט אויס, נייע אַרבעטער. אין אייניקע מינוטן אַרום איז אַרויסגעקומען אַ מאַן און האָט אָנגעהויבן אויסצורופן לויט די נעמען און אויך מיין נאָמען, און מיר אַלע זענען אַריין אין אַ קאַלאָסאַלן גרויסן זאַל, וואָס אין אים וואָלטן זיך געקאָנט אויסזעצן אַ פיר־פינף הונדערט מענטשן. איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דעם דאָזיקן גרויסן צימער זענען אויסגעשטעלט געווען טישן און מענטשן לעבן די טישן האָבן עפּעס געטון — וואָס האָב איך נישט געזען. איינער אַ מאַן איז צוגעגאַנגען און אָנגעהויבן ריידן צו מיר, גערעדט און גערעדט און פּלוצעם טוט ער מיר אַ פרעג:

— פאַרשטייען זי? — איך שוויַג און ווער אַ ביסל צעטומלט.

און דער מאַן איז אַוועק. אין אייניקע מינוטן אַרום איז צוגעקומען צו מיר אַ הויכער, ברייטבייניקער, געזונטער חברהמאַן, אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו מיר און אַ זאָג געטון אויף יידיש:

— קום, איך וועל דיר ווייזן, וואָס צו טון. ווי רופט מען דיך? — איך האָב אים געזאָגט.

— מיך — זאָגט ער — רופט מען הירשל. אויב דו וועסט וועלן עפּעס פרעגן, עפּעס אויסצוגעפינען, עפּעס נישט פאַרשטאַנען, ווענדע זיך צו מיר. איך מיין, אַז ס'וועט דיר נישט זיין צו שווער דאָ די אַרבעט, מחמת דער עיקר דאָ פאָדערט זיך מער כוח ווי שכל. איך האָב שפּעטער אויסגעפונען וויפל אמת ס'איז געווען אין זיין זאָגן וועגן שכל און כוח דאָ אין דער פאַבריק.

איך וועל אַפילו נישט מאַכן קיין פאַרזוך איצט, ווען איך פאַרשרייב מיינע זכרונות פון יענער צייט צו פאַרצייכענען פון וואָס מיין אַרבעט איז דאָרטן באַשטאַנען, און וואָס פאַר אַ פאַרטיקע סחורה די פאַבריק האָט דאָרט אויסגעאַרבעט, פשוט דערפאַר וואָס איך האָב דעמאָלט נישט געוווּסט, און ווייס נישט עד היום. אין די אַלע לאַנגע יאָרן זינט יענער צייט בין איך קיינמאָל נישט געקומען איבער עפּעס אַ זאַך, עפּעס אַ מין וואָס זאָל אין זיך טראָגן כאָטש אַ רמז, אַ סימן פון מיין אַרבעט דאָרט אין יענער פאַבריק. וואָס איך געדענק יאָ, און וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, איז די פיזישע שווערע אַרבעט פון צען שעה אַ טאָג, מיט אַ האַלבער שעה פאַר אָפּכאַפּן דעם אָטעם און עפּעס אָפּעסן. איך געדענק אויך ווי איך האָב אויסגעקוקט אין דער פאַבריק ווי אַ ליליפּוטל, אַ קאַרליקל, אין פאַרגלייך מיט די אַלע הויכע זעקס-פוסיקע און העכער, ברייט-ביינערדיקע אונגאַרן, פּאַליאַקן, דייטשן, רוסן און אַנדערע, — ס'איז געווען שווער, גאָר, גאָר, שווער — איך בין פונדעסטוועגן געווען צופרידן ווען נאָך דער ערשטער וואָך אַרבעט בין איך געקומען אַהיים שבת פאַרנאַכט מיט ניין דאָלאַר אין אַ קאָנווערטל. איך האָב דערלאַנגט דער מומען פינף דאָלאַר, און איך האָב דערפילט אַ מין שטאָלצקייט מיט מיינע ערשטע פאַרדינסטן אין אַמעריקע.

קאַפּיטל 32

מיין קרענק פון דער שווערער אַרבעט

איך האָב פאַר דער צייט פון מיין אָנקומען קיין אַמעריקע צום פעטער שמיל נישט געשריבן, אַחוץ אַ פּאָר קאַרטלעך, ווען איך בין אַריבער די גרענעץ און ווען איך בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. איך האָב געוואָלט וואַרטן ביז איך וועל עפּעס האָבן ממשותדיקס צו שרייבן. האָב איך טאַקע אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צום פעטער שמיל. אים דערציילט פון די חבלי־לידה וואָס נייע עמיגראַנטן גייען דאָ דורך. איך האָב אים אויך דערציילט אַ ביסל פון קאָכיקן, פרייען, יידישן לעבן אין ניו־יאָרק. אויך פון מיין ערשטער וואָך אַרבעט און מיינע פאַרדינסטן אא"וו, אא"וו. איך האָב אין מיין בריוו צום פעטער פרובירט ווייזן, אַז אַלץ איז מיט מיר אַמבעסטן. און אַזוי האָב איך טאַקע געפילט, ביז אַ געוויסער מאָס, נאָך מיין ערשטן טאָג אַרבעט.

איך האָב שוין אַפילו אָנגעהויבן צו מאַכן פאַרשיידענע פּלענער. קודם־כל האָב איך געהערט, אַז דאָ אין שטאָט געפינען זיך פרייע אָוונט־קלאַסן פאַר ניי־אָנגעקומענע צו לערנען ענגליש. איך האָב אויך געטראַכט אַז לויט מיינע פאַרדינסטן, זאָל איך אין עטלעכע וואָכן אַרום זיין בכוח זיך אָנטון אין אַמעריקאַנער הלבשה און מען זאָל אויפהערן „וואַרפן אויגן" אויף מיר פון אַלע זייטן. איך האָב אויך געטראַכט, אַז אַזוי ווי האַרטפאָרד איז אַזוי נאָענט צו ניו־יאָרק, זאָל איך כאָטש איין מאָל אין אַ חודש אַ פאָר טון קיין ניו־יאָרק, זיך זען מיט לייבלען און זיך אַריינכאַפּן אין יידישן טעאַטער. און מיין פאַנטאַזיע האָט זיך ביי דעם נישט אָפּגעשטעלט; ווי איך האָב געהערט קאָן מען זיך דאָ אין די אָוונטן פאַרשרייבן אויף פרייע קורסן צו שטודירן פאַרשיידענע פּראָפעסיעס. טראַכט איך — פאַר־וואָס זאָל איך עס נישט קענען באַווייזן, אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט?

איך געדענק אַז דאַרטן, אין יענעם לאַנד, פון וואַנען איך בין ערשט געקומען, האָט אַ יידישער מענטש, אַפילו שוין אַן אויסגעשטודירטער אויף עפּעס געהאַט געברענטע צרות ביז מען האָט אים צוגעלאָזט צו עפּעס מיט זיין שטיקל דיפּלאָם. אָבער דאָ? אין אַזאַ פריי לאַנד — וואָרום נישט אויסנוצן די פרייהייט? און מאַלע וואָס נאָך איך האָב אין אַ שבת־נאַכט געטראַכט, ליגנדיק אויף מיין בעטל.

און אַזוי בין איך אָנגעגאַנגען מיט דער שווערער אַרבעט אין דער

פּאַבריק — וואָך נאָך וואָך, חודש נאָך חודש — ביז איך האָב דערפילט, אַז איך בין נישט דער זעלבער וואָס געווען, כ׳בין געוואָרן מוטלאָז, כמעט ווי געשלעפּט די פיס, פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן, געוואָרן נערוועז און מיט מיינע לעצטע כוחות זיך געשלעפּט צו דער פאַבריק.

די ערשטע צוויי־דריי וואָכן האָב איך נאָך באַזוכט אין די אָוונטן די ענגליש־קלאַסן פאַר די ניי־געקומענע. איך האָב זיי אָבער געמוזט אויפ־געבן, ווייל איך פלעג קומען פון דער אַרבעט אויסגעמאַטערט, דערשעפּט. איך פלעג אָפט אַנידערפאַלן אויפן בעטל אָן אומגעגעסענער. איך האָב אָנגעהויבן צו דערפילן, אַז אַלע מיינע ליכטיקע פּלענער, וואָס איך האָב געחלומט ווערן פאַרטונקלט, אויסגערונען. און אַז איך וועל סוף־כל־סוף מוזן די דאָזיקע שווערע אַרבעט אויפגעבן.

דער יידישער בחור אין פאַבריק איז געווען גערעכט, אַז ביי דער אַרבעט דאָרט האָט זיך געפאָדערט מער כוח ווי שכל. און איך האָב דער־פילט, אַז איך קאָן זיך שוין אויף מיינע כוחות נישט פאַרלאָזן און די פּראָבלעמען פון מה נאכל, תכלית, וואָס ווייטער, האָבן ווידער אָנגעהויבן צו בריען אין מיין מוח.

די מומע און דער פעטער האָבן געזען מיין לאַגע און זיי זענען באַ־שטאַנען און כמעט גוזר געווען, אַז איך זאָל שוין, תיכף, גלייך, היינט, אויפגעבן די אַרבעט. די מומע האָט געטענהט: „רו זיך אָפּ עטלעכע וואָכן, קום צו זיך, דער הימל איז נישט ביי דער ערד, וואָס איז, דו מוזסט שפּייזן דיין ווייב און קינדער? דער עיקר איצט — קריג צוריק דיינע כוחות״.

און איך האָב באַלד געפאָלגט און כ׳בין צוריק צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען.

דער פעטער ראובן האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאָגן, אַז מיט דער שניט־סחורה אין מאַרק ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. לעצטנס טראַגט עס קוים צו דעקן זיין דירה־געלט און ער טראַכט אויך זייער ערנסט פון זוכן עפּעס אַנדערש. וואָס, ווען, ווו, ווייסט ער אַליין נישט.

דערווייל האָב איך באַקומען אַ בריוו פון פעטער שמיל און אַחוץ אַנדערע זאַכן, שרייבט ער מיר, אַז ער האָט געקראָגן אַ בריוו פון זיין פריינט משה טעסלער פון אַמעריקע, פון דער שטאָט אַטלאַנטאַ. און ער שרייבט, אַז ער פילט זיך זייער גליקלעך וואָס ער האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד און ס׳האָט אים אָפּגעגליקט, וואָס ער איז נישט פאַרבליבן אין און אַרום ניו־יאָרק. און דאָ, ווו ער איז איצט, זענען פאַראַן פיל, פיל מער גע־לעגנהייטן פאַר נייע עמיגראַנטן.

איך האָב געוויזן דעם פעטער ראובן דעם פעטער שמילס בריוו און אַזוי ווי דער פעטער ראובן טראַכט אויך וועגן נייע פּלענער, האָב איך באַמערקט דעם פעטער ראובן, אַז אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן מיר זאָלן ביידע אַ פאָר טון קיין ניו־יאָרק און זיך ווענדן צו דער אָרגאַניזאַציע „היאַס", זיך מיט זיי דורכשמועסן. זיי ווייסן דאָך מער ווי מיר וועגן די אַנדערע שטעט איבערן לאַנד. איך האָב אויך געזאָגט דעם פעטער ראובן, אַז איידער איך האָב פאַרלאָזט ניו־יאָרק, כדי צו פאָרן קיין האַרטפאָרד האָט מיר מיין טערנױוקער פריינט, אייזיק יאַנאָווסקי, אויך אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן דעם „היאַס", וואָס פיל עמיגראַנטן ווענדן זיך צו זיי נאָך עצות און זיי זענען זייער גערן צו העלפן די עמיגראַנטן מיט וואָס נאָר זיי קאָנען. זיי העלפן אַרויס אַפילו מיט באַן־הוצאות די, וואָס פּלאַנעווען צו פאָרן אין אַנדערע ווייטע שטעט אין אַמעריקע. דער פעטער ראובן האָט זיך זייער ערנסט צוגעהערט צו דעם און גלייך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פּראַקטישער געדאַנק און עס שטייט אונדז פאָר פיל צו געווינען און זייער ווינציק צו פאַרלירן.

און מיר האָבן אָפּגעמאַכט — דעם קומענדיקן זונטיק צו פאָרן קיין ניו־יאָרק, צו דער אָרגאַניזאַציע „היאַס".

קאַפּיטל 33

צום „היאַס" אין ניו־יאָרק

צוגעפאָרן זענען מיר אין ניו־יאָרק צו מיין פריינט יאָסל. דער, וואָס האָט מיר באַגעגנט ביי דער שיף. יאָסל און זיין פרוי שרה האָבן זיך מיט מיר דערפרייט, מיך גוטמוטיק אויסגעזידלט פאַר וואָס איך האָב צו זיי נישט געשריבן, אָבער באַטראַכטנדיק מיך אַ ביסל מער האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז ס'האָט זיך מיר נישט געשריבן. שרה האָט טאַקע אַ זאָג געטון:

—ווו זענען אַהינגעקומען אייערע רויטע באַקן?

איך האָב זיי, פאַרשטייט זיך, באַקאַנט מיטן פעטער און איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז ס'איז נישט דעם פעטערס און דער מומעס שולד וואָס מיינע באַקן האָבן אָנגעווירן זייער אַמאָליקן קאָליר.

שרה האָט אונדז דערוויַיל פאַרבעטן צו זיצן ביים טיש אויף אַ גלעזל טיי. און זיצנדיק ביים טיש האָבן מיר יאָסלען דערציילט פון אַלע אונדזערע

פרנסות און אַרבעט אין האַרטפאָרד און אונדזער מיסיע איצט אין ניו־יאָרק. יאָסל איז געווען איינשטימיק מיט אונדזערע פּלענער און צוגעגעבן, אַז זיין איינציקער ווונטש און האָפענונג איז, ער זאָל זיך אויך אַמאָל אַרויסרייסן פונעם ניו־יאָרקער מענטשן־ים. ער האָט אונדז אויך געזאָגט, אַז ס'איז אים זייער גוט באַקאַנט די אָרגאַניזאַציע „היאַס" און זייער „רעמוויל אָפיס". ער האָט אונדז אויך אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זיי וועלן אונדז זיכער פרעגן אויף אַ ניו־יאָרקער אַדרעס — אויב יאָ, קאָנט איר זיי אָנגעבן אונדזער אַדרעס.

מיר האָבן אים האַרציק באַדאַנקט און זיך אָנועקגעלאָזט צום „היאַס".

אַריינקומענדיק אין אַ גרויסער געביידע (איך געדענק שוין נישט די גאַס, ווו די „היאַס"־געביידע האָט זיך געפונען), זענען מיר אַרויף אויפן צווייטן שטאָק, ווו דער „היאַס" האָט אָנגעפירט מיט זיין טעטיקייט. ביים סאַמע אַריינגאַנג איז געזעסן, לעבן אַ טיש, אַ מיטליאָריקע פרוי. אויפן טיש איז געווען אָנגעלייגט ביכער, פּאַפּירן, שרייבגעצייג. זי האָט אונדז אין אַ פריינטלעכן טאָן און אין אַ ריינעם יידיש געפרעגט:

— מיט וואָס קאָנען מיר אייך דינען?

מיר האָבן איר אין קורצן דערקלערט דעם זין פון אונדזער קומען אַהער מכוח אינפאָרמאַציע וועגן געוויסע שטעט אָדער שטאָט אויסער ניו־יאָרק אין אַמעריקע, אין וועלכע מיר פּלאַנעווען צו פאָרן. זי האָט פאַרשריבן אונדזערע נעמען, אונדזער אַדרעס אין האַרטפאָרד, אויך יאָסלס אַדרעס אין ניו־יאָרק, אונדז געבעטן זיצן און זי איז אַריין מיט די פּאַפּירן אין אַ צווייטן צימער. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און זי איז צוריק אַרויסגעקומען און אונדז גערופן צו גיין מיט איר; אונדז צוגעפירט צו אַ מאַן, וואָס איז געזעסן ביי אַ טיש, פאָרגעשטעלט אונדז, אויך ער האָט געזאָגט זיין נאָמען. דער מאַן האָט אונדז אָפּגעגעבן שלום־עליכם, טאָקע מיט די ווערטער:

— שלום־עליכם, יידן, זעצט זיך!

אויסהערנדיק זייער ערנסט און אויפמערקזאַם אונדזערע פּראָבלעמען און צוליב וואָס זענען מיר אַהער געקומען, האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן אַזוי:

— אונדזער אויפגאַבע איז צעשפּרייטן די יידישע מאַסן־עמיגראַציע איבער גאַנץ אַמעריקע, כדי די עמיגראַציע זאָל זיך נישט קאָנצענטרירן אין איין געגנט, אין איין ראַיאָן, וואָס איז נישט גוט, נישט פּראַקטיש פאַר די עמיגראַנטן אַליין, מחמת מיט דעם פאַראורזאַכן זיי אַ לאַגע פון

ביליקע אַרבעט, סוועט־שאָפּ און אַנדערע איבלען. איז עס פּאַר די עמיג־ראַנטן אַליין בעסער און גרינגער זיך צו באַזעצן אויף דער פּראָווינץ פון אַמעריקע און „ס׳איז נישט קיין אונטערשייד אין וואָסער שטאָט איר זאָלט קומען אויב איר האָט אַן אַדרעס פון אַ פריינט, אַ קרוב, אַ באַקאַנטן — ווי איר זאָגט אין דער שטאָט אַטלאַנטאַ — וואָלט איך אייך געראָטן צו קומען בעסער אַהין, ס׳איז גרינגער ווי אין אַ שטאָט ווו איר האָט קיינעם נישט״.

ער האָט אונדז אויך געלאָזט וויסן, אַז זייער אָרגאַניזאַציע און דער „רעמוווּל אָפיס״ איז כסדר גרייט אַרויסצוהעלפן די אַלע עמיגראַנטן וואָס ווענדן זיך און מיט אַלץ וואָס זיי קאָנען נאָר, אַפילו מיט באַן־הוצאות, באַזאָרגן זיי די עמיגראַנטן.

אונדזער שמועס מיט דעם מאַן פון „היאַס״ איז געווען זייער אַן אָנגענעמער און פריינטלעכער. מיר האָבן דערפילט, אַז ער איז זייער אײַ־בערגענומען מיט אונדזער לאַגע און אויך מיטן געזעלשאַפטלעכן כאַראַק־טער פון ענין, אין וואָס די אָרגאַניזאַציע „היאַס״ איז זייער פאַראינטע־רעסירט. און צום סוף האָט ער אונדז געלאָזט וויסן, אַז ווען מיר וועלן באַשליסן צו פאָרן זאָלן מיר זיי לאָזן וויסן מיט אַ פּאָר טעג פאָרויס און זיי וועלן שיקן זייערן אַ מענטש אויף אונדזער ניו־יאָרקער אַדרעס מיט באַן־בילעטן פון ניו־יאָרק קיין אַטלאַנטאַ.

מיר האָבן אים האַרציק באַדאַנקט און געזאָגט, אַז ער וועט אינגיכן הערן פון אונדז און מיר האָבן פאַרלאָזט דעם אָפיס.

מיר זענען אָפּגעגאַנגען פון דאָרט אַ שטיק וועג שווייגנדיק. איך האָב נאָכן אַנאַליזירן די דערקלערונגען און אינפאָרמאַציע פון אַן ערנסטן מענטש, ביי זיך באַשלאָסן — איך פאָר קיין אַטלאַנטאַ!

און טאַקע אין דער זעלבער מינוט טוט דער פעטער ראובן אַ זאָג:

— נו, דוד, לויט מיין מיינונג האָבן מיר דאָ גאָרנישט צו פאַרלירן און דער פּלאַן פון אַוועק ווייט פון די מאַסן־עמיגראַציע מקומות געפעלט מיר און ער לייגט זיך אויפן שכל. איז וואָס דענקסטו?

— איך האָב דאָס זעלבע נאָך פריער באַשלאָסן — ענטפער איך.

פאָרנדיק צוריק פון ניו־יאָרק אַהיים, קיין האַרטפאָרד, איז דער שמועס צווישן מיר און פעטער ראובן, פאַרשטייט זיך, געווען וועגן אונדזער רייזע קיין אַטלאַנטאַ. איך האָב באַמערקט דעם פעטער, אַז אַזוי ווי מיר פאָרן קיין אַטלאַנטאַ אויפן אַדרעס פון משה טעסלער, וואָלט געווען פּראַקטיש, אַז מיר זאָלן זיך ביי אים פריער אָנפרעגן דורך אַ בריוו, וועגן אונדזער

קומען. דער פעטער האָט דערצו צוגעשטימט און איבערגעלאָזט פאַר מיר דאָס שרייבן. און דאָס האָב איך טאַקע געטון דעם זעלבן טאָג, קומענדיק אַהיים.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַן ענטפער פון משה טעסלער פון אַטלאַנטאַ, אין וועלכן ער דערמוטיקט אונדז צו קומען און ווינטשט אונדז הצלחה.

מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע מיר האָבן קודם־כל באַדאַרפט באַשליסן צי נעמען מיר אַן די הילף פון „היאַס". און אַזוי ווי אונדזערע קאַסעס זענען, כמעט, געווען ווי אויסגעליידיקט, וועלן מיר אָננעמען די הילף, האָפנדיק מיט דער צייט זיי צוריק אָפּצושיקן.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען מיר, איך, דער פעטער ראובן, די מומע סאָניע געקומען קיין ניו־יאָרק, געמאָלדן דעם „היאַס", אַז מיר זענען גרייט צו דער רייזע.

און אויפן צווייטן טאָג איז געקומען צו אונדז אויף יאָסלס אַדרעס אַ מאַן פון „היאַס", גענומען אונדז צום וואָקזאַל צו דער צייט ווען די באַן גייט אָפּ קיין אַטלאַנטאַ און געגעבן אונדז דריי בילעטן פון ניו־יאָרק ביז אַטלאַנטאַ.

דאָס איז געווען אַרום מיטן חודש יולי. אינעם יאָר 1906 האָב איך געשטעלט מיינע ערשטע טריט אינעם שטאַט דזשאָרדזשאַ, אין דער שטאָט אַטלאַנטאַ, אין וועלכער איך בין אָפּגעווען ביז איצט, ווען איך שרייב די שורות אינעם יאָר 1972 — אַן ערך זעקס און זעכציק יאָר.

און וואָס איך האָב אין זיי דורכגעלעבט וועל איך פאַרצייכענען ווייטער אין מיינע זכרונות.

שטאט נומער דריי -
אטלאנטא

קאַפּיטל 34

מיינע ,,גרינע'' יאָרן אין דער סאַוט (דרום)

אָנגעקומען קיין אַטלאַנטאַ זענען מיר, ד. ה. איך, דער פעטער ראובן און די מומע סאָניע נאָך עטלעכע און צוואַנציק שעה שלעפּן זיך מיט דער באַן פון ניו־יאָרק — אַרום צען אַ זייגער אינדערפרי. דער פעטער און די מומע האָבן פאַרגעשלאָגן, אַז אַזוי ווי אונדזער אַדרעסאַט, מר. טעסלער, איז נאָר מיינער אַ פריינט און באַקאַנטער און זיי קענען אים אַפילו נישט, און אַזוי ווי איך בין געווען דער וואָס איך האָב צו אים געשריבן, זאָל איך דערווייל אַליין צוגיין צו אים, און זיי וועלן צוקומען שפּעטער. איך האָב גלייך צוגעשטימט, מחמת איך אַליין האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז ווען מיר קומען אַלע דריי צוזאַמען וואָלט איך, ערשטנס, עובר געווען אויף דער עטיק פון „אין אורח מכניס אורח", צווייטנס, וואָלט דער פעטער און די מומע זיך געפילט אין דער בחינה פונעם „יידנס אַ ייד". זענען מיר געווען מסכים אויף דעם פּלאַן און איך בין אַוועק אַליין אויף מר. טעסלערס אַדרעס.

אין אַ פופצן־צוואַנציק מינוט אַרום בין איך צוגעקומען צו זייער הויז, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ שטילער, ריינער גאַס. מר. טעסלער, זיין פרוי און צוויי קינדער זענען געזעסן אויף דער גרויסער ברייטער וועראַנדע פון הויז. מר. טעסלער האָט מיך גלייך דערקענט און אַ זאָג געטון צו זיין פרוי:

— אָ, אָט איז שמיל יאַמפּאָלסקיס פּלימיעניק דוד. קום אַרויף, קום אַריין!

נאָכן שלום־עליכם האָב איך זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיי אויף דער וועראַנדע. ס'איז געווען קיל און אָנגענעם. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין גלייך פאַרוואָרפן געוואָרן מיט פראַגן: ווי לאַנג בין איך שוין פון נעמיראָוו, וואָס הערט זיך ביים פעטער שמיל, וואָס האָב איך געטון אין האַרטפאָרד, און נאָך און נאָך אַזוי ווייטער. דערווייל האָט מיך מרס. טעסלער אַ פרעג געטון, צי האָב איך שוין עפּעס היינט געגעסן?

— יאָ — האָב איך געענטפערט — מיר האָבן געגעסן פרישטיק אויפן וואָקזאַל.

— מיר? ווער איז דער „מיר?" האָט זי געפרעגט.

האָב איך שוין דערציילט ווער און וואָס דער „מיר" זענען. און ווילנדיק

געפינען פאַר זיי, פאַרן פּעטער און דער מומען, אַ ביסל אַ „טירל" דאָ, האָב איך זיי דערציילט, אַז זיי גייען דערוויל אַרום זוכן אַ דירה, אַ וווינונג אויף דערוויל און זיי וועלן אפשר צוקומען אַהער שפּעטער.

— זיי האָבן אייער אַדרעס.

ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז זיי, ס'הייסט דער פּעטער און מומע זוכן אַ דירה איז מיין געוויסן געווען ריין. איך האָב נישט געזאָגט קיין ליגן, מחמת די מומע האָט טאַקע היינט, זיצנדיק אויפן וואָקזאַל, אַ זאָג געטון, אַז קודם־כל דאַרף מען האָבן ערגעצוווּ דעם קאָפּ אַנצושפּאַרן. ווען איך האָב דערמאָנט, אַז די מומע זוכט אַ דירה, האָט מרס. טעסלער אַ זאָג געטון:

— אוי, איך האָף, אַז זיי וועלן נאָך היינט קיין דירה נישט דינגען ערגעץ ווייט פון דאַנען, מחמת — זאָגט זי — אָט דאָ, אין אונדזער גאַס, ווייטער אַרויפצו, שטייען איניקע הייזער צום פאַרדינגען, אַ פּאָר פון זיי זענען אַפילו אויסגעמעבלירט. אויב זיי וועלן דאָ זיין שפּעטער און נאָך נישט האָבן געדונגען ערגעץ אַנדערש, קאָנען מיר צוגיין אַהינצו אַ קוק טון.

דערוויל האָב איך זיך געווענדט צו ר' משה טעסלער אַזוי:

— ר' משה — זאָג איך — איך האָב איך שוין געענטפערט אויף אַ סך פראַגן וועגן רוסלאַנד, נעמיראָוו, האַרטפאַרד. איצטער וואָלט איך אייך געוואָלט עפּעס פרעגן מכוח אַטלאַנטאַ, וואָס פאַר אַ מקום איז עס? איך מיין, די שטאָט אַליין, אויף וויפל איך האָב היינט שפּאַצירט, געפעלט זי מיר גראָד אויפן ערשטן בליק ווי אַ שיינע, ריינע, שטילע, רואיקע שטאָט. אָבער וואָס זענען דאָ פאַר אַ געלעגנהייטן צופרידן צו שטעלן דעם „מה נאכל"? וואָס קאָן מען דאָ טון, צו וואָס נעמט מען זיך? וואָס טוט איר אַליין? און דער עיקר טאַקע, וואָס קאָן איך דאָ טון?

און ר' משה ענטפערט אַזוי:

— איך אַליין טו נאָך דערוויל גאָרנישט. איך האַלט נאָך דערוויל אין זוכן. אָבער, פאַר דער קורצער צייט וואָס איך געפין זיך דאָ, האָב איך אויסגעפונען, אַז די מערהייט עמיגראַנטן וואָס קומען אַהער, לאָזן זיך אַרויס פּעדלען, מחמת אויף אַזוי פיל וויפל איך האָב געהערט, זענען דאָ פאַראַן זייער ווייניק פאַבריקן, ווו מ'קאָן קריגן אַרבעט, אַחוץ די „קאָטן־מילס", וואָס אַפילו, אַז מ'קריגט שוין דאָרט עפּעס, איז עס שקלאַפן־אַרבעט. צוועלף, פערצן שעה אַ טאָג און די פאַרדינסטן קלעקן אַפילו נישט „אויף וואַסער אויף קאַשע", אגב, — זאָגט מר. טעסלער — נעם מיך נישט אַלס אַן אויטאָריטעט. איך טאַפּ נאָך דאָ אַליין אין דער פינצטער. איך וויס נאָר, אַז מיינער אַן אייגענער איז שוין דאָ אַ פּאָר חדשים.

ער „פּעדלט” און מאַכט נישט שלעכט. איך קאָן דיר נאָר ראָטן, אַז זאָלסט אַריינגיין צום הורטאָוון קרעמער דאָ, וואָס פאַרקויפט סחורה צו די פּעד־לערס. דאָרטן וועסטו באַגעגענען פיל פון זיי. און סיי די פּעדלערס, ווי אויך דער באַלעבאָס פון קראָם וועט דיר געבן מער אינפאָרמאַציע מכוח דעם ענין „פּעדלען” ווי איך קאָן דיר געבן.

דערווייל איז אַריינגעקומען מרס. טעסלער און געלאָזט וויסן, אַז דער טיש איז געגרייט צום מיטאָג־עסן און מיך אויך איינגעלאַדן. און ווייסנדיק, אַז דער פעטער און די מומע ווערן באַלד אָנקומען אַהער, האָב איך אָנ־גענומען די איינלאַדונג. ביים טיש האָט מר. טעסלער דערציילט פון די געשעפטן, וואָס ער און דער פעטער שמיל פלעגן מאַכן מיט דער באַ־ווּסטער מאַנופאַקטור־פירמע פון שלום פּערלמוטער אין קישענעוו. און ווי גוט עס וואָלט געווען דאָס לעבן דאָרט ווען נישט די פּינצטערע צאַרישע מאַכט, וואָס פאַרפאָלגט און פאַרוואַנדלט דאָס יידישע לעבן אין אַ גיהנום און ווי שווער עס וועט אים נעמען זיך דאָ צו עטאַבלירן, פילט ער זיך גליקלעך וואָס ער האָט פאַרלאָזט דאָס פּאָגראָם־לאַנד, (אגב מר. טעסלער און זיין משפחה האָבן אַליין איבערגעלעבט דעם קישענעווער פּאָגראָם).

נאָכן עסן זענען מיר נאָך אַ מאָל אַרויס אויף דער ווערענדע און ווידער געשמועסט.

און אָט זענען אָנגעקומען די מומע סאָניע מיטן פעטער ראובן — זיך פאַרגעשטעלט, זיך באַקאַנט. מ׳האָט אַרויסגעטראָגן נאָך בענקלעך אויף דער ווערענדע און מר. טעסלער און דער פעטער ראובן האָבן זיך צע־רעדט וועגן געוויסע שטעט אין אוקראַינע, וואָס מר. טעסלער האָט גע־דענקט, אַז ער האָט דאָרטן באַגעגנט דעם פעטער ראובן. אָבער בעת זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט אינעם שמועס, האָט מרס. טעסלער איבער־געשלאָגן און אַ פרעג געטון דער מומען סאָניען, צי האָט זי שוין געדונגען אַ קוואַרטיר. און ווען די מומע סאָניע האָט געענטפערט, אַז ניין, דערווייל נאָך נישט, בין איך שוין אַריין אינמיטן און געזאָגט דער מומען, אַז מרס. טעסלער ווייסט פון אייניקע דירות צום פאַרדינגען, טאַקע דאָ, אויף דער גאַס, אַ ביסל וויטער אַרויף:

— און איך דענק, אַז ס׳וואָלט געווען פּראַקטיש טאַקע גלייך שוין צוגיין אַהין, אַ קוק טון.

מרס. טעסלער האָט באַמערקט, אַז זי וואָלט געווען צופרידן צו גיין מיט אונדז.

און אין איניקע מינוטן זענען מיר שוין געשטאַנען לעבן אַ צוויי־שטאָקיק הויז. אויפן אויבערשטן גאָרן האָט געוווינט דער באַלעבאָס, אַ מיטליאָריקער ייד מיט זיין פרוי און דער אונטערשטער גאָרן איז צום פאַרדינגען. דער מקח? — אויפן חודש צוועלף דאָלאַר, אויף דער וואָך — דריי פופציק. דער פעטער האָט געראָטן מיר זאָלן דינגען אויפן חודש. די פרויען — מרס. טעסלער און די מומע סאָניע זענען געווען צופרידן פונעם עסק; די מומע סאָניע פון דעם, וואָס מ׳האָט אַזוי גיך און גרינג געפונען אַ מעבלירטע דירה און ס׳איז שוין דאָ ווו „דעם קאָפּ אַנצושפּאַרן״ און מרס. טעסלער איז גאָר געווען צופרידן, וואָס זי האָט באַגעגנט אונדזערע יידישע מענטשן, וואָס זענען נישט קיין ליטוואַקעס, מחמת זינט זיי זענען דאָ האָבן זיי זיך באַקאַנט נאָר מיט ליטוואַקעס.

די מרס. טעסלער האָט פאַרבעטן די מומע סאָניע גיין מיט איר צוריק צו איר היים און איך מיטן פעטער ראובן זענען אַוועק צום וואָקזאַל נאָך אונדזערע פעקלעך באַגאַזש.

און מיר האָבן שוין גענעכטיקט אין אונדזער שטיקל היים — אין אַטלאַנטאַ.

קאַפּיטל 35

דער יידישער פּאָליסמאַן

דעם צווייטן פרימאָרגן בין איך צוגעגאַנגען צו מר. טעסלער נעמען דעם אַדרעס פונעם „פעדלער־סופּלאַי״־געשעפט, וואָס איך געדענק נאָך איצט, אַז עס איז געווען אויף 76 דעקייטער סטריט און געבנדיק מיר דעם אַדרעס האָט מר. טעסלער אַ זאָג געטון:

— אויב ס׳וועט דיר זיין שווער צו געפינען די גאַס, טו אַ פרעג אַ פּאָליסמאַן. זיי זענען דאָ זייער פריינטלעך, זיי זענען גערן צו העלפן.

און דאָ האָט מיט מיר פּאַסירט אַן עפּיזאָד, וואָס ווען איך דערמאָן זיך אין יענע יאָרן קאָן איך עס נישט פאַרגעסן:

אָפּגייענדיק איניקע גאַסן האָב איך געפילט, אַז לויט מר. טעסלערס אינפאָרמאַציע, איז די גאַס צו וועלכער איך גיי, נישט ווייט פון אונדז, און איך בלאָנדזשע. האָב איך טאַקע באַלד דערזען אַ פּאָליסמאַן און צו אים צוגעגאַנגען און אַ זאָג געטון:

— ווּ איז דעקייטער סטריט?

איך זע ווי דער פּאָליסמאַן טוט מיך אַ מעסט אָפּ פוּנעם קאָפּ ביז מיינע שיך און טוט מיך מיטאַמאָל אַ פרעג אין אַ ריינעם, שיינעם יידיש:

— צו וועמען דאַרפסטו דאָס אויף דעקייטער סטריט?

איך ווער ממש אַ געפּלעפּטער! איך גלויב נישט מיינע אויערן! ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אין דעם מאָמענט, אַז איך חלום פון עפּעס, אַז ס'קאָן נישט זיין... און איך שטיי און שוויג, און דער פּאָליסמאַן הויבט מיך אָן צו באַוואַרפן מיט פראַגן — אַלץ אין יידיש — ווען ביזסטו געקומען אַהער? ווּ וווינסטו? פונוואַנען קומסטו?. קום איך שוין אַ ביסל צו זיך און ענטפער: — ערשט נעכטן געקומען... וווין אויף 130 אַרמסטראָנג סטריט און איך קום פון האַרטפאָרד. זאָגט ער צו מיר, אַז ער מיינט פון אַ וואָסער לאַנד קום איך. זאָג איך, אַז איך קום פון רוסלאַנד — אוקראַינע און פון דער שטאָט נעמיראָוו, נישט ווייט פון קיעוו. טוט ער מיך אַ פרעג:

— גאָוואָריש פּאָ רוסקי? (ס'הייסט „רעדסט רוסיש״?)

טו איך גלייך אָן ענטפער:

— שטאָ זאָ וואָפּראָס?! (ס'הייסט „וואָס פאַר אַ פראַגע?!״).

און ער צעשמייכלט זיך און זאָגט:

— דו ווילסט דאָך מסתמא גיין צו דער „פעדלער־סופּלאַי״־קראָם?

זאָג איך אים, אַז אַהין גיי איך.

— נו, — זאָגט ער — קום, איך וועל דיך צופירן אַהין.

גייענדיק מיט אים פיל איך נאָך, אַז איך בין אינגאַנצן פאַרטשאַדעט. עפּעס גלויבט זיך מיר נישט — אפשר אַ חלום אַזאַ — און איך נעם זיך אָן מיט כוח און זאָג צו אים:

— מעג איך איך פרעגן — און איידער איך וויל פרעגן טוט ער זיך אַ כאַפּ:

— איך ווייס, איך ווייס! דו חידושט זיך, ווי פיל אַנדערע, ווי קום איך, אַ ייד, צו זיין אַ פּאָליסמאַן אין דער סאָוט? וויל איך דיר עס מאַכן גאָר בקיצור — איך בין אַן אָדעסער. איך האָב געמוזט, צוליב געוויסע סיבות, וואָס איז נישט קיין צייט איצט צו ריידן וועגן דעם — אַנטלויפן פון אָדעס, אינמיטן דער נאַכט, אַ פאַרשטעלטער און זיך קוים דערשלאָגן קיין אַמעריקע. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין ניו־יאָרק עטלעכע וואָכן און נישט געקאָנט געפינען קיין אַרבעט און כמעט ווי אונטערגעהונגערט. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער שפּאַניש־אַמעריקאַנער מלחמה,

און אַנשטאָט צו וואַרטן ביז אַמעריקע וועט מיר נעמען פאַר אַ סאָלדאַט, האָב איך זיך אַליין אַנגעשלאָסן אין דער אַרמיי און דערפאַר בין איך אויך געווען צווישן די פּריווילעגירטע נאָך דער מלחמה, ווען די אַרמיי האָט צוריקגעשיקט די סאָלדאַטן אין די שטעט אין וועלכע זיי האָבן זיך אַנגעשלאָסן. און אַזוי ווי איך האָב קיין ניו־יאָרק נישט געוואָלט צוריק־קומען, האָב איך געבעטן מיך צו שיקן אין אַ צווייטער שטאָט. האָבן זיי מיר געגעבן פינף שטעט אין פאַרשיידענע געגנטן פון אַמעריקע אויס־צוקלייבן. מיר איז נישט געווען באַקאַנט קיין איינע פון די שטעט. און אַזוי ווי די שטאָט אַטלאַנטאַ איז געווען די ערשטע אויפן צעטל פון די פינף, האָב איך געטראַכט זאָל זיין אַטלאַנטאַ. די אַרמיי האָט מיך באַזאָרגט מיט אַ באַן־בילעט. איך האָב אויך געקראָגן אויסגעצאָלט עטלעכע הונדערט דאָלאַר אַרמיי־שכירות. אין מיינע דאָקומענטן איז געווען פאַרשריבן אַז איך בין הערלעך, פעיק, געזונט און אויך אַ ביטע צו אַן אַבי וועלכן פּאָליס־דעפּאַרטמענט פון אַ שטאָט, אַז אויב איך וועל זיך ווענדן נאָך אַרבעט אָדער הילף, אאַ"וו. זאָל מען מיר העלפן. האָב איך זיך טאַקע אַרומגעדרייט עטלעכע וואָכן און שיער נישט אויפגעגעסן מיינע לעצטע פּאָר דאָלאַר. איך האָב קיין אַרבעט נישט געקאָנט קריגן, מחמת דאָ זענען ווייניק פאַבריקן, אַחוץ „קאָטן־מילס", ווו די אַרבעט איז אַ שווערע און די שכירות זענען קלאָגעדיקע. אייניקע פון מיינע יידישע באַקאַנטע האָבן מיך געראָטן צו גיין פּעדלען, קלאַפּן אין טירן. אָבער דאָס איז מיר נישט געפעלן. האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין מיינע פּאַפּירן איז פאַרשריבן, אַז אין אַ נויט קאָן איך זיך ווענדן צו אַ פּאָליס־דעפּאַרטמענט, זיך מיט זיי באַראַטן און אפשר קאָנען זיי עפּעס טון פאַר מיר. און בקיצור, בין איך אַריין אַהין. זיי האָבן אַריינגעקוקט אין מיינע אַרמיי־דאָקומענטן. מיין פיזיגנאָמיע, ווי דו קוקסט מיך אָן, איז זיי גאָר געפעלן. האָבן זיי מיר פאַרגעשלאָגן, אויב איך וואָלט געוואָלט אָננעמען אַ שטעלע אַלס אַ פּאָ־ליסמאַן מיט אַ באַדינג, אַז איך מוז דריי מאָל אין אַ וואָך באַזוכן אַ „סקול" אין די אָוונטן — זעקס חדשים לערנען ענגליש ווי אויך דאָס פאַך פון פּאָליס־אַרבעט. איך האָב גלייך צוגעשטימט און אָט ווי דו זעסט בין איך שוין באַלד אַ יאָר אויף דער שטעלע. צי ס'איז מיר געפעלן און צי וועט עס פאַרבלייבן מיין קאַריערע — דאָס וועל איך זען שפּעטער... און אָט זענען מיר שוין לעבן דער קראָם, צו וועלכער דו גייסט.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ ברייטער, אָפענער טיר פון אַ גרויסער געביידע און אַ גאָר גרויסן סקלאַד, וואָס איז געווען פאַרוואַליעט מיט

כלערליי סחורות. דער פּאַליסמאַן — לאָמיר אים רופן לעווין — האָט אויף דער שוועל פון דער אָפענער טיר אַ געשריי געטון הויך, אויף אַ קול:

— העי, דזשעק!

אויף זיין רוף איז צוגעקומען אַ יונגערמאַן. דאָס איז טאַקע געווען אַ פלימיעניק פון באַלעבאָס פון קראָם, וואָס האָט דאָ, אין געשעפט, גע־אַרבעט. דער פּאַליסמאַן האָט געכאַפּט מיט אים אַ קורצן שמועס אין ענגליש, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען, און האָט זיך געווענדט צו מיר מיט אַ זאָג אין רוסיש:

— דאָ סווידאַניאַ, יעשטשאָ פּאָגאָווארים! (ס'הייסט — אויף ווידער־זען, מירן נאָך שמועסן).

און מיר האָבן טאַקע שפּעטער געשמועסט, ווי איך וועל עס שפּעטער דערמאָנען.

קאַפּיטל 36

מיינע ערשטע טעג אַלס פּעדלער

דזשעק איז צוגעקומען צו מיר, מיך באַגריסט מיט אַ שלום־עליכם, געשטעלט אייניקע פראַגן. ער האָט אַרויסגעוויזן צו מיר פריינטשאַפט און אינטערעס. איך האָב זיך ביי אים צעפרעגט מכוח דעם ענין פּעדלען, וואָס, ווער, ווי אַזוי, אין וואָס באַשטייט דער דערפאָלג אָדער אַ דורכפאַל אין פּעדלעריי.

— נישט וויכטיק — זאָגט ער — וועסט זיך אויסלערנען די תורה גיך און גרינג. וואָס איז דאָ צו וויסן? — זאָגט ער — מ'נעמט ס'פּעקל און מ'גייט קלאַפּן אין טירן.

— איך האָב אָבער אַ גאָר וויכטיקע פראַגע אייך צו פרעגן. איך זע דאָך, אַז אייער געשעפט באַזאָרגט די פּעדלערס מיט די סחורות, מיט וועלכע זיי פּעדלען. וואָלט איך וועלן וויסן, ווי אַזוי זענט איר זיך נוהג מיט אַ קונה, אַ פּעדלער, וואָס האָט קיין געלט נישט מיט וואָס צו קויפן די סחורה?

— יאָ — זאָגט דזשעק — דאָס איז טאַקע געווען ביי אונדז, צוריק מיט אַ שטיקל צייט, אַ גאַנץ וויכטיקע פראַגע און אַן ערנסט פּראָבלעם, מחמת מערסטנס פון די ניי־געקומענע קומען דאָך אָן געלט. האָבן מיר

וועגן דעם געטראַכט און זיך טאַקע דערטראַכט און אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, וואָס איך וועל דיר אים באַלד דערקלערן. פון פּלאַן איז צופרידן דער באַלעבאָס פון געשעפט און אויך דער קונה־פּעדלער און פאַרענטפערט די פראַגע וואָס דו האָסט איצט געשטעלט. אָט, לאָמיר נעמען דיר אַלס אַ ביישפּיל; דו ווילסט אַרויסגיין פּעדלען און האָסט נישט מיט וואָס צו קויפן סחורה. קאָנסטו קומען צו אונדז אין קראָם און מיר וועלן דיר קרעדיטירן, ס'הייסט, באָרגן סחורה פאַר אַ סומע ביז פופציק דאָלאַר מיט אַ באַדינג, אַז פיר מענטשן זאָלן פאַר דיר ערב זיין. די פיר דאַרפן זיין דריי קונים מיט אַ גוטן קרעדיט ביי אונדז און אויך דער באַלעבאָס פון געשעפט. דאָס הייסט, אַז אויב דו נעמסט אַ פּעקל סחורה און אַנט־לויפסט ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט האָבן אַלע פיר פאַרלוירן. אָבער איך קאָן דיר זאָגן, אַז אַזעלכעס האָט נאָך נישט פּאַסירט. וועסטו דאָך מסתמא פרעגן: ווי איז, אַז די דריי ווילן נישט ערב זיין, ווילן נישט אונטער־שרייבן, אַז זיי גאַראַנטירן זייער חלק? וועל איך דיר זאָגן, אַז די דריי, וואָס שרייבן אונטער האָבן פאַר זיי אַנדערע אויך אונטערגעשריבן. מיר פאַרמאָגן דאָ אַ גאַר היפּשע צאָל פּעדלער און דו וועסט צווישן זיי נישט געפינען אַפילו איינעם, וואָס עמעצער האָט פאַר אים נישט אונטערגעע־שריבן און ער האָט נישט אונטערגעשריבן פאַר אַ צווייטן. אַלע די פּעדלער, וואָס דו זעסט דאָ, זענען „געשריבענע״; מ'האָט געשריבן פאַר אים און ער האָט אויך געשריבן פאַר אַ צווייטן. קיין איינער פון זיי האָט זיך נישט אַנטזאָגט צו צאָלן זיין חוב... זיי זיכער — אין זעקס חדשים אַרום, איז דער טערמין, וואָס דער חוב דאַרף אָפּגעצאָלט ווערן — לאָמיר האָפן, אַז דו קאָנסט שוין דאַן זיין איינער פון די, וואָס דו וועסט ערב זיין פאַר אַ צווייטן. מכוח דעם, וואָס דו ווילסט וויסן אין וואָס באַשטייט דער דערפאָלג אָדער דורכפאַל פון פּעדלעריי, וועל איך דיר זאָגן, אַז עס ווענדט זיך אינגאַנצן אינעם טיפּ מענטש, וואָס נעמט זיך צו דעם. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע זענען דערפאָלגרייך און נישט אַלע פאַלן דורך. מיר האָבן געהאַט און האָבן נאָך איצט פאַלן פון די ניי־אַנגעקומענע, וואָס נאָכן פּרובירן אַ פּאָר וואָכן „קלאַפּן אין טירן״, האָבן אָפּגעבראַכט צו אונדז די סחורה צוריק, אַנטוישטע, אַנטמוטיקטע און האָבן זיך געכאַפּט צו אַנדערע פּרנסות, ווי פאַרריכטן אַלטע קליידער אָדער אויפקויפן אַלטע זאַכן, געעפנט קליינע שפּייז־קרעמלעך אין די שוואַרצע געגנטן, וכדומה. איך וויל דיר נאָר צום סוף זאָגן, אַז כאָטש איך אַליין בין קיין פּעדלער נישט געוואָרן, מחמת דער באַלעבאָס פון געשעפט (וואָס איז, אגב, אויך

געווען אַ פּעדלער און אַן אונטערגעשריבענער) האָט מיך גלייך, ווען איך בין אַהער אָנגעקומען אָנגעשטעלט. קאָן איך דיר אָבער זאָגן, אַז אַלס אַ באַאָבאַכטער פונעם פּעדלער־מסחר דאָ, אַז אין פּעדלעריי, ווי אין אַ סך אַנדערע ענינים, עקזיסטירט דער דורכשניט־געזעץ, דאָס הייסט, אַז דו ווערסט אָנפאַנגען קלאַפּן טירן, טיר־איין, טיר־אויס, טאָג־איין, טאָג־אויס — אַן דערפאָלג, ווערסטו אָבער סוף־כל־סוף אָנטרעפן אויף איינע אָדער צוויי, וואָס ס׳וועט זיך דיר באַצאָלן... נו, איך דענק, אַז איך האָב דיר דעם ענין אַ ביסל אויפגעקלערט און דו טו ווי דו פאַרשטייסט.

דער דאָזיקער יונגערמאַן, דזשעק, האָט געמאַכט אויף מיר אַ גוטן, סימפּאַטישן איינדרוק. איך האָב דערפילט, אַז ער איז ערנסט, אויפריכטיק און פאַראינטערעסירט מיר צו העלפן. האָב איך אים נישט אָפּגעלאָזט און געשטעלט נאָך פראַגן, איבערהויפּט האָב איך געוואָלט וויסן און ביי אים געפרעגט: — מוזן עס אַלע ניי־געקומענע עמיגראַנטן, וואָס קומען אַהער, זיך נעמען צו פּעדלעריי? זענען דאָ נישטאָ קיין פאַבריקן, וווּ מ׳קאָן קריגן אַרבעט? איך האָב געהערט — זאָג איך — אַז דאָ זענען פאַראַן קאָטן־מילס, וווּ מען קאָן דאָרטן שטענדיק קריגן אַרבעט. און צי ווייסט ער די באַדינגונגען פון די דאָזיקע פאַבריקן, וכדומה?

— קיין אַנדערע פאַבריקן — זאָגט ער — אַחוץ קאָטן־מילס פאַבריקן זענען נאָך דאָ דערווייל נישטאָ. און וואָס שייך די קאָטן־מילס וואָלט איך דיר ראַטן, אַז איידער דו נעמסט זיך צו פּעדלעריי גיי זיך דורך אין אַ געגנט, וווּ ס׳געפינען זיך די קאָטן־מילס און קוק זיך צו צום לעבן פון אַן אַרבעטער דאָר׳ט. דאָס וועט דיר געבן אַ באַגריף וואָס עס מיינט זיין אַן אַרבעטער אין אַ קאָטן־מיל. אגב — זאָגט דזשעק צו מיר — זיי מיר מוחל, וואָס איך וועל דיר דאָ זאָגן אַזוי אָפן, אָבער אויפריכטיק און צוליב דיין טובה אַליין: ווענדליק איך קוק דיך אָן, דיין פיזישן צושטאַנד, איז אַפילו ווען די קאָטן־מיל־שכירות זאָלן באַטרעפן צען מאָל אַזויפיל וויפל זיי צאָלן איצט — איצט צאָלן זיי איין דאָלאַר פאַר אַ צוועלף־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג — וואָלסטו דאָרטן, לויט דיין פיזישן געבוי, לאַנג נישט אויסגעהאַלטן. אַזאַ אַרבעט איז נישט פאַר דיר!

ער האָט די ווערטער „נישט פאַר דיר״ שטאַרק באַטאָנט. ס׳איז מיר אין דעם מאָמענט דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז ענדלעך איז מיר אַ ביסל געוואָרן קלאָר און פאַרשטענדלעך אָט דער „נישט פאַר דיר״, וועלכן איך האָב זיך אַזויפיל אָנגעהערט פאַר דער קורצער צייט זינט איך בין אין אַמעריקע. מיין טערניוּוקער פריינט, אייזיק יאַנאָווסקי, האָט מיר אויך

דערמאָנט מיין פיזישן אויסזען אָבער איך האָב אויף זיין באַמערקונג נישט רעאַגירט. אָבער איצט, נאָך דזשעקס באַטאָנען אַזוי שטאַרק מיין פיזישן אויסזען, איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז „דער נישט פאַר דיר" האָט באַטייט און געהאַט אַ שייכות צו מיין פיזישן, אויסערלעכן אויסזען, מחמת איך בין פון נאַטור אַ קורצלעכער און דאַרער. אויף אַן אַמעריקאַנער וואָג וועג איך אַן ערך 112—110 פונט. אָרגאַניש בין איך טאַקע אַ געזונטער מענטש, אָבער ווי זאָגט ערגעץ שלום־עליכםס אַ פסוק: „טויגן טויג ער יאָ, אָבער פאַר אַ סאָלדאַט טויג ער נישט". *) איך בין טאַקע געזונט, אָבער די אַרבעט אין אַ סוועט־שאַפּ און אין אַ קאָטן־מיל — איז נישט פאַר מיר.

איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט דעם גאָר פיינעם יונגערמאַן דזשעק, אים באַדאַנקט פאַר זיין אינטערעס צו מיר און אים אויך באַמערקט, אַז איך האָף זיך נאָך אַ מאָל מיט אים צו טרעפן און בין אַוועק צוריק אַהיים.

און גייענדיק און טראַכטנדיק פון די צוויי מענטשן וואָס איך האָב היינט באַגעגנט, דעם פּאָליסמאַן פון אַדעס און דעם יונגערמאַן דזשעק אין דער קראָם פון פעדלער־סופּלאַי, געדענק איך אַז איך האָב דערפילט אַ מין צופרידנקייט, אַ געוויסע גרינגקייט, מחמת קודם־כל, ווען איך האָב גע־טראַכט און גערעדט מכוח פעדלען איז מיר ס'ערשטע געקומען אין געדאַנק אַז דערצו מוז מען דאָך האָבן אַ ביסל געלט און איך בין דאָ אַ ווילד־פרעמדער. איך האָב דאָ קיינעם נישט און קיינער קען מיך נישט. איך אַליין פאַרמאָג גאָרנישט — נישט קיין געלט, נישט קיין פּראָפעסיע, נישט קיין פריינט וואָס קאָנען מיר העלפן. די מענטשן, וואָס איך קען יאָ זענען אַליין גרינע, עלנטע, בלאָנדזשענדיקע, פאַרלוירענע. האָט מיר טאַקע דער „מה נאכל"־געדאַנק שטאַרק דערקוטשעט. און דאָ האָב איך מיט אַ מאָל דערפילט, אַז ס'האָט זיך געעפנט פאַר מיר אַ טירעלע. ס'איז מיר געקומען אויפן געדאַנק וואָס איך פלעג אַמאָל הערן, אַז אַ ייד צווישן יידן ווערט נישט פאַרלוירן, און די געשיכטע פונעם ערב זיין איינער פאַרן צווייטן האָט מיך דערמאָנט אינעם מאמר: „ישראל ערבים זה לזה".

דאָ זע איך עס גראָד אויף אַן אַנדער שטייגער און ס'איז מיר געפעלן און ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז דאָס דאָזיקע ערב זיין, אונטערשרייבן, גוטשטיין, גוטזאָגן איינער פאַרן צווייטן איז געווען אַזוי פּאָפּולער און אַנטוויקלט און איז געוואָרן כמעט ווי אַן אינסטיטוציע אין אַטלאַנטאַ אויף לאַנגע יאָרן צווישן די נייע יידישע אָנגעקומענע עמיגראַנטן.

איך וועל דעם ענין ברייטער אויפקלערן שפּעטער.

*) אינעם מאַנאָלאָג: „דער פּריזיוו".

קאַפּיטל 37

די „קאַטן־מיל" (ביינוול־פאַבריק)

איך האָב געטראַכט און כמעט אַליין באַשלאָסן, אַז איך האָב זיך שוין געניטן אָנגעהערט — סיי אין ניו־יאָרק ווי אויך אין האַרטפּאָרד און איצט אויך דאָ, אין אַטלאַנטאַ, אַז אַזוי איז דער גורל פון אַ ניי־אָנגעקומענעם עמיגראַנט, אַ „גרינעם". און ס'איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג פאַר אַזעלכע עמיגראַנטן ווי איך. די לאַגע איז איבעראַל די זעלבע — אין ניו־יאָרק איז עס אָדער דער סוועט־שאַפּ אָדער פּעדלען און אין אַטלאַנטאַ איז עס אָדער די קאַטן־מיל אָדער פּעדלען. און אַזוי, מיין איך, איז אין אַלע אַנדערע שטעט אין אַמעריקע. און אויב אַפילו אין אַנדערע שטעט איז בעסער, גרינגער, איז עס דאָך שוין אויך פאַרפאַלן. איך בין דאָך שוין דאָ, אין אַטלאַנטאַ; אגב, ווי איך ווייס שוין, איז אַן עמיגראַנט הילפלאָז, אין זיינע „גרינע" יאָרן; ווו ער זאָל זיך נישט געפינען איז ער ווי אַ חולה, אַ קראַנקער — ווו מען לייגט אים איז שלעכט; הייסט עס, מען מוז זיך צופּאַסן צו דער לאַגע. אגב, הער איך דאָך און איך זע, און ווי דזשעק דערציילט מיר, האָבן דאָך מענטשן דערפאָלג אין זייער פּעדלען, קאָן איך דאָך אפשר אויך זיין איינער פון די דערפאָלגרייכע. און אויב נישט פּעדלען מיינט עס דאָך אַריינפאַלן אין אַ קאַטן־מיל פון שווערער אַרבעט, פון וועלכער איך בין אין האַרטפּאָרד קראַנק געוואָרן...

און אָט דער געדאַנק האָט מיך שטאַרק געשראָקן, און מיט די מחשבות בין איך צוגעקומען צו אונדזער הויז. איך האָב געטראָפן די מומע סאָניע און דעם פעטער ראובן זיצן אויף דער וועראַנדע. און ווי זיי האָבן מיר געזאָגט, האָבן זיי שוין אויסגעקוקט אויף מיין קומען צוריק. און וואָס האָב איך צו דערציילן? איך האָב זיי, פאַרשטייט זיך, איבערגעגעבן מיין דערפאַרונג מיט די צוויי מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך היינט באַקאַנט — פריער מיטן יידישן פּאָליסמאַן פון אָדעס און אויך דעם גאַנצן שמועס, וואָס איך האָב געהאַט מיטן יונגערמאַן, דזשעק, פונעם פּעדלער־סופּלאַי־געשעפט. צום סוף האָב איך זיי געזאָגט, אַז מיין באַשלוס איז זיך נעמען פּעדלען, מחמת — און נאָכן אַרויסרעדן דאָס וואָרט „מחמת"... בין איך אַנטשוויגן געוואָרן. און דער פעטער האָט אַ זאָג געטון:

— „מחמת" וואָס?

— מחמת לית ברירה — האָב איך פאַרענדיקט.

דעם זעלבן טאָג נאָך מיטאָג האָב איך געפרעגט דעם פעטער ראובן, צי וואָלט ער אַ בעלן געווען צו גיין אויף אַ שפּאַציר, אַ ביסל באַקוקן די אַטלאַנטער גאַסן און טאַקע פאַרבייגיין אַ קאַטן־מיל. דאָרטן, ווי דזשעק זאָגט, אַז יעדער איינער קאָן קריגן אַרבעט צו יעדער צייט. דער פעטער ראובן האָט צוגעשטימט און מיר זענען אַוועק. געשפּאַנט גאַס־איין, גאַס־אויס — שיינע, ריינע, שטילע גאַסן, אייניקע מיט בוימער פון ביידע זייטן גאַס. מיר זענען אויך אַריין אין אַ געגנט, ווו ס'האָט זיך אַ ביסל געטומלט, אַ באַוועגונג פון מענטשן אויף די טראָטואַרן, גרויסע געשעפטן, אַלערליי קראָמען, לאַסט־וועגענער, געשפּאַנט אין פערד, וואָס האָבן פאַראורזאַכט אַ טומל אויף די שטיינער־ברוקירטע גאַסן. אָט די געגנט, ווי מיר האָבן אויסגעפונען, רופט זיך דער „אַפּטאַון" און איז דאָס סאַמע האַרץ, דער מיטלפּונקט פון שטאָט, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן „פייף פּאָינטס" — פינף שפּיצן, אַ פּונקט, אין וועלכן ס'באַגעגענען זיך פינף גאַסן און אויך אַ פּונקט וואָס אין אים קומען אָן און גייען אָפּ אַלע טראַמווייען פון שטאָט.

פון דאַנען זענען מיר אַריין אין דער דעקייטער־סטריט, אין וועלכער ס'געפינט זיך די קראָם פונעם פעדלער־סופּלאַי. דאָרטן טאַקע האָבן מיר אַ פרעג געטון ביי אַ יידישן פאַרבייגייער, ווי ווייט עס איז און ווי גייט מען צו דער קאַטן־מיל. ער האָט אונדז אָנגעוויזן די ריכטונג וווהין צו גיין און אין אַ פופצן־צוואַנציק מינוט אַרום זענען מיר אַריין אין אַ געגנט און מיר האָבן פון דערווייטנס דערזען אַ הויכע געביידע. ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען די קאַטן־מיל. נאָך איידער מיר זענען צוגע־גאַנגען נאָענט האָבן מיר שוין דערהערט דעם טומל, דעם גערויש און די טראַסקעניש פון די מאַשינען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די אָפענע פענצטער פון דער געביידע.

מיר האָבן מיטאַמאָל זיך געפונען אין שמאָלע געסלעך — נישט ברוקירטע, אָן טראָטואַרן, אין וועלכע ס'האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות הייזקעלעך — שמאָלע, נידעריקע און אַזוי ווי צוגעטשעפּעטע איינס צום צווייטן. און ביי יעדעס שטיבעלע — צוויי, דריי טרעפּלעך צום אַריינגאַנג.

אַריינקוקנדיק אינעווייניק, אין דער אָפענער טיר, האָט מען געקאָנט זען ווי אין יעדער הייזקע האָט זיך געפונען אָן אייזערן בעטל, אַ פּאָר בענקלעך, אַ טישל און נאָך אייניקע קליינינקייטן. און דאָס זענען געווען די „פּאַלאַצן", וואָס זענען געווען דאָס אייגנטום פון די קאַטן־מיל באַ־לעבאַטים, אין וועלכע די קאַטן־מיל־אַרבעטער האָבן געוווינט און דאָס

דירה־געלט איז ביי זיי אַראָפּגערעכנט געוואָרן פון זייערע וואָכעדיקע שכירות.

מיר האָבן שפּעטער אויסגעפונען, אַז די באַלעבאַטים פון די קאָטן־מילן פאַרמאָגן אויך אַרום די קאָטן־מילן שפּייז־קראָמען, אין וועלכע די אַרבעטער קאָנען קויפן אויף באָרג און וואָס דאָס ווערט אויך אַראָפּגערעכנט פון זייערע שכירות. אַזוי, אַז נאָך די אַלע חשבונות בלייבט זיי כמעט גאָרנישט.

מיר האָבן אויך געזען ווי אַכט, צעניאָריקע קינדער האָבן אַרומגעבלאָנקעט שטיל, לעבנסלאָז אין די געסלעך. דאָס זענען געווען קינדער — אַרבעטער. (עס האָט נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט דער געזעצלעכער פאַרבאָט פון קינדער־אַרבעט).

מיר האָבן געזען מיידעלעך, וואָס זייערע קליידלעך זענען געהאָנגען אויף זיי ווי אויף סקעלעטלעך, מיט שטיקלעך קאָטן אויף זייערע בלאָנדע האָריקע קעפּלעך, מיט אַן אומעט און טרויעריקן אויסדרוק אויף זייערע מאָגערע פּנימלעך.

מיר האָבן געזען מענער און פרויען דרייען זיך אינמיטן געסל. אייניקע פון זיי — אינגאַנצן באָרוועס.

מיר זענען אַרומגעגאַנגען כמעט איבער אַלע געסלעך אַרום דער פאַבריק. מיר האָבן נישט באַגעגנט קיין איין מענטש מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, נישט געזען קיין קינדער־שפּיל און נישט געהערט קיין קינדער־געלעכטער — דאָס גאַנצע בילד האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מיר געפינען זיך אין אַ שקלאַפן־לאַגער...

מיר זענען אַרויס פון דעם דאָזיקן — ווי איך האָב עס אָנגערופן — „עמק הבכא”. מיר זענען געגאַנגען אַ שטיק וועג און געשוויגן, געווען ביידע אין אַ געדריקטער שטימונג. איך האָב זיך ענדלעך אָפּגערופן און געזאָגט צום פעטער:

— נישט אומזיסט האָט מיר דזשעק געזאָגט, אַז נאָך דעם, ווי איך וועל באַזוכן אַ געגנט אַרום דער קאָטן־מיל וועט מיר פאַרגיין דער אַפּעטיט און כ׳וועל אַפילו נישט טראַכטן צו ווערן אַ קאָטן־מיל־אַרבעטער.

און ער איז געווען גערעכט.

קאַפּיטל 38

די ענגליש־יידישע ווערטער

אויפן צווייטן פרימאָרגן האָב איך זיך געגרייט צו גיין צום פּעדלער־סופּלאַי און איך האָב געזאָגט דער מומען, אַז אויב איך וועל נישט קומען אַרום מיטאָג־צייט, מיינט עס, אַז איך גיי שוין ערגעץ אַרום איבער די הייזער מיט אַ פּעקל און זיי זאָלן אויף מיר נישט וואַרטן. זי האָט מיך אָבער נישט געלאָזט אַוועקגיין נישט מיטנעמענדיק עפּעס צום עסן.

אָנקומענדיק אין געשעפט האָט מיך דזשעק באַמערקט פונדערווייטנס, צוגעגאַנגען צו מיר, זיך איבערגעביטן מיט אַ פּאָר ווערטער און אַ זאָג געטון:

— נו, הייסט עס... — און איידער ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן האָב איך פאַרענדיקט מיט אַ — ס׳הייסט, אַז איך האָב באַשלאָסן זיך נעמען צום פּעדלען!

ער האָט מיך צוגעפירט צו זיין שוואָגער, צום באַלעבאָס פון געשעפט און מיך פאָרגעשטעלט אַלס לעווינס, דעם פּאַליסמאַנס אַ פריינט (דזשעק האָט שוין פריער דערציילט זיין שוואָגער וועגן דעם נייעם „גרינעם״ וואָס לעווין האָט אים מיט עטלעכע טעג צוריק, געבראַכט אַהער) און אַז איך פּלאַנעווע אַרויסצוגיין פּעדלען. דער ייד האָט מיר אַריינגעשטעקט אַ שלום עליכם און אַ זאָג געטון:

— האָב נאָר געדולד, וועסט זיין אַלרייט!

מיר איז געווען מאָדנע צו הערן ווי איך ווער פאָרגעשטעלט אַלס דעם פּאָליסמאַנס פריינט און האָב עס אַזוי געלאָזט גיין און פאַרשוויגן, אגב האָט דזשעק באַלד אַ זאָג געטון:

— קום מיט מיר!

דזשעק האָט אָנגעהויבן אַרויסצושלעפּן קעסטלעך פון די פּאָליצעס און פון די קעסטלעך האָט ער אַרויסגעצויגן ציכעלעך, טישטעכער, האַנט־טעכער פענצטער־פאָרהאַנגען און נאָך אייניקע אַרטיקלען, גרעסערע און קלענערע. ער האָט מיר אָנגעוויזן, אַז אויף יעדער אַרטיקל איז אָנגעצייכנט דער פּרייז צום פאַרקויפן. אָבער מיר קאָסט עס פונקט אַ העלפט פון דעם, וואָס איז אָנגעצייכנט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אַרויסנעמען די אַרטיקלען האָט ער אַלץ פאַרשריבן, אַריינגעלייגט איין חשבון ביי אים

אין קעשענע און מיר אויך געגעבן אַ חשבון פון דער סחורה, זאָגנדיק:

— דאָס איז פאַר דיר. זאָלסט וויסן וויפל די סחורה באַטרעפט.

ער האָט דערוויל אַרויסגענומען פון אונטער דער סטויקע אַ גרויסע וואַליזע, אַ מין סאַקוואַיאַזש און אויך אַ גרויסע, גלאַנצנדיקע שוואַרצע סיראָטע און מיר געפרעגט אין וואָס ס׳געפעלט מיר בעסער צו פאַרפאַקן די סחורה — אין וואַליזע, צי אַריינלייגן די סחורה אין דער סיראָטע און פאַרבינדן מיט אַ לעדערנעם פּאַס? איך האָב אויסגעקליבן די וואַליזע. עפּעס האָב איך געהאַט אַ געפיל, אַז טראָגנדיק אַ וואַליזע איז, דוכט זיך, אַ ביסל מער סוחרישער ווי צו שלעפּן אַ פּאַק אויף די פּלייצעס, צי אויפן אַקסל.

דזשעק האָט גענומען פּאַקן, אַריינלייגנדיק די סחורה אין דער וואַליזע און איך בין געשטאַנען אַ דערשלאָגענער „כעני בפתח" דזשעק האָט באַמערקט מיין שטימונג און מיין אויסזען און אַ זאָג געטון:

— זאָרג נישט, זאָרג נישט! זעסט אָט דאָס פּעקל? קוק נישט אויף דעם אַזוי קרום, טרויעריק, אַזוי ווי ס׳איז דיינער אַ שונא. וועסט זען שפּעטער, אַז דאָס פּעקל וועט דיך אויסלערנען ריידן, ס׳וועט דיר געבן עסן, ס׳וועט דיר געבן די געלעגנהייט זיך „אויסצוגרינען", ס׳וועט דיר העלפן צו ווערן אַריינגעוואַקסן אין היגן לעבן. האָב נאָר געדולד!

ווען איך האָב ביי אים געפרעגט וווהין צו פאָרן, אין אַ ווייסן אָדער אַ שוואַרצן געגנט, איז זיין ענטפער געווען:

— נעם די וואַליזע, גיי צו דאָ נישט וויט, צום סקווער, וואָס מיר רופן „פייף פּאָינטס". דאָרטן גייען אַלע טראַמווייען אין פאַרשיידענע ריכטונגען. גיי אַריין אין אַ קאַר, אָן אונטערשייד אין וועלכן, פאָר ביזן סוף פון איר וועג, ווו ווייטער גייט זי שוין נישט. גיי אַראָפּ און ווו דו זעסט אַ טיר — קלאַפּ אָן. ווייסע, שוואַרצע — אָן אונטערשייד.

דזשעק האָט אויך מיר געגעבן איניקע ווערטער אין ענגליש — וואָס צו זאָגן ווען עמעצער פון הויז עפנט די טיר.

איך האָב אַ נעם געטון די וואַליזע און בין אַרויס פון קראָם.

אָט דאָס וואָס איך האָב אויבן פאַרצייכנט האָט פּאַסירט אינעם יאָר 1906 און אין די אַלע יאָרן, ביז איצט, ווען איך שרייב די שורות אין יאָר 1971, האָב איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן און אָפּגעשאַצט דזשעקס וואַרעמען אינטערעס און זיין באַציונג צו מיר אין מיינע פּיינלעכע טעג דעמאָלט. מיר זענען פאַרבליבן פריינט אַלע יאָרן. און אויך איצט, ווען מיר באַגעגענען זיך ערגעץ צערידן מיר זיך וועגן דעם אַמאָל... „אַמאָל,

געדענקסטו? געדענקסטו... יאָ, איך געדענק...״ איך געדענק אַפילו, אַז דער פּראָבלעם שפּראַך, דאָס הייסט קאָנען ריידן, לייענען ענגליש, האָט מיר גראָד נישט אַזוי שטאַרק געשראָקן און באַאומרואיקט. שוין זייענדיק עטלעכע חדשים אין לאַנד, באַזוכנדיק אַ שטיקל צייט אין האַרטפאָרד, די אָוונט־קלאַסן פאַר ״גרינע״ צו לערנען זיך ענגליש, און בכלל ווען איך האָב געהערט די טאָגטעגלעכע ריידערייען אין ענגליש, האָב איך געהאַט דאָס געפיל אַז מיט אַזאַ שפּראַך וועל איך נישט האָבן קיין פּראָבלעם, מחמת די שפּראַך קלינגט דאָך כמעט ווי מיין שפּראַך — יידיש! און מאָדנע, איך געדענק, אַז גאַר שפּעטער מיט אַ סך יאָרן בין איך געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור צו אַ בוך פון אַ שרייבער, וואָס ליידער־לײדער געדענק איך נישט זיין נאָמען. דאָס בוך איז באַשטאַנען פון זיינע זכרונות אַלס ״גרינער״ אין אַמעריקע און ער איז דעמאָלט זייער ווייניק געווען באַזאָרגט מכוח דער ענגלישער שפּראַך, מחמת זי קלינגט דאָך אַזוי ענלעך צו יידיש. אָט דאָס געפיל האָב איך אויך געהאַט, ווען איך האָב געהערט די ווערטער אַז אַ גלאָז אין יידיש איז אין ענגליש ״גלעס״, אַ בוך — ״בוק״, אַ לאָמפּ — ״לעמפּ״, פּוטער — ״באַטער״, ברויט — ״ברעד״, גיב מיר — ״גיוו מי״, אַ טרונק וואַסער — ״דרינג וואָטער״, פּרוכט — ״פרוט״, עפּל — ״עפּל״, גראָז — ״גרעס״ און נאָך און נאָך אַזוינע ווערטער, וואָס האָבן מיך געמאַכט צום דענקען, אַז מיט אַזאַ ענגליש וועל איך נישט האָבן קיין שוועריקייטן מיט דער שפּראַך.

פאַרשטייט זיך, אַז גאַר אינגיכן האָב איך אויסגעפונען, אַז איך וועל נישט האָבן אַזאַ גרינגן שליטוועג מיט דער ענגלישער שפּראַך.

קאַפּיטל 39

מיין ערשטע וואָך ,,פּעדלען״ — אַ דערפאָלג

און אָט אַזוי, מיטן יידיש־ענגלישן וואָקאַבולאַר האָב איך זיך אַרויס־געלאָזט איבער די הייזער פּעדלען אין דער שטאָט אַטלאַנטאַ. איך האָב געטון ווי דזשעק האָט מיר געראָטן — צוגעגאַנגען צום סקווער, אַריין אין דער ערשטער קאַר, אָפּגעפאָרן דעם גאַנצן וועג און ווען איך האָב באַמערקט, אַז איך בין געבליבן דער איינציקער פּאַסאַזשיר אין דעם

טראַמוויי און דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן „ענד אָף ליין", האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער סוף פונעם וועג און איך בין אַרויס.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט, אַז איך געפין זיך אין אַ געדיכט־באַוווינטן געגנט. איך האָב אויך באַמערקט, אַז דער געגנט איז באַזעצט פון בלויז שוואַרצע, מחמת איך האָב געזען שוואַרצע פרויען זיצנדיק אין דרויסן אויף די טרעפ פון די קליינע איינשטאָקיקע הייזקעס. איך האָב שוין פריער געהערט און געוווּסט, אַז דאָ אין דער שטאָט אַטלאַנטאַ, ווי בכלל אין „סאָוט" (דרום) זענען נישטאָ קיין געמישטע געגנטן פון ווייסע און שוואַרצע איינוווינער. דאָ איז אָדער ווייס אָדער שוואַרץ.

בין איך, הייסט עס, פאַרפאָרן אין שוואַרצן געגנט. און דאָ איז געווען מיין ערשטע דערפאַרונג פון קלאַפּן אין טירן און אַט אַ־דאַ־אַ, אין דעם געגנט פון שוואַרצע מענטשן, האָט זיך געעפנט פאַר מיר און אָנגעפאַנגען אַ ניי בלאַט אין מיין לעבנס־גאַנג.

כדי צו קלאַפּן אין די טירן מיט אַ סיסטעם האָב איך אָנגעהויבן פון אַן אָנפאַנג־גאַס און געקלאַפּט — טיר־נאָך־טיר, גאַס־נאָך־גאַס — כמעט דעם גאַנצן טאָג. און כסדר ביי יעדער טיר וואָס האָט זיך געעפנט האָב איך דערמאָנט די נעמען פון די אַרטיקלען, וואָס איך פאַרקויף אין ענגליש. פאַרשטייט זיך, די וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט, ווי: קורטנס, שיטס, טייבל־קלאָטס, און אַנדערע אַרטיקלען. די מערהייט ענטפערס, ווי איך געדענק, פון די וואָס האָבן געעפנט די טירן אויף מיין קלאַפּ, זענען געווען: „גאָט נאָ מאָני". וואָס דאָס האָט געמיינט, ווי איך האָב אויסגעפונען, אַז — ס'איז נישטאָ קיין געלט.

דער רעזולטאַט אָבער אין די הייזער, אין אַ פּאָר גאַסן, וווּ איך האָב געוויזן די סחורה און אַ ביסל פאַרקויפט, איז געווען נישט שלעכט. לויט מיין דעמאָלטיקער השגה, ווען איך בין פאַרנאַכט געווען גרייט צו נעמען דעם טראַמוויי צוריק אין שטאָט אַריין, האָב איך איבערגעציילט קאַרגע זעקס דאָלאַר. דאָס האָט געמיינט, אַז פאַר מיר איז געבליבן קליינע דריי דאָלאַר רווח און איך האָב געהאַלטן, אַז פאַרן ערשטן טאָג איז עס אַ דערפאָלג.

פאָרנדיק מיטן טראַמוויי צוריק אין שטאָט האָב איך געפילט, אַז איך בין גאַרנישט אַזוי מיד פון מיין טאָג אַרבעט. ווען איך האָב געטון אַ טראַכט און געמאַכט אַ פאַרגלייך מיט דער עבודת פרך אין דער האַרטפּאַרד־פאַבריק, פון וועלכער איך בין קראַנק געוואָרן, און ווען איך האָב זיך

אויך דערמאָנט אין דעם בילד פון דער קאָטן־מיל וואָס איך האָב דאָ געזען, איז אָט די היינטיקע אַרבעט פאַר מיר געווען גרינג און שפּילעוודיק. איך האָב דורכן טאָג אייניקע מאָל געעפנט און צעלייגט מיין קראַם, און דערנאָך צוריק אַריינגעלייגט אין וואַליזע — קען מען עס פאַרגלייכן מיט דער פאַבריק־אַרבעט? איך האָב דורכן טאָג דערפילט, אַז איך וואָלט גע־קאָנט עפּעס כאַפּן אַ ביס צום עסן.

און אַזוי גייענדיק האָב איך, פונדערווייטנס, דערזען אַ פּאָר בוימער אויף אַ בערגל. בין איך צו צום בערגל, זיך אַוועקגעזעצט אינעם שאָטן פון אַ בוים, געעפנט די וואַליזע און אַרויסגענומען וואָס די מומע האָט מיר מיטגעגעבן צום עסן. איך בין געזעסן געמיטלעך, רואיק, געגעסן פון קיינעם נישט געטריבן און געפילט ווי איך בין מיין אייגענער באַלעבאָס...

און אַזוי האָב איך אָפּגעקלאַפּט אין די טירן די ערשטע וואָך — אַלע טאָג אין אַן אַנדער געגנט און איך האָב געזען, אַז מיינע פאַרדינסטן פאַר דער וואָך אַרבעט האָבן באַטראָפן אַן ערך ניין־צען דאָלאַר. ווען איך האָב געטראַכט וועגן די דאָזיקע ערשטע פאַרדינסטן, האָב איך געפילט — און אַזוי האָט מיר אויך גיזאָגט דער באַלעבאָס פון פעדלער־סופּלאַי — אַז ער זעט, אַז איך וועל ביי דעם עסק נישט האָבן קיין דורכפאַל. און אַזוי האָב איך אָנגעהאַלטן מיט דער אַרבעט טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך, בין געוואָרן מער באַקאַנט מיט די געגנטן אין שטאָט און מיט איר באַפעלקע־רונג, בין געוואָרן היימיש אין קראָם פון פעדלער־סופּלאַי, ווו איך פלעג קומען אָפט נאָכן פאַרקויפן סחורות, קויפן נייע. איך בין געוואָרן באַקאַנט און היימיש מיט אַנדערע יידן, אויך פעדלערס. און מאָדנע — כמעט גאָר די מערהייט יידן, וואָס איך האָב דאָרטן באַגעגנט, זענען געווען ליטוואַקעס, אָט די וועלכעריידן מיטן „סין״. אין אונדזערע מקומות, פונוואַנען איך קום, אין דער אוקראַינע, פלעגן מיר זייער זעלטן זיך טרעפן מיט אַ ליטוואַק — סיידן אַמאָל, אַמאָל, אַ בעל־דרשן פלעגט אַראָפּקומען קיין טערניוווקע און מיר, יינגלעך, פלעגן זיך אַמוזירן, הערנדיק זיין „לאָסן״, זיין „ספּראַך״. און דאָ, גיי ריכט זיך, אַז איך וועל זיך מיטאַמאָל געפינען צווישן אַ גאַנצע עדה יידן — כמעט בלויז ליטוואַקעס. פלעגן מיר אַלע פון פעדלער־סופּלאַי־קראָם שפּאַסן. זיי פלעגן נאָכריידן „מיין טאַטע״, „קיגל״ און איך מיט זייער „יום הסיסי לאָסן״. דער נאָמען „משה״ איז געווען ביי זיי „מייסי״ און נאָך אַזעלכע ווערטער ווי אַ שטייגער, אַ נעגער איז ביי זיי געווען „סאָכער״ (שחור), אַ נעגער־פרוי — „אַ סיאָכקע״, ווערטער וואָס האָבן געקלונגען קאָמיש פאַר מיר. אָבער דאָס

אַלץ האָט געטראָגן אַ גוטמוטיקן און גוטברודערישן כאַראַקטער. איך האַלט, ביי דער געלעגנהייט פאַר וויכטיק, צו פאַרצייכענען, אַז צווישן די דאָזיקע פיינע יידן — ליטוואַקעס האָבן זיך געפונען אייניקע יידן למדנים, תלמודיסטן מיט שאַרפע גמרא־קעפּ, און קענער פון דער אַלטער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור.

איך האָב נאָך עטלעכע וואָכן ביי מיין אַרבעט אָנגעהויבן צו פילן אַ זיכערקייט, אַ שטאַרקייט, מוט און ענערגיע. איך האָב דערפילט, אַז דאָ לייג איך דעם פונדאַמענט פאַר אַ ציל, פאַר אַ צוועק, פאַר אַ צוקונפט. איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַלץ גרעסערע פּלענער, — ווי גיין כסדר איבער די הייזער און קלאַפּן אין טירן.

איך האָב אַפילו, איין מאָל, געכאַפּט אַ שמועס מיטן באַלעבאָס פונעם פּעדלער־סופּלאַי וועגן דעם ענין, ווייל זייענדיק איין מאָל אין אַ הויז מיט מיין סחורה, ווו איך האָב עפּעס פאַרקויפט אַ פרוי, האָט זי מיר אַ פרעג געטון צי איך האַנדל אויך מיט מלבושים, מחמת זי דאַרף האָבן אַן אָנצוג פאַר איר צוועלף־יאָריק יינגל. אויב איך קאָן עס איר צושטעלן וואָלט זי עס געקויפט אויף באָרג, אויף וועכנטלעך אויסצאָלן. ווען איך האָב דאָס דערציילט דעם באַלעבאָס און געפרעגט ביי אים אַן עצה און זיין מיינונג איז ער געווען קעגן דעם געדאַנק איך זאָל אָנהייבן צו פאַרקויפן אויף באָרג.

— צו דעם מסחר פון פאַרקויפן אויף באָרג דאַרפסטו נאָך — זאָגט ער — צוויי זאַכן דערגרייכן. דאָס זענען, ערשטנס, קענען אַ ביסל מער ריידן, לייענען און שרייבן ענגליש און צווייטנס, דאַרפסטו אָנקלייבן, אָפּ־שפּאָרן אַ ביסל מער אייגן געלט, כדי דו זאָלסט קאָנען זיין בכוח אויס־צוהאַלטן דיינע קונים וואָס וועלן קויפן ביי דיר אויף באָרג.

ער האָט מיר געראָטן, אַז מיט דער צייט, אָנשטאָט צו קלאַפּן אין טירן, דאָ אין שטאָט, זאָל איך פאָרן אין די קליינע שטעטלעך. אָנשטאָט צו פאָרן מיטן טראַמוויי אין אַ געגנט דאָ אין שטאָט, זאָל איך אַוועקפאָרן מיט דער באַן אַ פערציק, פופציק מייל פון אַטלאַנטאַ, — ס׳מאַכט נישט אויס וואָס פאַר אַ שטעטל, דאָרטן וועסטו מאַכן אַ סך בעסער ווי דאָ.

— די איינוווינער אין די קליינע שטעטלעך — דערקלערט ער מיר — ווי אויך די פויערים, די פאַרמערס אַרום די שטעטלעך, איבערהויפּט די פרויען דאָרטן, זענען גערן און נייגעריק אָנצוקוקן און טאַקע קויפן די סחורה, וועלכע די פּעדלערס ברענגען — אַזעלכע זאַכן, וועלכע געפינען זיך נישט אין דער איינציקער קראָם אין שטעטל, ווו מען האַנדלט נאָר מיט אַזעלכע אַרטיקלען ווי קעראָסין צום לאָמפּ, בלעכענע טעפּ, לאָמטערנעס,

פעלד־און פאַרם־מכשירים און נאָך און נאָך אַזעלכע סחורות. די קליינ־שטעטלדיקע און פאַרמער־עלעמענטן קומען זייער זעלטן אין דער גרויסער שטאָט און ווען זיי קומען יאָ אַמאָל אין שטאָט פילן זיי זיך נישט היימיש אין דער גרויסער קראָם און דערפאַר קוקן די מענטשן אַרויס אויף דעם פּעדלער, וואָס ברענגט די שטאָט־זאַכן צו זיי אין הויז. זיי האָבן צייט צום באַקוקן די סחורות און לאָזן זיך ווילגיין.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעט איז אַ סך אַ שווערערע ווי צו פּעדלען אין שטאָט, ווייל דער פּעדלער קאָן נישט קומען צוריק אַהיים דעם זעלבן טאָג. ער דאַרף טאָג און נאַכט זיין ווייט פון דער היים, נישט עסן ווי געהעריק, נעכטיקן יעדע נאַכט ביי אַן אַנדער פאַרמער — אָבער... ס׳באַצאָלט זיך אים! דער פּעדלער קומט גיכער צו אָפּגעשפּאָרט געלט און קען טראַכטן וועגן גרינגערע מיטלען ווי אַזוי צו עטאַבליזירן זיך אין דער נייער היים, נישט דאַרפנדיק כסדר קלאַפּן אין טירן. אָט דאָס קענסטו אויך פּרוון שפּעטער, מיט דער צייט. האָב עס אין זינען.

האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו פּעדלען אין די שטעטלעך און פאַרמס אַ סך פריער ווי איך האָב ווען ס׳איז געדענקט. און פאַסירט האָט עס אַזוי:

קאַפּיטל 40

פּאָגראָם אויף שוואַרצע אין אַטלאַנטאַ אין יאָר 1906

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג צום סקווער, ווי איך פלעג עס טון יעדן אינדערפרי, בין איך פאַרביי־געגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט לעבן קראָם פונעם פּעדלער־סופּלאַי. איך האָב דאָרטן געטראָפן פיל מער פּעדלער ווי געווינלעך און אַזוי שנעל ווי איך בין נאָר אַריין, איז צוגעלאָפן צו מיר דזשעק און אַ זאָג געטון:

— גוט, וואָס דו ביסט דאָ! איך האָב שוין אין זינען געהאַט עמעצן צו שיקן צו דיר אַהיים דיר אָנזאָגן זאָלסט זיך היינט נישט אַרויסלאָזן פּעדלען, מחמת ס׳איז אין שטאָט זייער אומרואיק. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ ראַיעט (אַ בונט), אַ פּאָגראָם פון ווייסע אויף שוואַרצע און ס׳איז פּשוט

אַ געפּאַר פּאַר אַ ווייסן מענטש זיך צו באַווייזן אין אַ שוואַרצן געגנט. ס׳איז בכלל אַ געפּאַר זיך צו דרייען איצט אין די גאַסן, ווו כמעט אַלע געשעפטן זענען געשלאָסן און עס גיסט זיך בלוט ווי וואַסער. און איצט גיין פּעדלען אין די שוואַרצע געגנטן שטעלט מען ממש איין דאָס לעבן.

איך בין געוואָרן דערשטוינט פון דער נייעס און איך האָב טאַקע באַמערקט, אַז אין דער גאַס ווו ס׳געפינט זיך דער פּעדלער־סופּלאַי, אַ גאַס, אויף וועלכע עס באַוועגן זיך כסדר מענטשן — ווייסע, שוואַרצע; לאַסט־וועגענער געשפּאַנט אין פערד מיט שוואַרצע אַנטרייבער און סתם פאַרשיידענע געשעפטן — אַז די גאַס איז איצט כמעט ווי אויסגעליידיקט. זעלטן ווען מען זעט אַ פאַרבייגייער אָדער אַ דורכפאָרער.

דער טאָג ווען דער פּאָגראָם אויף די שוואַרצע איז אויסגעבראָכן איז שוין געווען עטלעכע חדשים נאָך מיין אָנקומען קיין אַטלאַנטאַ. איך האָב שוין אין דער קורצער צייט צוגעזען די מוראדיקע, שקלאַפערישע, אונ־טערדריקטע לאַגע, אין וועלכער די שוואַרצע באַפעלקערונג האָט זיך דעמאָלט, אינעם יאָר 1906, געפונען אין דער „סאַוט״. איך האָב געזען די אומרעכט, וואָס ווערט קעגן זיי באַגאַנגען. מען האָט ביי זיי צוגענומען די מענטשלעכע ווירדע, געקוקט אויף זיי און באַהאַנדלט זיי ווי חיות, זיי געהאַלטן באַזונדער, אָפּגעטיילט, אָפּגעצוימט אין געטאָס אין די ערגסטע, ענגע, שמאָלע, קויטיקע גאַסן. זייער אונטערדריקונג איז געווען אַ סך ערגער ווי די לאַגע פון יידן אין צאַרישן רוסלאַנד.

איינער פון די פּעדלערס, מיינער אַ באַקאַנטער, אויך אַ ניי־געקומענער, האָט אַ זאָג געטון צו מיר:

— וואָלסט געווען אַ בעלן צוצוגיין צום „פייף פּאָינטס״ אַ קוק טון וואָס עס טוט זיך דאָרט? מיר — זאָגט ער — האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן. מיר זענען דאָך די „ווייסע״, די „שטאַרקערע״, מ׳שטיינס געזאָגט.

— קום, — זאָג איך — לאָמיר גיין.

צוקומענדיק נאָענט צום סקווער האָבן מיר שוין באַמערקט ווי ווייסע פאַרשיכורטע, צעיושעטע, צעפלאַמטע כוליגאַנעס זענען אַרומגעלאָפן, טראָגנ־דיק אין די הענט אייזערנע רערן, בוליוועס, רעוואָלווערן, ביקסן און ווו זיי האָבן באַמערקט אַ שוואַרצן, איז ער פאַרשלעפּט געוואָרן ערגעץ און צעשלאָגן געוואָרן. ס׳האָבן זיך אָפּט געהערט שאָסן פון ביקסן. מיר האָבן געזען, ווי שוואַרצע זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די טראַמווייען און מ׳האָט זיי גלייך דערשאָסן. ס׳איז געווען אַ שרעקלעך בילד צוצוזען די

ברוטאַלקייט. מיר האָבן זיך גלייך צוריקגעקערט צום קראָם פון פעדלער־סופלאַי.

אָט די שוידערלעכע שחיטה האָט אָנגעהאַלטן צוויי־דריי טעג ביז אייניקע גרויסע געשעפטן אין שטאָט האָבן אָנגעהויבן פּראָטעסטירן צו די „שטאָט־טאַטעס”, אַז דער כאַאָס פּאַראַליזירט די שטאָט און ספּעציעל די געשעפטן. און אַדאַנק דער שטאָט־מיליציע און דער לאָקאַלער פּאָליציי האָט זיך אַלץ איינגעשטילט. אויסערלעך האָט אַלץ אויסגעקוקט נאָרמאַל, אָבער עס האָט גענומען וואָכן ביז שוואַרצע האָבן געוואַגט צו קומען צו דער אַרבעט און ווייסע האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון אַריינצוקומען אין די שוואַרצע געגנטן. די צייטונגען האָבן געשריבן, אַז די סיבה פון דעם פּאָגראָם אויף די שוואַרצע איז געווען דער קלאַנג, אַז אַ ווייסע פרוי איז באַלעסטיקט און אַטאַקירט געוואָרן פון אַ נעגער. איך געדענק נאָך איצט, אַז גייענדיק אָדער לויפנדיק צוריק פון סקווער, האָב איך קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסריידן, געווען פּריטשמעליעט און געטראַכט „ווו בין איך ?”, „וואָס האָב איך געזען ?”, „איז דאָס די פרייע אַמעריקע ?” און נאָך אַזעלכע טרויעריקע מחשבות זענען דורכגעלאָפן אין מוח.

פּאַרשטייט זיך, אַז דעם דאָזיקן טאָג אַרויסצוגיין פּעדלען, אַפילו צווישן ווייסע, איז געווען אויסגעשלאָסן און איך בין צוריקגעקומען אַהיים מיט מיין פּעקל סחורה. דערציילט וואָס איך האָב אַליין, מיט מיינע אייגענע אויגן געזען. דער פעטער ראובן און די מומע סאָניע האָבן באַמערקט ווי צע־שרויפט און נערוועז איך בין. האָט דער פעטער ראובן אָנגעהויבן צו דערקלערן דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פונעם בירגער־קריג אין אַמע־ריקע און ווי די „סאָוט” בכלל און די שטאָט אַטלאַנטאַ בפרט — איז נאָכן קריג געבליבן אַ צעשמעטערטע, אַ פּאַרברענטע, אַ חרובע אַלס רעזולטאַט פון דער מלחמה, וואָס האָט באַפרייט די שוואַרצע מענטשן פון זייער שקלאַפעריי ביים ווייסן. אָט דאָס איז נאָך פריש אין זכרון ביי דער ווייסער באַפעלקערונג אין דער „סאָוט” און ביי דער קלענסטער געלעגנהייט לאָזן זיי אויס זייער כעס, האַס און צאָרן צו די שוואַרצע, וואָס זענען אַן אומ־שולדיקער קרבן.

קאַפּיטל 41

די „שוואַרצע רעוואָלוציע" אין די פופציקער יאָרן

אַז ס'זענען נאָך פריש אין זכרון פון דער באַפעלקערונג אין דער „סאָוט" די טרויעריקע רעזולטאַטן פון דעם בירגער־קריג און די מפּלה פון דער „סאָוט" (דרום), האָב איך זיך אַליין איבערצייגט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער. ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט איז מיין אופן פון פעדלען געווען: יעדן טאָג אין אַ טראַמוויי, אָן אונטערשייד וווהין ער פאָרט.

בין איך אין איינעם אַ פרימאָרגן אַריין אין אַ קאַר, וואָס האָט זיך גערופן „סאָלדזשערס האָום" (די היים פון סאָלדאַטן). די קאַר איז געפאָרן אַ לאַנגן שטיק וועג און זיך אָפּגעשטעלט ווייט ערגעץ פון דער שטאָט. אַרויסגייענדיק פון טראַמוויי האָב איך באַמערקט אויף אַ גרויסן, ברייטן, פרייען שטח אַ ריזיקע גרויסע געביידע. צוגייענדיק אַ ביסל נעענטער האָב איך געזען ווי אַרום דער געביידע, אויף אַ גרויסער ברייטער וועראַנדע דרייען זיך אַרום עטלעכע מענער. אייניקע זענען געגאַנגען מיט קוליעס, אַנדערע אויף שטופּ־וועגעלעך. איך האָב דאָרטן אויך באַמערקט אייניקע שוואַרצע מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ הויז אַ ביסל ווייטער אַוועק פון דער גרויסער געביידע. ווען איך בין צוגעגאַנגען צו די שוואַרצע פרויען און זיי געפרעגט, צי וואָלטן זיי געוואָלט זען וואָס איך האָב צו פאַרקויפן, האָבן זיי מיך איינגעלאַדן אַריינצוגיין אין זייער הויז. דאָרטן האָב איך באַגעגנט נאָך אייניקע שוואַרצע מענער און פרויען. אָט די אַלע זענען געווען די קוכער, די באַדינער און די אויפזעער פון די ווייסע מענער. און ווי זיי האָבן מיר דערציילט זענען די דאָזיקע מענטשן וועטעראַנען, סאָלדאַטן פון בירגער־קריג, וואָס זענען געבליבן לעבן, אָבער זיי האָבן פאַרמאָגט, איידער די קריג איז אויסגעבראָכן, זייערע פאַרמס, הייזער, פערד, אייזלען; דאָס גאַנצע פאַרמעגן זייערס איז צערויבט, פאַר־ברענט און פאַרניכטעט געוואָרן פון גענעראַל שערמאַן און זיינע „יענקיס". און אַלס אָנערקענונג פון זייער פּאַטריאָטיזם האָט זיי דער שטאָט דזשאָר־דזשאַ אויסגעבויט די דאָזיקע היים. און דאָ געפינען זיי זיך און וועלן זיך געפינען ביז די לעצטע טעג פון זייער לעבן.

איך געדענק נאָך, אַז אין די אַלע יאָרן, אינעם חודש אַפּריל ווען די

„סאָוט" בכלל און אַטלאַנטאַ בפרט פלעגן פייערן דעם אָנדענק פון זייערע געפאַלענע סאָלדאַטן אינעם בירגער־קריג, זייער „מעמאָריאַל דעי", וואָס פלעגט ווערן געפייערט מיט אַ גרויסן פּאַראַד, פלעגן אָט די אַלטע אויס־געדינטע, לעבנגעבליבענע וועטעראַנען פונעם „סאָלדזשערס האָום" נעמען אַן אָנטייל אינעם פּאַראַד. אייניקע פון זיי פלעגן רייטן אויף פערד בעתן פּאַראַד, אַנדערע פלעגן מאַרשירן אַליין און אייניקע קאַליקעס פלעגן גע־פירט ווערן אויף ווענענער, געשפּאַנט אין פערד. אָט דער „מעמאָריאַל־דעי־פּאַראַד" ווערט אָנגעפירט יאָר־נאָך־יאָר עד היום; און די וועטעראַנען, וואָס פלעגן זיך באַווייזן אויפן פּאַראַד אַלע יאָר זענען געוואָרן ווייניקער און ווייניקער ביז — אויב איך מאַך נישט קיין טעות — אינעם „מע־מאָריאַל־דעי־פּאַראַד" אין חודש אַפּריל, פונעם יאָר 1956, האָבן זיך באַוויזן די לעצטע צוויי וועטעראַנען, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין אַן אָפענעם אויטאָ. און טאַקע אַרום יענער צייט, איז די היים פון די בירגער־קריג־וועטעראַנען, די „סאָלדזשערס האָום", ליקווידירט געוואָרן. אָבער, נאָך אַזויפיל יאָרן נאָכן בירגער־קריג, האָט נישט נאָר געטליעט, נאָר ממש געברענט דער האַס צו די שוואַרצע, וואָס זענען די אַלע יאָרן געווען אונטערדריקט, דיסקרימינירט, עקספּלאָאַטירט און פאַרפאַלגט. לינטשערייען זענען געווען מעשים בכל יום און אַ פּאָגראָם, ווי איך האָב געזען, אין יאָר 1906 איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין אַלע שטאָטן אין דער „סאָוט" און אויך אין דזשיאָרדזשאַ ביז — ביז דער העכסטער געריכט פון לאַנד האָט זיי, אין די פופציקער יאָרן, נאָכאַמאָל באַפרייט און ביז אין די לעצטע יאָרן, ווען ס'איז אויסגעבראָכן „די שוואַרצע רעוואָלוציע", איז פאַר איינעם אַן אונדזערן, וואָס האָט געלעבט אין דער „סאָוט" פון 1906 און האָט צוגעזען דאָס אומגליקלעכע לעבן פון דער שוואַרצער באַפעל־קערונג, ביז דער רעוואָלוציע אין זייער לאַגע היינט צו טאָג, אינעם יאָר 1972, איז עס ממש צום שטוינען. ס'גלויבט זיך קוים צי ס'איז אמת וואָס מען זעט, אַז שוואַרצע זיצן צוזאַמען מיט ווייסע אין די רעסטאָראַנען, אין טעאַטער, אויף קאָנצערטן, אין די בענק אַלס אָנגעשטעלטע, אין די גרעסטע און שענסטע קראָמען אַלס פאַרקויפערס און אין אַלערליי אָפיסן. זיי עפענען אַליין קליינע געשעפטן און זענען מצליח. זיי לויפן צו פּאָליטישע אַמטן און ווערן אויסגעוויילט. איר זעט, אַז די „שטאָט־טאַטעס" און די שטאָט־באַאַמטע מוזן זיך מיט זיי רעכענען און חנפענען זיי אין צייט פון „עלעקשנס" (וואַלן), אא"וו — איז פשוט שווער צו גלויבן — ממש משיחס צייטן!

אַוודאי איז דאָס אַלץ נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען, אַוודאי האָט „די

שוואַרצע ר׳עוואָלוציע״ געמוזט ברענען שטעט און באַנוצן אַלערליי מיליטאַנטישע מיטלען פאַר דעם, וואָס זיי האָבן דערגרייכט. אוודאי פעלט נאָך גאָר אַ סך צו דער פולשטענדיקער גלייכקייט. אָבער דאָס וואָס מיר זעען איצט, אינעם יאָר 1972 אין דער „סאָוט״, אין פאַרגלייך מיט זעקס און זעכציק יאָר צוריק — אינעם יאָר 1906 — איז עס פשוט אומגלויבלעך!

איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך האָב פאַרגעסן, אַז איך האַלט אין פאַרשרייבן מיינע זכרונות פונעם יאָר 1906 און דאָ בין איך שוין אַריין אינעם יאָר 1972 — איז לאָמיר זיך אומקערן צו יענע טעג פונעם נעגערפאָגראָם אין 1906 און זיין שייכות צו מיר דעמאָלט, אַלס „גרינער״ פעדלער. איך וועל נאָך, אפשר, דערמאָנען דעם ענין „שוואַרצע״ — שפּעטער.

קאַפּיטל 42

מיין „פּעדלען״ אין די שטעטלעך און צווישן די פאַרמערס

פאַרשטייט זיך, אַז אין די אומרואיקע טעג פון פאָגראָם און אַפילו וואָכן שפּעטער, ווען ס׳האָט שוין אויסערלעך אויסגעזען אַז אַלץ איז נאָרמאַל, האָט זיך פונדעסטוועגן געפילט אין דער לופט, אַז עפּעס איז נישט גלאַט. און כאָטש איך בין שוין אַרויסגעפאָרן מיט מיין סחורה צווישן שוואַרצע, האָב איך געהאַט דאָס געפיל אַז זיי קוקן אויף מיר, דעם ווייסן מענטש, ווי זייערס אַ שונא. איך געדענק ווי איך פלעג דעמאָלט טראַכטן, אַז הלוואי האָב איך די שפּראַך אין מויל וואָלט איך זיי איבערצייגט, אַז זייער חשד איז נישט קיין ריכטיקער. איך האָב זיך וועגן דעם ענין דורכגערעדט מיט דזשעקן און אויך מיט דזשעקס שוואָגער, דעם באַלעבאָס פון דעם פעדלער־סופּלאַי און דעמאָלט האָט סיי דזשעק, סיי דער באַלעבאָס צוגעשטימט צום פּלאַן וועגן מיין אַרויספאָרן פּעדלען אין די אַרומיקע שטעטלעך און אויך צווישן פאַרמערס. פאַר דער אַרבעט האָבן זיי מיר געראַטן מיטצונעמען אַזויפיל סחורה וויפל נאָר איך קאָן פאַרטראָגן, מחמת זאָגן זיי, ס׳פּעדלען אין די שטעטלעך און צווישן די פאַרמערס איז אינגאַנצן אַנדערש ווי אין שטאָט „ווו דו גייסט פון טיר צו טיר נאָר אַ צווייי־דריי שפּאַן. צו פאַרמערס ווערסטו, פיליכט צו מאָל דאַרפן שפּאַנען אַ צוויי,

דריי מייל פון איין פאַרם צו דער צווייטער, און דאָס אַליין וועט ביי דיר צונעמען אַ סך צייט. דאַרפסטו זיין צוגעגרייט מיט סחורה אויף עטלעכע טעג״.

האָב איך זיי געפאָלגט און אָנגעשטאָפּט מיין סאַקוואַיאַזש וויפל נאָר ס׳האָט געקאָנט אין אים אַריין. איך האָב ביי זיי גענומען אויך אַ צעטל פון עטלעכע שטעטלעך, וואָס געפינען זיך אַ פופציק-זעכציק מייל אַרום אַטלאַנטאַ, אין פאַרשיידענע ריכטונגען.

בין איך צוגעקומען צום וואָקזאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע מיטן שטאָט, געקויפט אַ בילעט צום ערשטן שטעטל ווו די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַראָפּגייענדיק און באַקוקנדיק דעם אַרום האָב איך געזען, אַז דזשעק און דער באַלעבאָס זענען געווען גערעכט, אַז נישט נאָר די פאַרמס זענען ווייט איינער פון צווייטן, נאָר אַפילו אין שטעטל האָב איך געזען ווי כמעט אַלע הייזער, ווי ווייט מיין אויג האָט אַרומגעכאַפּט, זענען נישט געווען אין דער אָרדענונג ווי אין שטאָט, ווי אָפּגעמאָסטענע גאַסן, איין הויז לעבן צווייטן, די הייזער נומערירט, מיט טראָטואַרן לעבן די הייזער וכדומה. דאָ זענען די הייזער געווען צעוואָרפן אָן אַ טאַלק, אָן אַ סדר; דאָ אין שטעטל איז יעדעס הויז געווען אַרומגענומען מיט אַן אַרומגעצוימטן, גרויסן הויף, וואָס אין אים וואָלטן זיך געקאָנט באַהאַלטן אַ צוויי-דריי שטאָטישע נעגערישע הייזקעס. די שטעטלשע הייזער זענען ווייט געווען איינס פונעם צווייטן. איך געדענק, אַז פונעם אויסערלעכן אויסזען פון שטעטל בין איך נישט געווען אַזוי שטאַרק באַגייסטערט. איך האָב אָבער אויך געטראַכט, אַז איך בין דאָך נישט געקומען אַהער באַזעצן זיך, איך בין דאָ צוליב מסחר — האָב איך אַ נעם געטון מיין „ברויט-געבער״, ווי איך האָב אַ נאָמען געגעבן מיין סאַקוואַיאַזש און בין צוגעגאַנגען צו אַ הויז, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ פּאַרקן, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ טירל צום אַריינגיין.

אַריינגייענדיק אין הויף האָב איך באַגעגנט אַן „אויפנאַם קאָמיטעט״, וואָס איז באַשטאַנען פון הינער, גענדז, קאַטשקעס, חזירימלעך, אַ קליין לאַשיקל, אַ הונט און אַ מיידעלע פון אַ יאָר ניין-צען.

ווען איך האָב אַ פרעג געטון ביים מיידעלע, צי קען איך זען איר מאַמען, האָט זי גאָרנישט געענטפערט, נאָר ווי אַ דערשראָקענע אַנטלאָפן און אַריין אין הויז און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי צוריק אַרויסגע-קומען מיט איר מוטער. איך האָב די מוטער באַגריסט, אַראָפּגענומען דאָס

היטל און זי געפרעגט צי וואָלט זי געוואָלט אָנקוקן, נישט קויפן, די שיינע זאַכן וואָס איך האָב געבראַכט פון שטאָט. זי האָט מיך איינגעלאַדן אין הויז אַריין, מיך געבעטן זיצן און אַ זאָג געטון צום מיידעלע זי זאָל אַ לויף טון צו „יולע מעי" און איר זאָגן, אַז עס איז דאָ אַ פעדלער און זי קאָן צוקומען, אויב זי וויל.

דאָס מיידעלע איז פלינק אַרויס און די פרוי האָט מיר דערקלערט, אַז יולע מעי איז אירס אַ פריינדין און זיי האָבן זיך צוזאַמען דערַרעדט, אַז ווען אַ פעדלער וועט קומען צו איינער פון זיי, זאָלן זיי איינע דער צווייטער לאָזן וויסן.

איך האָב דערווייל צעעפנט מיין „קראָם" און אין עטלעכע מינוטן אַרום איז אַריינגעקומען די צווייטע פרוי מיטן מיידעלע, וואָס האָט נישט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון מיר אַפילו אויף קיין איין סעקונדע. איך האָב דערווייל אָנגעהויבן אַרויסצונעמען אַרטיקלען פון מיין סאַקוואָיאַזש, איינס־נאָך־איינס, אַלץ צעוויקלט — די טישטעכער, די האַנטעכער, די פענצטער־פאָרהאַנגען, ציכעלעך אין קווייטן און אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס איך האָב געהאַט אין דער וואַליזע. יעדע זאַך האָבן זיי באַקוקט, באַטאַפּט און זיי האָבן כמעט געשריען פון באַגייסטערונג: „ווי שיין! ווי שיין!". זיי זענען געווען אַזוי איבערראַשט און באַגייסטערט פון די שטאָטישע זאַכן פונקט ווי זיי זאָלן זען ערגעץ אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אויף דער בינע. אָט די דאָזיקע „פאָרשטעלונג" פון מיין אַריינקומען אין הויז, צעלייגנדיק די „קראָם" — זייער קוקן, טאַפּן, מעסטן די בעט־צודעקן, די פענצטער־פאָרהאַנגען, אויך זייער אָפּקלייבן די זאַכן, וואָס זיי האָבן געוואָלט קויפן — אָט די גאַנצע „פאָרשטעלונג" האָט פאַרנומען אַ פּאָר שעה צייט, שוין אַריינרעכענענדיק דאָס וואָס דורך דער צייט איז אַריינגעקומען דער פרויס מאַן, דער באַלעבאָס. די פרוי האָט אים געוויזן וואָס זי האָט געקויפט און אים אויך פאָרגעשטעלט פאַר מיר, אַלס מר. וויליאַמס. זי האָט דערביי באַמערקט, אַז ער אַרבעט נישט ווייט פון דאַנען און קומט אַלע טאָג צו מיטאָג. דער מאַן האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו מיר און מיך אַ פרעג געטון ווי אַזוי רופט מען מיך. און ווען איך האָב אַ זאָג געטון „יאַמפּאָלסקי", האָב איך געזען אין אים און געפילט אין אים, אַז דער מענטש וועט קיינ־מאָל דעם דאָזיקן נאָמען נישט קאָנען אַרויסזאָגן.

די פרוי און איר פריינדין האָבן מיר באַצאָלט פאַר דעם וואָס זיי האָבן געקויפט. איך האָב זיי באַדאַנקט און בין אַרויס אויפן וועג צום צווייטן הויז, וואָס איז געווען אַ היפּשער מהלך.

און אַזוי האָב איך דורכן טאָג אויסגעפּאַקט און צוריק פאַרפּאַקט מיין וואַליזע עטלעכע מאָל.

געוועזן אייניקע, וואָס האָבן געענטפערט אויף מיין פראַגע, צי ווילן זיי זען מיין סחורה, אַז יאָ, זיי וועלן אָנקוקן מיין סחורה, אָבער זיי זאָגן נישט צו, אַז זיי וועלן קויפן. בכלל אָבער איז מיין ערשטער טאָג פּעדלען אין שטעטל געווען נישט שלעכט. און איך בין געווען צופרידן. איך געדענק נאָך איצט ווי נאָכן ערשטן טאָג פון מיין פּעדלען אין שטעטל האָב איך קיין איין מאָל נישט געהערט די ווערטער „גאָט נאָ מאָני״, ווי איך פלעג אַזוי גאַנץ אָפט הערן, ווען איך האָב געקלאַפּט אין די טירן אין שטאָט, אין די שוואַרצע געגנטן. איך געדענק אויך, אַז אין דעם ערשטן הויז ווו איך האָב געעפנט און צעלייגט מיין סחורה, איז די צווייטע פרוי, יולע מעי, געווען אַזוי באַגייסטערט מיט אַלע אַרטיקלען, וואָס זי האָט געזען און זי האָט אַלעמאָל אויסגעשריען „ווי שיין!״, און איך האָב געהערט איר זאָגן, אַז ווען זי האָט געלט און קלאָוד, איר מאַן, וואָלט דערלויבט, וואָלט זי ביי מיר אויסגעקויפט די גאַנצע קראָם. איך געדענק אויך, אַז בשעתן עפענען מיין וואַליזע און דורך דער צייט פון דער גאַנצער פּראָצעדור, האָט יוליע מעי אַ פּאָר מאָל אַ זאָג געטון צו דער צווייטער פרוי, דער באַלע־באָסטע: — דו ווייסט, — זאָגט זי — ענילאָ וואָלט ממש משוגע געוואָרן ווען זי זעט די אַלע שיינע זאַכן!

איז עס מיר אַריין אין זכרון און פאַר מיין אַוועקגיין האָב איך אַ פרעג געטון צי דענקען זיי איך זאָל צוגיין צו דער „לײדי״, וועלכע זיי האָבן דערמאָנט און איר אָנבאָטן עפּעס צו קויפן ביי מיר.

— אָ, — האָבן זיי ביידע אויסגערופן — יאָ! שור! קענסט איר זאָגן, אַז איך און יולע מעי האָבן אויך ביי דיר געקויפט!

ביי מיין אַוועקגיין איז דער מאַן מיט מיר מיטגעגאַנגען ביזן אַרויס־גאַנג פון הויף און מיר אָנגעוויזן אין דער ריכטונג, ווי אַזוי צו גיין צו מרס. ענילאָ בעדפאָרד. איך האָב אים זייער שיין באַדאַנקט און בין אַוועק.

אויפן וועג אָבער צו מרס. בעדפאָרד האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין עטלעכע הייזער און געמאַכט אַ ביסל „ביזנעס״ (געשעפטן).

און אַזוי בין איך צוגעגאַנגען און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון מרס. בעדפאָרדס הויז. אַן עלטערער מאַן האָט געעפנט די טיר. איך האָב גלייך אָפּגעזאָגט דעם געוויינלעכן פּסוק וואָס ביי אַלע טירן, וואָס עפענען זיך אויף מיין קלאַפּ, אָבער דאָ האָב איך צוגעגעבן, אַז די מרס. וויליאַמס און איר פריינדין, יולע מעי, האָבן מיך געראָטן צוצוגיין און אָנבאָטן

דער מרס. בעדפֿאָרד — אָן קיין אָבליגאַציעס, אָנצוקוקן מיין שטאָטישע שיינע סחורה. דער מאַן האָט אַ זאָג געטון: „קאָם אין!”. און ער האָט מיר אַריינגעפֿירט אין אַ גרויסן, ברייטן צימער, אָנגעוויזן אויף אַ שטול זיך צו זעצן. ער איז אַריין אין אַ צווייטן צימער און אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז ער אַרויסגעקומען צוריק מיט זיין פֿרוי, שוין אויך אַן עלטערע און אַ זאָג געטון:

— דאָס איז מיין פֿרוי, מרס. בעדפֿאָרד. ווי רופֿט מען דיך?

האָב איך אים, פֿאַרשטייט זיך, גלייך געענטפֿערט „דוד יאַמפּאָלסקי”. דער מאַן האָט אַ ביסל געטראַכט און אַ פֿרעג געטון: ווי אַזוי „איך לייג זיך אויס”, דאָס הייסט אין שריפֿט, צי קען איך עס אָנשרייבן?

אָנגעשריבן מיין נאָמען און עס אים דערלאַנגט. ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם אָנגעשריבענעם און אָנגעהויבן שטעלן נאָך פֿראַגן. דאָ האָט זיך שוין זיין פֿרוי אַריינגעמישט, זאָגנדיק צו אים:

— לאָז דעם מענטש צורו, ער אַרבעט דאָך אויף זיין לעבן און דו נעמסט אַוועק זיין צייט.

ער האָט זיך אַנטשולדיקט און אַ זאָג געטון: „זיי מיר מוחל, נו, גיי אָן מיט דיין ביזנעס” — דאָס האָט געמיינט — צו עפֿענען די קראָם.

איך האָב אָנגעהויבן אַרויסצונעמען אַרטיקלען און די פֿרוי האָט יעדע זאַך באַקוקט פֿון אַלע זייטן, געוויזן עס דעם מאַן און געפֿרעגט, וואָס ער דענקט וועגן דעם...

און אַלץ אַזוי פֿאַמעלעך און געמיטלעך, אַז ס׳האָט מיר אָנגעהויבן צו ווערן אַ ביסל איבערדריסלעך. אגב האָב איך אָנגעהויבן צו ווערן אומ־רואיק. איך האָב דערפֿילט, אַז עס הייבט אָן צו ווערן אַ ביסל שפּעט אין טאָג. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך ווייס אַפֿילו נאָך נישט ווו איך וועל היינטיקע נאַכט נעכטיקן. מכוח עסן האָב איך נישט געזאָרגט, מחמת אין מיין וואַליזע האָב איך געהאַט אַ ביסל שפּייז, וואָס די מומע סאָניע האָט מיר מיטגעגעבן, אָבער נעכטיקן? און ס׳ווערט שוין שפּעט. האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט, זיך אַנטשולדיקט און אַ פֿרעג געטון צי ס׳געפֿינט זיך ערגעץ דאָ אין שטעטל אָדער אין אומגעגנט אַרום עפּעס אַ פּלאַץ, אַ מין אַכסניה ווו אַ פֿרעמדער, אַ דורכפֿאָרער, קאָן איבערנעכטיקן.

דאָ האָט נאָכאַמאָל גענומען דאָס וואָרט דער מאַן און אַ זאָג געטון:

— ניין, אַזעלכעס איז אין דער געגנט נישטאָ. אָבער — זאָגט ער — אויף אַזויפֿיל וויפֿל מיר ווייסן, האָט נאָך אַ פֿרעמדער דורכגייער אָדער דורכפֿאָרער נישט גענעכטיקט אין דרויסן און דאַרפֿסט זיך וועגן דעם

נישט זאָרגן. אַט ווי דו זעסט וווינען מיר אין אַ גרויסער דירה און מיר זענען נאָר צוויי מענטשן, איז מיט מיין פרויס הסכמה, קענסטו ביי אונדז איבערנעכטיקן, אויב דו ווילסט, פאַרשטייט זיך.

— אַוודאי, — זאָגט די פרוי — בין איך מסכים, מיר זענען שטענדיק צופרידן צו האָבן געסט ביי אונדז אין הויז. דאָס צעשטרייט אונדז און ס'ווערט אַ ביסל היימלעכער.

איך באַדאַנק זיי זייער וואָס זיי האָבן אַראָפּגענומען פון מיר די זאָרג פון ערגעץ נעכטיקן און איך נעם אָן די איינלאַדונג. די פרוי האָט דערווייל אָפּגעקליבן אייניקע זאַכן, מיר באַצאָלט און באַמערקט דעם מאַן, אַז זי גייט צוגרייטן צום עסן „סאַפּער" (אָוונט־ברויט) און זי ווענדט זיך צו מיר און זאָגט:

— עס ווערט דאָך שוין פינצטער, ווּעסט דאָך שוין איצט ווייטער נישט גיין, ווּעסטו שוין היינט אָוונט עסן מיט אונדז — און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער איז זי אַרויס פון צימער און איך בין געבליבן זיצן מיטן מאַן, וואָס האָט גלייך נאָכאַמאָל אָנגעהויבן צו שטעלן פראַגן — ביזן עסן, אינמיטן עסן און נאָכן עסן, ביזן גיין שלאָפן; פראַגן פון וואָסער לאַנד קום איך, פון וואָס פאַר אַ שטאָט, מיט וואָס האָב איך זיך דאָרט באַשעפטיקט, מיין רעליגיע, פאַרוואָס מיר יידן גלויבן נישט אין קריסטוסן און נאָך און נאָך און נאָך פראַגן אָן אַן עק! איך האָב אים געפּרוווט ענטפערן אויף אַזויפיל אויף וויפל מיין ענגליש ריידן האָט מיר געדינט. און איך האָב זיך טאַקע פאַר אים אַנטשולדיקט דערקלערנדיק, אַז איך בין דאָ אין לאַנד אַ קורצע צייט. ער האָט פאַרשטאַנען און אַפילו צוגעגעבן, אַז ער באַוווּנדערט דאָס, מחמת ער פילט אַז אים וואָלט גענומען יאָרן ביז ער וואָלט געקאָנט ריידן אַן אַנדער שפּראַך אויסער ענגליש...

און אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט דעם גאַנצן אָוונט ביזן שלאָפן גיין און איך געדענק נאָך איצט ווי איך בין געלעגן אויף אַ באַקוועם אויס־געבעטט געלעגער און ווי אָנגענעם איבעררעאַשט איך בין געווען פון די סימפּאַטישע, ערנסטע, גאַסטפריינטלעכע מענטשן.

קאַפּיטל 43

הכנסת אורחים פון פאַרמערס צום „פעדלער"

אויפן צווייטן פרימאָרגן, נאָך פרישטיק, איידער איך האָב זיך געקליבן צום אַרויסגיין, האָב איך אַרויסגענומען פון סאַקוואַיאַזש אַ טישטעך וואָס איך האָב באַמערקט, אַז ער איז שטאַרק געווען געפעלן דער מרס. בעדפאָרד, אָבער זי האָט עס נישט געקויפט — און איר דערלאַנגט דעם טישטעך אַלס מתנה פאַר זייער גאַסטפריינטלעכקייט.

דאָ האָט נאָך אַ מאָל דער מאַן גענומען דאָס וואָרט מיט דער טענה, אַז „מיר זאָלן נעמען דעם טישטעך וואָלט עס דאָך געהייסן, אַז מיר נעמען געצאָלט פאַר דעם אַקט פון „הכנסת אורחים" — און ער האָט געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע דערביי. און פון זיין רעדע האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַזוי ווי ער איז אַן ערנסטער, איבערגעגעבענער גלויביקער, רעליגיעזער מענטש, וויל ער קומען „אַהין" מיט אַ גרויסן מצוה־באַגאַזש, און אַלע זיינע האַנד־לונגען „דאָ" זענען געווענדט, מערסטנס, אויפן עולם־הבא ווי אויף עולם־הזה, און דערפאַר פילט ער, אַז ווען ער קריגט באַצאָלט איז די מצוה קיין מצוה נישט.

איך בין אָבער צוגעשטאַנען, אַז זיי זאָלן אָננעמען מיין מתנה, מחמת אויב נישט, וועל איך זיך פילן זייער שלעכט. און ס'קען אויך זיין, אַז מחמת דעם וואָס איך וועל פון דעם האָבן יסורים, וועט דער גאַנצער עסק אויס מצוה.

איך האָב באַמערקט, אַז מיין אַרגומענט האָט געהאַט אַ ווירקונג און מרס. בעדפאָרד האָט די מתנה אָנגענומען און איר מאַן האָט אויך צוגע־שטימט. (ס'קאָן אויך זיין, אַז דער טישטעך, וואָס ס'איז דער מרס. בעדפאָרד אַזוי שטאַרק געפעלן האָט דאָ אויך גענומען אַן אַנטייל אין אונדזער פילאָ־זאָפעכץ...).

איך האָב זיי באמת האַרציק באַדאַנקט און אויך אַ זאָג געטון צו מרס. בעדפאָרד, אַז איך וואָלט זייער אָפּגעשאַצט, ווען זי וואָלט מיר רעקאָמענדירט אייניקע פון אירע פריינט, די, וואָס וואָלטן געווען פאַראינטערעסירט אין מיינע זאַכן, וואָס איך טראָג דאָ צום פאַרקויפן.

— אָ, שור, אַוודאי, פאַרוואָס נישט? — און זי האָט אָנגערופן נעמען און אַפילו איר מאַן האָט צוגעגעבן אייניקע.

איך האָב זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט און בין אַרויס ווידער מיטן פּאַק קלאַפּן אין טירן.

די ערשטע וואָך וואָס איך האָב אָפּגעאַרבעט אין שטעטל איז דער דער־פאַלג אין אַלע הינזיכטן, געווען פיל, פיל מער ווי איך האָב דערוואַרט. אָנגעקומען אין אַ שטעטל און אָנגעפּאַנגען אַרבעטן אין אַ מאָנטיק און אַרום דאָנערשטיק פּאַרנאַכט, אין דער זעלבער וואָך, איז מיין טשעמאָדאַן געווען כמעט ליידיק; און פרייטיק נאָך מיטאָג בין איך צוגעגאַנגען צום קליינעם וואָקזאַלעכל אין שטעטל, דורך וועלכן עס פלעגט אַלע טאָג אַרום זעקס אַזייגער פאַרנאַכט אָנקומען אַ באַן אויפן וועג קיין אַטלאַנטאַ.

אַלע זונטיק פלעג איך קומען צום פעדלער־סופּלאַי אָנצופּאַקן נאָך אַ מאָל מיין סאַקוואַיאַזש מיט סחורה און מאָנטיק פאָרן אין אַ צווייט שטעטל און אויף דעם זעלבן שטייגער האָט עס אָנגעהאַלטן וואָך־נאָך־וואָך, אין משך פון אייניקע חדשים; און כאָטש די דאָזיקע אַרבעט איז נישט געווען אַזוי גרינג — זיך אַרומצושלעפּן די גאַנצע וואָך מיטן פּאַק, שלאָפן יעדע נאַכט אויף אַן אַנדער געלעגער, עסן ביי פרעמדע טישן, זיך שלעפּן אין אַלע שלעכטע וועטערן אא״וו — האָב איך געפילט, אַז דאָס טו איך צוליב אַ ציל און אַ צוועק. איך פלעג זיך אַליין טרייסטן, אַז וואָס איך טו איצט איז ערשטנס, נאָר ביז אַ געוויסער צייט; צווייטנס, האָב איך טאַקע געזען גוטע, ממשותדיקע, פינאַנסיעלע רעזולטאַטן; דריטנס, האָט זיך מיין ענגליש ריידן פון טאָג צו טאָג פאַרבעסערט; און פערטנס — דאָס האָב איך קיינמאָל, עד היום, ווען איך שרייב די שורות, נישט פאַרגעסן, אַז בשעת מיין אַרומגיין מיטן פּאַק האָב איך געפילט און אָפּגעשאַצט די באַציונג צו מיר פון די שטעטלשע און פאַרמער־מענטשן, מיט וועלכע איך בין געקומען אין באַרירונג. איך האָב אָפּגעשאַצט זייער הכנסת אורחים־געפיל צום פרעמדן, צום גר, וועלכן זיי האָבן מקרב געווען און אים געמאַכט צו פילן זיך היימיש.

איך געדענק ווי איך פלעג וועגן דעם עניין פיל נאָכטראַכטן. איך האָב געוואָלט געפינען די סיבות פון די גוטע, שיינע, מענטשלעכע מידות, וואָס די מענטשן ווייזן דאָ אַרויס — אין דער זעלבער צייט, צוריק מיט עטלעכע חדשים, ווען איך האָב בייגעוווינט דעם פּאַגראָם אין אַטלאַנטאַ און געזען ווי זייערע אָמעריקאַנער ברידער האָבן געהאַנדלט ווי פּשוטע ווילדע וואַלד־חיות אין באַצוג צום שוואַרצן מענטשן, וואָס לויט זייער רעליגיע, איז ער אויך אַ גאָטס־באַשעפעניש.

איך האָב געטראַכט, אַז די סיבות דאָ זענען פאַרשיידענע: ערשטנס,

איז דער פעדלער, דער גר, אַ מענטש פון דער ווייסער ראַסע וואָס האָט דעמאָלט, אין יענע יאָרן, געמיינט גאָר גאָר אַ סך, (איך האָב שוין וועגן דער ראַסן־פּראַגע דערמאָנט פריער אין מיינע זכרונות), צווייטנס, האָט דער דאָזיקער פעדלער, דער פרעמדער מענטש, אַריינגעבראַכט אין זייער שטילן רואיקן, פלאַכן, מאָנאָטאָנעם לעבן עפּעס פון אַן אַנדער וועלט, וואָס איז זיי געווען פרעמד און דערפאַר האָבן זיי אים געהאַלטן אין באַוואַרפן מיט כלערליי פראַגן און אַזוי זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דעם פרעמדן, וואָס רעדט מיט אַזאַ צעקאַליעטשעטן ענגליש. דריטנס, האָב איך באַמערקט, אַז זייער גאַנץ גייסטיק לעבן באַשטייט פון זייער אינטערעס צו דער קירכע און זייער רעליגיע. אין זייער ריידן פלעגן זיי כסדר ציטירן פסוקים פון דער ביבל און אָפט דערמאָנען יעזוסן און זיינע אַפּאָסטאַלן — און דאָ זעען זיי פאַר זיך אַ מענטשן, איינעם פון אַ פאָלק, וואָס האָט זיי געגעבן זייער גאָט, זענען זיי געווען גערן צו האָבן אים אין זייערע היימען אויף וועטשערע און נאַכט־געלעגער און אַרויסגעוויזן צו אים דרך־ארץ, פריינטשאַפט און געמאַכט אים זיך פילן היימיש. — און כ׳האָב דערפילט אַז דאָס האָט פאַר־גרינגערט מיין אַרבעט.

און אַז איך האַלט שוין ביי דעם ענין וויל איך דאָ דערמאָנען, אַז אין מיינע עטלעכע און זעכציק יאָר לעבן אין דער „סאַוט", אין דער אָפּגעשטאַ־נענער, רעאַקציאָנערער, ראַסיסטישער, קו־קלוקס־קלאַנישער „סאַוט", האָב איך דורך די אַלע יאָרן נישט געפילט, אַלס יחיד, דעם אַנטיסעמיטיזם. איך האָב אים שוין אָבער גאָר, גאָר געפילט אַלס כלל, ספּעציעל אין דעם אומגליקלעכן, טראַגישן לעאָ פראַנק־פּראָצעס, אינעם יאָר 1913.

קאַפּיטל 44

איך ווער אַ מיטגליד אין „לאָדזש" ברית אברהם

נאָך אייניקע חדשים אַרבעטן אין די שטעטלעך און פאַרמס, האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן מכוח תכלית. איך האָב דערפילט, אַז מיטן „מה נאכל"־פּראָבלעם האָב איך זיך נישט וואָס צו זאָרגן. איך האָב אָנ־געזאַמלט אַ ביסל געלט, געווען בטוח אין פעדלער־סופּלאַי־קראָם. איך בין שוין געווען פון די וואָס פלעגן ערב זיין פאַר ניי־אָנגעקומענע. מיך האָט אָבער אָנגעהויבן מאַטערן דער געדאַנק, דער „לא על הלחם לבדו"...

נו, איך ווער אויס שטעטל־פּאַרמער־פּעדלער, איך בין שוין פינאַנסיעל בכוח מער וויניקער צו עטאַבליזירן זיך אין שטאָט. איז וואָס גיט מיר די שטאָט אַטלאַנטאַ חוץ נאָר פאַרן גוף, אויך עפּעס אַחוץ פונעם מה נאכל?

איך האָב זיך אָגעהויבן אַרומצוקוקן און באַטראַכטן מיט וועמען און מיט וואָס בלייב איך דאָ להשתקע, כדי צו בויען דאָ מיין ווייטערדיקן לעבנס־גאַנג?

אין די יאָרן 1906—1905, בעת מיין זיין אין אַטלאַנטאַ, איז דאָס יידישע גייסטיקע לעבן געווען פאַר מיר פּוסט, ליידיק, טרוקן, פלאַך, אָן עפּעס אַ פּיצל נשמה־יתירהדיקס. די יידישע באַפעלקערונג דעמאָלט אין גאַנצן שטאַט דזשיאָרדזשאַ איז באַשטאַנען פון אָן ערך זיבן טויזנט נפשות. די יידישע באַפעלקערונג אין אַטלאַנטאַ — אָן ערך צוויי און אַ האַלבן טויזנט. פון זיי האָבן זיך געפונען אַ פופצן הונדערט דייטשישע יהודים און אַ טויזנט צוועלף הונדערט „יידישע יידן". די דייטשישע יהודים האָבן געהאַט זייער טעמפּל, און די יידישע יידן זייער קליין שולכל מיטן נאָמען „אהבת אחים". איך וועל נאָך שפּעטער שרייבן וועגן די צוויי בתי תפילות און זייער השפעה אין לויף פון די יאָרן אויפן יידישן לעבן אין אַטלאַנטאַ.

ס'האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ „לאָדזש", מיטן נאָמען „ברית אברהם", וואָס די „יידישע יידן" האָבן געגרינדעט און אויך אַ „יאַנג מען היברו אַסאָצ." — פאַרקירצט ימה"א — געגרינדעט אונטערן אויפזיכט פון די דייטשישע „יאַהודים". איך האָב געהאַט אַ ביסל דערפאַרונג מיט דיביידע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איך וויל ווייטער פאַרצייכענען.

קודם „ברית אברהם לאָדזש": געקומען איין מאָל צו מיר מיין פריינט, דער יידישער פּאָליסמאַן פון אָדעס, לעווין, וועלכן איך האָב שוין פריער דערמאָנט, און שלאָגט מיר פאָר צו ווערן אַ „מעמבער" (אַ מיטגליד) אינעם „לאָדזש ברית אברהם". ער האַלט פאַר מיר אַ גאַנצע דרשה, ער דערציילט מיר די גרויסע מעלות פונעם „לאָדזש", אַז די סאַמע פּני פון שטאָט, דאָס הייסט די „יידישע יידן" זענען דאָרטן מעמבערס. ער זאָגט מיר אויך, אַז דער „לאָדזש" נעמט נישט אַריין סתם אַבי וועמען, — אָבער — זאָגט ער — אַז איך וועל דיך פאַרשלאָגן, וועסטו זיכער דורכגיין. ער זאָגט מיר אויך וויפל עס קאָסט אַ חודש און אַנדערע איינצלהייטן — און צום פאַר־שלאָגן אַ „מעמבער" דאַרף מען איינצאָלן דריי דאָלאַר. גיב איך אים די דריי דאָלאַר. איך האָב דערביי געפילט, אַז סיי־ווי וועל איך אים נישט אָפּזאָגן אָדער אָפּלייגן אויף שפּעטער — ער איז דאָך געווען דער ערשטער מענטש און פריינט, וואָס איך האָב באַגעגנט אין אַטלאַנטאַ. האָט ער גע־

נומען ביי מיר די דריי דאָלאַר און געזאָגט, אַז זונטיק וועט ער זיין ביים „לאָדזש"־מיטינג און מיך פאַרשלאָגן, און אויב איך וועל אָנגענומען — וואָס ער איז כמעט זיכער אַז יאָ — וועט ער מיר לאָזן וויסן און איך וועל דאַרפן קומען צום קומענדיקן מיטינג און מען וועט מיך, מיט נאָך צוויי „מעמבערס"־מיטגלידער, וואָס ער האָט „געמאַכט" — איינשווערן.

די קומענדיקע וואָך איז ער געקומען אַ שמייכלענדיקער, מיר אָפּ־געגעבן מזל־טוב — מ'האָט מיך אָנגענומען און איך דאַרף קומען דעם און דעם זונטיק צו ווערן איינגעשווירן. — אָבער דאָ הויבט זיך אָן די גאַנצע צערעמאָניע, וואָס דו דאַרפסט דורכגיין ביז דו ווערסט אַ „מעמבער". קום־כל — זאָגט ער צו מיר — אַז דו וועסט אַרויפקומען אויפן צווייטן שטאָק אין אַ געוויסער געביידע אין דער גאַס, וווּ דאָרטן איז דער מיטינג־פּלאַץ פון דעם „לאָדזש", דאַרפסטו צוגיין צו אַ פאַרמאַכטער טיר, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ פענצטערל. דאַרפסט צוגיין צו דער דאָזיקער טיר און געבן דריי מאָל אַ קלאַפּ. דער, וואָס שטייט אינעווייניק פון יענער זייט טיר, וועט געבן דריי „קלעפּ" צוריק און עפענען דאָס פענצטערל. ווען ס'פענצטערל וועט זיך עפענען דאַרפסטו אַריינזאָגן דאָס „פּעס־וואָרט",*) וואָס איך וועל דיר דאָ געבן און וואָס דו דאַרפסט עס אויסלערנען און געדענקען. און נאָך דעם, ווי דו וועסט זאָגן דעם מענטש לעבן דער טיר דאָס „פּעס־וואָרט", וועט ער עפענען פאַר דיר די טיר און ווען דו וועסט אַריינגיין, זאָלסטו בלייבן שטיין מיטן פּנים צום פּרעזידענט, צולייגן דיין רעכטע האַנט צום האַרצן און מיט דער צווייטער האַנט שיקן אַ „לופט־קוש" דעם פּרעזידענט. און ווען דער פּרעזידענט וועט דיר שיקן אַ „לופט־קוש" צוריק — ביסטו שוין אַן איינגעשווירענער „מעמבער" און קאָנסט זיך אַוועקזעצן.

איך האָב אויסגעפאָלגט און דורכגעגאַנגען די גאַנצע פּראָצעדור, זיך אַוועקגעזעצט, זיך אַרומגעקוקט. איך האָב געזען דאָרט אייניקע מענטשן, באַקאַנטע, וואָס איך פלעג זיך מיט זיי טרעפן אין דער קראָם פון פּעדלער־סופּלאַי.

די פראַגע, וואָס איז דעמאָלט ביים מיטינג באַהאַנדלט און דיסקוטירט געוואָרן איז באַשטאַנען אין דעם: אַזוי ווי דער „לאָדזש" נויטיקט זיך אין אַן אייגענער יידישער „סעמיטערי" (בית־הקברות), באַשטייט דער פּראָ־

*) עפּעס אַ „האָקוס־פּאָקוס" — וואָס איך געדענק שוין נישט.

בלעם — ווי גרויס ס׳זאָל זיין דער פּלאַץ, ס׳הייסט, וויפל לאַנד (באָדן) אויף קברים זאָל מען דערוויל קויפן!

אינאיינעם מיט דעם איז אויך דיסקוטירט געוואָרן ווי אַזוי און וויפל די מעמבערס זאָלן צאָלן פאַרן „סעמיטער־פאָנד" אא״וו.

איך בין אויסגעזעסן דעם גאַנצן מיטינג און דאָס איז געווען מיין ערשטער און לעצטער באַזוך אינעם „לאָדזש ברית אברהם", וואָס איז שוין לאַנג, לאַנג אַליין אויפן עולם האמת.

נאָך מיין דערפאַרונג פון מיין באַזוך אינעם „ברית אברהם לאָדזש" האָב איך אַ פּאָר מאָל באַזוכט די אָרגאַניזאַציע אָדער קלוב, וואָס האָט זיך גערופן י. מ. ה. א. דאָרטן האָט מען נישט געדאַרפט געבן „דריי קלעפּ אין טיר", נישט געדאַרפט קיין „פּעס־וואָרט", „וואַרפן אַ קוש דעם פּרע־זידענט" אא״וו. דאָרטן האָבן זיך געפונען עטלעכע יונגע חברה, ביי־געקו־מענע, און דער הויפּט־צוועק פון דער טעטיקייט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַ פּאָר הי־געבוירענע יונגעלייט און אונטערן אויפזיכט פון די דייטשישע „יאַהודים", האָט זיך געדרייט אַרום וואָס שנעלער זיך אַמעריקאַניזירן, זיך לערנען ענגליש, אא״וו. די מערהייט פּראָגראַמען זענען באַשטאַנען פון פאַרשיידענע ספּאָרט־שפּילן. אמת, זיך לערנען ענגליש, לייענען און שרייבן איז געווען זייער וויכטיק, אפשר ספּאָרט־שפּילן אויך, אָבער קיין גייסטיקע הנאה, אַ רוחניותדיקע עליה האָט עס נישט געקאָנט פאַרשאַפן. און אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער גייסטיקער יידישער קולטור־באַגאַזש אין אַטלאַנטאַ, אינעם יאָר 1906.

איך האָב נאָך דעמאָלט געשטעקט מיט מיין גאַנצן מהות אין צוויי סביבות: — אין רוסלאַנד, אין דער שטאָט נעמיראָוו, אינעם דאָרטיקן, דעמאָלטיקן שטורעמדיקן, רעוואָלוציאָנערן לעבן — און איצט, אין דער סביבה פון די צען טעג אין ניו־יאָרק, אינעם קאָכעדיקן, ברויזנדיקן, יידישן קולטורעלן לעבן אויף דער איסט־סייד און אויף איסט־בראָדוויי.

איז וואָס שייך רוסלאַנד, נעמיראָוו, איז דאָך וועגן דעם אַפילו נישט שייך צו טראַכטן; דאָס איז שוין הינטער מיר לעולם ועד. אָבער נאָך ניו־יאָרק און נאָך דער איסט־סייד, האָב איך באמת געבענקט. און ס׳איז מיר אַפילו געקומען אַ געדאַנק: אפשר טאַקע ניו־יאָרק? און איך האָב געוויגן און געמאָסטן און אָנגעהויבן צו פאַרגלייכן די צוויי שטעט — אַטלאַנטאַ און ניו־יאָרק — און איך האָב זיך געפונען פּנים־אל פּנים פאַר אַ דילעמע, דהיינו: אין ניו־יאָרק וואָלט איך געפונען נשמה, אָבער אָן אַ גוף, אין אַטלאַנטאַ — אַ גוף, אָבער אָן אַ נשמה. און איך בין אַרומגע־

גאַנגען אייניקע טעג אַ פאַרטראַכטער, און ווען דער פעטער ראובן און די מומע סאַניע האָבן באַמערקט, אַז איך גיי עפּעס אַרום ווי אַ „נעבכטיקער", האָב איך אַליין פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס מכוח דעם. מיר זענען אָפּ־געזעסן אַ גאַנצן אָוונט, ביז העט, שפּעט אין דער נאַכט, אַרומגערעדט דעם ענין פון מיינע דילעמע־מחשבות אין אַלע פּאַזן. און דער פעטער ראובן האָט גענומען דאָס וואָרט. דער פעטער ראובן האָט גוט געקענט ניו־יאָרק, ער האָט אויך פאַרשטאַנען די סיבה פון מיינע מחשבות. דער פעטער ראובן האָט פאַרמאָגט אַ פּראַקטישן אַנאַליטישן, אינטעליגענטן קאָפּ און ער האָט געבראַכט וואָגיקע, לאָגישע אַרגומענטן קעגן מיין טראַכטן אַפילו, וועגן אַזאַ שריט. איך טאָר — זאָגט ער — בשום אופן נישט ריזיקירן מיט דעם, וואָס איך האָב שוין ביז איצט דערגרייכט און גיי אויף אַ מער־ווייניקער פּראַקטישן וועג. „און זאָל דיך — האָט ער געזאָגט — די ניו־יאָרקער איסט־סייד פון דעם וועג נישט אַראָפּפירן".

איך האָב זיך וועגן דעם ענין דורכגערעדט מיטן באַלעבאָס פון פּעדלער־סופּלאַי און מיט דזשעקן. דער באַלעבאָס האָט זיך פּשוט פון מיר אויס־געלאַכט. דזשעק האָט מיך אַ ביסל פאַרשטאַנען. ער פלעגט זיך אויך אָפּט אויסריידן, אַז ס'איז אים דאָ אומעטיק. ער פלעגט זיך אָבער טרייסטן מיט דעם, אַז מיט נייע יונגע, אַנגעקומענע עמיגראַנטן וועט אפשר, אפשר, ווערן דאָ אַ ביסל מער אינטערעסאַנטער. אָבער ער איז אויך געווען שטאַרק קעגן מיין טראַכטן וועגן ניו־יאָרק.

איך האָב זיך צו ביסלעך אויסגעניכטערט פון מיינע חלומות און אָנ־געפאַנגען טראַכטן וועגן אַנדערע פּלענער און זיך אַ נעם געטון צו מיין אַרבעט — צו פּעדלען אין שטאָט — אַן אַרבעט, וואָס איך בין שוין געווען מיט איר היימיש און באַקאַנט, מיט דער איינציקער, נייער פּאַזע, וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרקויפן אויף באָרג, אויף אויסצאָלן.

נאָך אייניקע וואָכן פאַרקויפן האָב איך אויסגעפונען, אַז ס'איז זייער גרינג צו פאַרקויפן אויף באָרג די שוואַרצע. ס'איז אָבער געווען זייער שווער ביי זיי איינצומאַנען דעם חוב — פּשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט — דאָס אַלטע לידל „גאָט נאָ מאָני". ווייסע קונים ווידער איז שווערער עפּעס צו פאַרקויפן, ס'איז אָבער גרינגער ביי זיי איינצוקאַסירן זייער חוב, ווייל פּשוט, זיי פאַרדינען מער ווי די שוואַרצע. האָב איך אויסגעקליבן דאָס לעצטע, דאָס הייסט, אַרבעטן צווישן די ווייסע. און איך געדענק, אַז ס'האָט מיר נישט גענומען קיין לאַנגע צייט, בלויז עטלעכע חדשים, און איך האָב שוין נישט געדאַרפט קלאַפּן אין נייע טירן.

מיינע קונים פלעגן שוין מיך רעקאָמענדירן צו זייערע פריינט, איינער דעם צווייטן, דער צווייטער דעם דריטן אאַ״וו. די אַרבעט איז געווען אַ גרינגע, אַפילו אַן אינטערעסאַנטע — זיך באַגעגנט מיט מענטשן, פּראַקטיצירט דאָס ענגליש ריידן.

אַ צרה איז געווען מיט מיין נאָמען. די מערהייט האָבן בשום אופן מיין נאָמען יאַמפּאָלסקי נישט געקענט פריי און גרינג אַרויסריידן. און סיי זיי, ווי אויך אַנדערע האָבן זיך געפילט צוליב דעם אומבאַקוועם. אייניקע האָבן געפרעגט אויף מיין ערשטן נאָמען „דייוויד״, איז פון „דייוויד״ געוואָרן „דייוויס״ — און אַזוי בין איך פאַרבליבן! איך האָב אַפילו אָפּגעדרוקט ביזנעס־קאַרטלעך מיטן נאָמען ד. דייוויס אויפן אַדרעס פונעם פעדלער־סופּלאַי אין דעקייטער־סטריט, ווו איך פלעג שיקן מיינע קונים מיט מיינע קאַרטלעך, וואָס זיי פלעגן דאַרפן קויפן אויף מיין חשבון. און אַזוי ווי איך בין שוין, כמעט, גערופן געוואָרן דייוויס פון יעדן איינעם, מיט וועלכן איך בין געקומען אין באַרירונג, האָבן מיר היימישע מענטשן געראָטן און איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן דעם דאָזיקן ענין לעגאַל. און די פּראָצעדור דערפון איז געווען אַזאַ:

אין מיין אַפּליקאַציע צו ווערן אַ לעגאַלער בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָב איך, אין 1910, פינף יאָר נאָך מיין אָנקומען קיין אַמעריקע, שוין געהאַט מיינע ערשטע פּאַפּירן. האָב איך אין דער אַפּליקאַציע אָנגעגעבן צו בייטן מיין נאָמען פון דוד יאַמפּאָלסקי אויף דוד דייוויס. און אינעם טאָג, ווען איך בין גערופן געוואָרן צו ווערן איינגעשווירן אַלס בירגער איז מיין פאַרלאַנג געלייענט געוואָרן פאַרן געריכט און דער ריכטער האָט עס באַוויליקט און מיינע בירגער־פּאַפּירן זענען אַזוי געוואָרן פאַרשריבן און געוואָרן לעגאַל.

קאַפּיטל 45

פּעטער שמיל קומט קיין אַמעריקע

איך האָב אָנגעהויבן צו באַמערקן יעדעס מאָל, ווען איך פלעג אַריינקומען אין קראָם פון פעדלער־סופּלאַי נייע פּנימער, ניי־אָנגעקומענע עמיגראַנטן — די מערהייט פון מזרח־איירָאָפּע — פון פּוילן, רוסלאַנד, אוקראַינע, מיט וועלכע מען האָט געקאָנט צו מאָל כאַפּן אַ היימישן שמועס און זיך דערפילן אַ ביסל דערפרישט.

אָבער מיין גרעסטע, פריילעכסטע איבערראַשונג האָב איך איבער־געלעבט אין אײנעם אַ טאָג, אין וועלכן קומענדיק אַהיים — מיין היים איז געווען מיט דער מומע סאָניע און פעטער ראובן — האָב איך געפונען אַ בריוו צו מיר פון ערגעץ אַ שטאָט אין דייטשלאַנד. דער בריוו איז געווען פון פעטער שמיל, אַז ער איז אויפן וועג קיין אַמעריקע און ער דענקט, אַז אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועט ער אָנקומען קיין אַטלאַנטאַ. דערוייל, שרייבט ער, קומט ער אַליין און די משפחה וועט קומען שפּעטער.

איך האָב געלייענט דעם בריוו און פּשוט מיינע אויגן נישט געגלויבט, געלייענט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. ס׳איז פאַר מיר געווען אַזאַ איבער־ראַשונג, מחמת פון די בריוו וואָס איך פלעג באַקומען פונעם פעטער שמיל האָט ער מיט קיין וואָרט און קיין רמז נישט דערמאָנט, אַז ער קומט קיין אַמעריקע. זייער מעגלעך, אַז ער האָט עס נישט געוואָלט און נישט געקאָנט טון, ביז ער איז שוין געווען ווייט אַוועק פון רוסלאַנד. ווי די זאַך זאָל נישט געווען זיין איז די דאָזיקע ידיעה געווען פאַר מיר די גרעסטע פרייד, פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין זיין אין אַמעריקע. אמת, מיך האָט גע־מאַטערט דער געדאַנק וועגן דעם, וואָס דער פעטער שמיל וועט, ווי אַלע עמיגראַנטן, דאַרפן דורכגיין דעם פּראָצעס פון ווערן „אויסגעגרינט״, וואָס איז נישט אַזוי געשמאַק. איך האָב אָבער דעם געדאַנק נישט גענומען ערנסט. קענענדיק דעם פעטער שמיל איז ער געווען אַ מייסטער צו באַזיגן און בייקומען אַלערליי אומשטאַנדן, אַפילו די ערגסטע. ווי איך געדענק, למשל, בעתן אַריינגעבן דאָס קינד אין דער גימנאַזיע אין דעם צאַרישן רוסלאַנד און אַנדערע קריטישע צייטן אין זיינע מסחרים — זיין צוגאַנג צו דעם, וואָס יידן פלעגן זאָגן „אַז מ׳קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער״, — איז זיין טייטש געווען „אַז מען קען נישט אַריבער — מוז מען אַריבער!״

אגב, האָב איך אויך געטראַכט, עס איז דאָך איצטער אַ צייט, וואָס דאָס אַנטלויפן פון רוסלאַנד מיינט דאָך פּשוט צו ראַטעווען דאָס לעבן, איז וואָס האָבן דאָ פאַר אַ באַדייט אומשטאַנדן אַזעלכע, וואָס מ׳קען זיי אין אַ קורץ שטיקל צייט איבערקומען.

אָט זע איך דאָך יידן, וועלכע געפינען זיך דאָ שוין פון די פריערדיקע יאָרן — זיי זענען איינגעאָרדנט און לעבן אַ רואיק, זיכער לעבן אין פאַרגלייך מיט דעם, פון וועלכן זיי זענען אַנטלאָפן. אגב, האָב איך ווידער געטראַכט, וואָס דאַרף איך גיין ווייט זוכן ביישפּילן: אָט, טראַכט איך, כאַפּ אַ קוק אויף זיך אַליין. איך מוז דאָך צוגעבן, אַז מיר איז איצט אַ סך

גרינגער, בעסער, זיכערער ווי ס'איז מיר געווען ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק.

האָב איך פאַרטריבן אָט די דאָזיקע באַטראַכטונגען און זיך געפרייט מיטן געדאַנק, אַז דער פעטער שמיל איז אויפן וועג אַהער — און איך האָב געציילט די טעג.

אגב איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז דער בריוו פון פעטער שמיל איז טאַקע געקומען פון דייטשלאַנד און פון דער שטאָט בערלין, מחמת ווען דער פעטער איז געקומען האָט ער, צווישן אַנדערע זאַכן פון זיין רייזע אויף דערמאָנט, אַז ער האָט ספּעציעל זיך אָפּגעשטעלט אין דער דייטשישער שטאָט בערלין אויף אַ פּאָר טעג, מחמת ער האָט זיך דאָרט געטראָפן מיט זיין פריינט און חבר, מיטן יידיש־העברעישן שרייבער מיכה־יוסף באַרדי־טשעווסקי, מיט וועמען ער האָט פאַר אַ שטיקל צייט אָנגעהאַלטן אַ קאָ־רעספּאָנדענץ.

די צייט איז דערוויייל געגאַנגען און אויך איך בין אָנגעגאַנגען מיט מיין אַרבעט, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אין פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן; נייע עמיגראַנטן האָבן געהאַלטן אין איין שטראָמען יעדן טאָג, די יידישע באַפעלקערונג אין אַטלאַנטאַ האָט געהאַלטן אין וואַקסן — איינער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ צווייטן. איך אַליין האָב אַראָפּגעבראַכט מיינע צווי ברי־דער — מיין עלטערן ברודער משה און מיין יינגערן ברודער יאָסל.

אין די צוויי יאָרן 1906—1905 האָט זיך דאָס גאַנצע בילד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַטלאַנטאַ געביטן. מען האָט ממש געזען ווי פונעם דערפל איז געוואָרן אַ שטעטל, און פון שטעטל אַ שטאָט. די באַשעפטיקונגען פון די „נייע" האָבן זיך נאָך אַלץ געדרייט אַרום די קליינע מסחרים ווי פעדלען און „גראָסעריס" (שפּייז־קראָמען), ס'האָבן שוין אָבער אָנגעהויבן אַרויסצושפּראָצן אַנדערע מסחרים ווי פעדלער־סופּלאַיס, אויך הורטאָווע שפּייז־סוחרים. ס'האָבן זיך אויך באַוויזן אָנפאַנגער פון בויען קליינע הייזקעס צום פאַרדינגען אָדער פאַרקויפן און אַנדערע קליינע גע־שעפטן און קוואַלן פון פרנסות — ספּעציעל פאַר די עמיגראַנטן, וועלכע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו אינוועסטירן אַ ביסל קאַפּיטאַל.

עס זענען שוין אין יענער צייט געווען אַזעלכע יונגעליט־עמיגראַנטן וואָס דאָס פעדלען און די קליינע שפּייז־געשעפטלעך צווישן די שוואַרצע איז נישט געווען לויט זייער געשמאַק און אַזוי גיך ווי זיי האָבן געכאַפּט אַ ביסל די ענגלישע שפּראַך פלעגן זיי קריגן שטעלעס אין די גרויסע אינשורענס־געזעלשאַפטן. די דאָזיקע שטעלעס, „דעבטס ראַוטס" האָט עס

געהייסן, זענען באַשטאַנען פון דעם, וואָס די דאָזיקע יונגעלייט פלעגן אַרומגיין אין די שוואַרצע געגנטן איינמאָנען ביי זיי די וואָכנטלעכע איינצאָלונגען אויף זייערע „פּאַליסעס" און אויך שרייבן נייע „פּאָליסעס", און נאָך אַנדערע אַזעלכע באַשעפטיקונגען.

און אַזוי האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג געהאַלטן אין פאַרגרעסערן, אָבער דאָס גייסטיקע לעבן איז נאָך אַלץ געווען ליידיק און טרוקן, אָן עפּעס אַן אינהאַלט, נישט לויטן געשמאַק פון דער מערהייט ניי־געקומענע פון די שטורעמדיקע רעוואָלוציאָנערע יאָרן 6־5־4—1903 אין רוסלאַנד.

און צווישן די ניי־געקומענע האָבן זיך אויך געפונען די וואָס האָבן מער ווי אַנדערע דערפילט די נויטווענדיקייט עפּעס צו שאַפן, עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל האָבן אַ מאָדערנעם, גייסטיקן, יידישן, קולטורעלן ווערט פאַר די, וואָס אַזעלכעס האָט זיי אויסגעפעלט — צווישן די דאָזיקע ניי־געקומענע האָט זיך געפונען אַ משפחה פון זיבן ברידער מיטן נאָמען מערלין און אויף דער איניציאַטיוו פון אַ פּאָר פון זיי וואָס זענען געווען אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג אין רוסלאַנד און געקומען קיין אַמעריקע זענען זיי אין דער צייט, ווען די אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „אַרבעטער־רינג" איז געוואָרן פּאָפּולער און „צווייגן", „ברענטשעס" פון אַרבעטער־רינג האָבן זיך געהאַלטן אין גרינדן, כמעט, אין אַלע גרויסע שטעט איבער אַמעריקע. האָבן צוויי פון די מערלין־ברידער, אויף זייער איניציאַטיוו, אָרגאַניזירט דעם א. ר. ברענטש אין אַטלאַנטאַ. אין אַ קורצער צייט זענען אויך געגרינדעט געוואָרן „ברענטשעס" אין אַלע גרעסערע שטעט פון די דרום־שטאַטן.

דער אַטלאַנטאַ־ברענטש איז געווען דער גרעסטער אין דער צאָל מיטגלידער, ווי אויך אין זיינע אַקטיוויטעטן. ס'איז אויך כדאי צו פאַרצייכענען, אַז אין דער אָרגאַניזאַציע אין אַטלאַנטאַ, וואָס האָט זיך גערופן „אַרבעטער־רינג", וואָס מיינט אַ רינג, אַ סביבה, אַ קרייז פון אַרבעטער, בעל־מלאכות, האָבן זיך דעמאָלט און אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, און עד היום, געפונען זייער, זייער אַ קליינע צאָל יידישע אַרבעטער, אמתע פּראָלעטאַריער, פאַבריק־אַרבעטער, אאז"וו. אַפילו אין דער צייט וואָס דער אַטלאַנטער „ברענטש" האָט דערגרייכט די צאָל פון הונדערט מיטגלידער, האָבן זיך אפשר געפונען צוויי־דריי יידישע שניידער בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געאַרבעט אין די גרויסע מענער־קליידונג־געשעפטן אַלס אָנמעסטער, צושניידער, צופּאַסער, די גאַנץ גרויסע מערהייט מיטגלידער האָבן זיך געוואָרפן אויף קליינע מסחרימלעך. אמת, דאָס וואַרפן זיך צו די קליינע

געשעפטעלעך איז פשוט געווען אַ מזל, ווייל דער גאַנצער שטאַט דזשיאָר־דזשאַ, ווי אויך אַטלאַנטאַ, איז באַשטאַנען דעמאָלט פון אַגריקולטור און „קאָטן״־מסחר (ביינוול־מסחר). און קאָטן־אינדוסטריע האָט געמיינט שקלאַפן־אַרבעט. אגב, דאָס איז געווען דער פעריאָד, ווען די טעקסטיל־אינדוסטריע פון ניו־אינגלענד־שטאַטן האָט זיך געצויגן צו דער „סאַוט״ צוליב דעם ביליקן אַרבעטס־כוח אין די דרום־שטאַטן און אויך אין דזשיאָרדזשאַ. האָב איך דאָך אַליין געוואָלט ווערן אַ פאַבריק־אַרבעטער אין אַטלאַנטאַ, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט און געמוזט דעם געדאַנק אָפּוואַרפן און זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש. דאָס זעלבע איז געווען מיט אַלע אַנדערע יידישע עמיגראַנטן, אַפילו די, וואָס זענען געווען אמתע פּראָלעטאַריער פון דער היים, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

איז טאַקע די גאַר גרעסטע מערהייט מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג געוואָרן קליינבירגער אָבער מיט אַ פּראָלעטאַרישער, פּראָגרעסיווער, יידי־שער קולטורעלער אידעאָלאָגיע. און אויף דעם געביט האָט זיך אָט די אָרגאַניזאַציע פאַרנומען און פאַרמאָסטן אויף אַ גאָר גרויסן פאַרנעם.

קאַפּיטל 46

דער „אַרבעטער־רינג״ אין אַטלאַנטאַ און די יידישע קינדער־שול

אין יענער צייט, אין די יאָרן פון 1910—1909 איז לויט דער איני־ציאַטיוו, און אויך דורך די מערסטע מיטלען פון די אַטלאַנטער דייטשישער „יאַהודים״ אויפגעבויט געוואָרן פאַר דער אַטלאַנטער יידישער קהילה אַ געביידע, וואָס האָט זיך גערופן „עדיוקיישאָנעל עלאַיענס״. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער אַקטיווער, אַלגעמיינער יידיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון די יידישע „יאַהודים״ אין אַטלאַנטאַ, וואָס האָט דערפירט צו דער איצטיקער עקזיסטענץ פון דער אַטלאַנטער יידישער פעדעראַציע.

אין דער געביידע האָט אויך דער אַרבעטער־רינג אָפּגעהאַלטן זיינע מיטינגען אַ שטיקל צייט, ביז זיי האָבן באַשלאָסן זיך אַריינצוציען אין זייער אייגענער היים, וואָס האָט זיך גערופן „דער אַרבעטער־רינג לאַי־סעום״. און דאָרטן, אין זייער אייגענער היים, האָבן זיי זיך ערשט, אָן שטערונגען, אַ נעם געטון צו דער אַרבעט.

אַ גרופּע פאַרערער פון חיים גרינבערג (אין צענטער) בעת זיין באַזוך אין אַטלאַנטאַ, אין די צוואַנציקער יאָרן

קודם־כל איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע „לייברערי" (ביבליאָטעק) מיט די סאַמע וויכטיקסטע ביכער פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַ־טור; אויך אויסגעשריבן פון ניו־יאָרק אַלע טעגלעכע און יידישע וואָכנ־צייטונגען און זשורנאַלן; ס'פלעגן אויך צו אונדז אַראָפּקומען געסט — שרייבער, רעדנער, לעקטאָרן פון אַלע ריכטונגען אין יענער צייט אויף דער יידישער גאַס, פון דער ניו־יאָרקער איסט־סייד. איך געדענק נאָך איצט אונדזער ערשטן גאַסט, וואָס איז צו אונדז אַראָפּגעקומען פון ניו־יאָרק. דאָס איז געווען דער סאָציאַליסט־בונדיסט ברוך וולאַדעק, וואָס איז דעמאָלט, אין זיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס דער „יונגער לאַסאַל". איך געדענק אויך, אַז דעמאָלט, ווען וולאַדעק איז געווען אין אַטלאַנטאַ, בין איך שוין אַרומגעפאָרן מיט אַ פערד און וועגעלע, „אַ האָרס ענד באַגע", צו מיינע קונים. האָב איך גענומען וולאַדעקן אויף אַ שפּאַציר, געוויזן אים די שיינע געגנטן פון דער שטאָט, אים אויך געפירט אין די געגנטן פון די „קאָטן־מילס" אין דעם „עמק הבכא", וואָס איך האָב שוין פריער דערמאָנט. איך האָב אים אויך געבראַכט אין דער נעגערישער געטאָ און אין דער רעדאַקציע פון אַ טעגלעכער צייטונג פאַר שוואַרצע, ווו ער האָט געכאַפּט אַ שמועס מיטן נעגערישן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

וולאַדעק איז געווען אַ מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט, זייער אַ צוגע־לאָזטער מענטש, אַ גוטער ברודער, אַ חבר, אַ היימישער.

גראָד אין יענער צייט איז געווען אַנאָנסירט, אַז עס איז דערשינען אַ בוך פון אב. קאַהן, רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „פאָרווערטס", מיטן נאָמען „די געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן" אין יידיש. איך האָב אין אַ שמועס מיט וולאַדעקן אים אַ פרעג געטון, וואָס ער דענקט וועגן קאַהנס געשיכטע פון אַמעריקע? וולאַדעקס ענטפער געדענק איך נאָך ביז איצט:

— איר וועט אַרויסקריגן אַ סך מער ווען איר וועט לייענען די גע־שיכטע פון אַמעריקע אין ענגליש און פון מער קאָמפּעטענטע היסטאָריקער ווי אב. קאַהן איז. בכלל — האָט ער געזאָגט — דאַרפן מיר זיין, ווי ווייט מעגלעך, באַקאַנט מיט דער שפּראַך פון לאַנד און איר ליטעראַטור. — אגב, האָט ער מיר שוין רעקאָמענדירט צו לייענען ביכער אין ענגליש פון אַזעלכע שרייבער, וואָס זענען דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער ווי לינקאָלן סטעפענס, דזשאָן ריד, אייפּטאָן סינקלער, דזשעק לאָנדאָן און נאָך און נאָך

פּרץ הירשביין (אין צענטער) אויף אַ באַזוך אין יידישן פּראָגרעסיוון דראַמ־ קלוב אין אַטלאַנטאַ — 18.3.1917

שרייבער פון דער ענגלישער ליטעראַטור. און איך האָב זיי טאַקע געלייענט און שטאַרק הנאה געהאַט.

מיט וואָלאַדעקס קומען קיין אַטלאַנטאַ איז נאָר געווען אַן אָנפאַנג. אָבער שפּעטער אין יענער תקופה, ווען ס׳איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ צווייג פון „יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד״, פלעגן אַראָפּקומען קיין אַטלאַנטאַ די סאַמע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן — שרייבער, לעקטאָרן און פאַרשטייער פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור, אַזעלכע נעמען ווי שמואל ניגער, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ד״ר נחמן סירקין, חיים גרינ־בערג, קלמן מרמר, מ. אָלגין, פּרץ הירשביין, אברהם רייזען, יואל ענטין, און וויפל נאָך און נאָך! ס׳איז געווען אַ שפע פון קולטורעלע, יומטובדיקע טעג און וואָכן — יאָ, וואָכן; די מערהייט פון די אויבן־דערמאָנטע שריי־בער און לעקטאָרן פלעגן נישט קומען אויף שבת אָדער אַ זונטיק־נאַכט, האַלטן אַ לעקציע און דעם צווייטן טאָג אָוועקפאָרן. איך געדענק די וואָס פלעגן דאָ אָפּזיין אַ וואָך און לענגער ווי ניגער, זשיטלאָווסקי, גרינבערג, רייזען. הירשביינען האָט זיך סתם נישט געגלוסט צו פאַרלאָזן אַטלאַנטאַ... בקיצור, עס האָט געשפּרודלט מיט קולטורעלער טעטיקייט און געשאַפן אַן אינטערעס אינעם וואָכעדיקן, דעמאָלט, עמיגראַנטישן לעבן.

די קרוין פון דער קולטור־אַרבעט אָבער האָט זיך ערשט פאַרמאָסטן און פאַרנומען אין די שפּעטערדיקע יאָרן מיטן אָרגאַניזירן אַ יידישע „אַרבעטער־רינג קינדער־שול״. דאָס איז געווען די ערשטע יידישע קינ־דער־שול אין די דרום־שטאַטן און אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן זיך שוין געגרינדעט יידישע שולן כמעט אין אַלע גרעסערע שטעט אין די דרום־שטאַטן.

איך געדענק, איין מאָל, ביי אַ שול־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דזשעקסאָנוויל, פלאָרידאַ, ביים ים — זענען ביי אַ באַזונדער טיש געזעסן פּערצן לערער פון די שולן אין דער „סאַוט״. ס׳איז דעמאָלט געווען דער בלי־פּעריאָד פון דער יידישער שול־באַוועגונג, ס׳איז געווען אַ קולטורעלער יש!...

ס׳איז געווען... אַמאָל איז געווען... און פון דעם שיינעם „אַמאָל״ איז געבליבן?...

וואָס שייך אַטלאַנטאַ, איז פונעם שטיקל קולטור־יאַריד וועגן וואָס איך האָב אויבן דערציילט, געבליבן כמעט גאָרנישט און אין די אַנדערע דרום־שטאַטן אויך דאָס זעלבע און אַפילו אָן אַ „כמעט״.

פאַרשטייט זיך, אַז די צייט, די לאַנגע יאָרן, האָבן געטון זייערס,

אַ טייל קינדער פון דער יידישער אַרבעטער־רינג־שול אין אַטלאַנטאַ — די ערשטע שול אין די דרום־שטאַטן, געגרינדעט אין 1920. עס זיצן (אין צענטער): די לערערין עלקע שאַפּיראָ. עס שטייען: (פון רעכטס צו לינקס): לייבל שאַפּיראָ, מאָריס מערלין, מיכל מערלין, איטבוירג, מאָריס ראָס, ד. דייוויס און דער לערער ראָסי — דער שול־קאָמיטעט

דאָס הייסט, אַז דער גערעץ פון „דור הולך ודור בא" האָט דאָ געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן און טון; עס הייסט, אַז דער עלטערער דור האָט „אָוועקגעהולכט" „אַהין" און פון „דור בא", שוין פון אונדזערע, איצטיקע טעג, איז וואָס קאָן איך, „אני הקטן", עפּעס דאָ מחדש זיין ?... איך וואָלט נאָר וועלן צוגעבן, אַז דער לינק־רעכט מבול האָט אויך עפּעס געגעבן צושטייער צו דער ירידה.

קאַפּיטל 47

דער געדאַנק וועגן אַ שותפות־געשעפט

איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך האָב דאָ געמאַכט אַ שטיקל קפיצת הדרך אין מיינע זכרונות. אייגנטלעך האָלט איך ערשט ביי מיין פעטערס שמיל אָנקומען קיין אַמעריקע, וואָס פאַר מיר האָט עס געמיינט גאָר, גאָר פיל אין אַלע הינזיכטן, ווי איך וועל ווייטער דערמאָנען. און דאָ האָב איך זיך גאָר פאַרנומען מיט דער קולטור־עליה פון אַמאָל ביז דער ירידה איצט — אינעם יאָר 1972 — און געלאָזט דעם פעטער שמיל וואַרטן. וועל איך זיך איצט אומקערן צו דער צייט פון מיין פעטער שמילס אָנקומען קיין אַמעריקע.

אין די עטלעכע יאָר פון מיין אָנקומען קיין אַמעריקע — קיין אַט־לאַנטאַ — אינעם יאָר 1906 ביז אין די יאָרן 1909—1910, אין משך פון פינף יאָר, איז אַטלאַנטאַ ממש פאַרפלייצט געוואָרן מיט ניי־אָנגעקומענע עמיגראַנטן. און ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַנדערע פּרנסות און מסחרים, אויסער דאָס פּעדלעריי און די קליינע שפּייז־קרעמלעך.

איך אַליין פלעג דעמאָלט אָפט טראַכטן, זעענדיק ווי מענטשן וואַרפן זיך צו פאַרשיידענע געשעפטן — מיט וואָס פאַרנעם איך זיך? איך האָב מיין טועכץ אָפּגעשאַצט אַזוי: קומענדיק אַהער אַלס „גרינער" — אָן עלנ־טער, אָן אַ גראָשן אייגענעם קאַפּיטאַל, אָן אַ שפּראַך, אָן אַ פּראָפעסיע האָב איך דאָך געהאַט אַ ביסל דערפאָלג. איך האָב זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ שטיקל געשעפט, איך בין גראָם און פריי אין אַ דאָלאַר, כ'האָב אַ גוטן נאָמען פאַר קרעדיט — איך שרייב שוין אונטער און בין ערב פאַר נייע עמיגראַנטן און טו עס מיט חשק. איך פאַרגעס קיינמאָל נישט, אַז איך

בין אויך געווען אַן אונטערגעשריבענער. אָבער פֿאַרבלייבן אויף שטענדיק ביי דעם, וואָס איך טו איצט איז אין דעם נישטאָ קיין גרעסערע מעגלעכ־קייטן און ס'איז באַגרענעצט פֿאַר עפּעס גרעסערס, בעסערס, ס'זאָל אויך זיין מער אינטערעסאַנט און ס'זאָל פֿירן צו אַ בעסערער צוקונפֿט, אאַ"וו. איך פֿלעג וועגן דעם ענין כאַפּן אַ שמועס מיט היימישע מענטשן, מיינע פֿריינט און באַקאַנטע, ווען מיר פֿלעגן זיך טרעפֿן, כמעט יעדן זונטיק, אין איינעם פֿון די פּעדלער־סופּלאַי־קראָמען. צווישן זיי איז אויך געווען מיין עלטערער ברודער משה, וואָס איך האָב דורך דער צייט אַראָפּגע־בראַכט און ער איז שוין געווען מער־ווייניקער עטאַבלירט און אויך נאָך איייניקע אוקראַינער, מיט וועלכע מיר פֿלעגן זיך האַלטן כסדר צוזאַמען. און אַלע זענען געווען מיט מיר איינשטימיק, ווען איך האָב איין מאָל אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, וואָס איך פֿלעג פֿון אים זייער אָפֿט טראַכטן — אַ פּלאַן, אַז עטלעכע פּעדלער צוזאַמען זאָלן אָרגאַניזירן אַ מין שותפֿות, עפֿענען אַן אייגן געשעפֿט, אַליין איינקויפֿן סחורה פֿון די זעלבע קוואַלן, ווו די פּעדלער־סופּלאַיער קויפֿן, עס פֿאַרקויפֿן צו אונדזערע אייגענע קונים, ווי אויך צו פּעדלערס און האָבן אַן „אָפֿענע טיר", אַ „סטאָר" פֿאַר פֿאַרביי־גייער, אאַ"וו. זיי האָבן מיר אונטערגעהאַלטן, אַז דער געדאַנק לייגט זיך טעאָרעטיש אויפֿן שכל. אָבער פֿאַר אַזאַ אונטערנעמונג פֿאָדערט זיך אַ סך מזומנים און עס איז צו ריזיקאַליש דערוויייל, פֿאַר אונדז קליינע מענטשע־לעך, און מיר דאַרפֿן וואַרטן אויף לכשירחיב...

מיר האָבן שוין וועגן דעם מער נישט גערעדט און דער געדאַנק, די אידעע איז ביי מיר אַליין פֿאַרגעסן געוואָרן ביז — ביז איך האָב באַקומען דעם בריוו פֿונעם פֿעטער שמיל, אַז ער איז אויפֿן וועג קיין אַמעריקע. און איך געדענק נאָך איצט, אַז ווען איך בין געקומען אַ ביסל „צו זיך", נאָך מיין גרויסער איבערראַשונג פֿון מיין פֿעטערס קומען און טאַקע גלייך קיין אַטלאַנטאַ — האָט ביי מיר אָט דער פֿריערדיקער געדאַנק נאָך אַ מאָל אויפֿגעוואַכט. איך האָב ביי זיך אַליין כמעט ווי באַשלאָסן, אַז אָט, אָט איז דער פּאַסיקער מענטש פֿאַר דער אידעע, וואָס באַמבלט זיך ביי מיר אין מוח; איך בין געווען זיכער, אַז דער פֿעטער קומט אַהער נישט מיט ליידיקע הענט, נאָך דעם ווי ער האָט ליקווידירט זיינע געשעפֿטן; און אַ גוטער, אָרנטלעכער געשעפֿטסמאַן איז ער אויך — האָט דער דאָזיקער פּלאַן אָנגעהויבן אין מיין מוח צו פֿאַרנעמען דעם אויבן־אָן.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געוווסט, אַז דער ענין, אויב ער זאָל אַפֿילו פֿאַרווירקלעכט ווערן, איז אַ פֿראַגע פֿון צייט און איך וועל

דעם געדאַנק נישט דערמאָנען, נישט דעם פעטער און אויך נישט קיינעם פון מיינע באַקאַנטע. איך וועל וואַרטן און זען מה יעשה הזמן.

איך האַלט דאָ פאַר נויטיק צו פאַרצייכענען, אַז אַט דער אָ געדאַנק, פון וועלכן איך האָב שוין פריער באריכות גערעדט, האָט געהאַט הינטער זיך נאָך עפּעס, וואָס האָט ממש געררייצט מיין פאַנטאַזיע, דהיינו: פונעם ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען קיין אַטלאַנטאַ ביז איך בין דורכגעגאַנגען אַלע „שבעה מדורי" פעדלערייען און בין ענדלעך מער־וויניקער געוואָרן עטאַבלירט און בייגעקומען דעם מה נאכל־פּראָבלעם; איך האָב אָבער נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך ניו־יאָרק, און איך האָב מיינע ערשטע צען טעג אין ניו־יאָרק, נאָכן אָנקומען קיין אַמעריקע, קיינמאָל, קיין איין טאָג נישט פאַרגעסן.

איבערהויפּט פלעג איך ווערן אויפגערעגט לייענענדיק די יידישע טעגלעכע פרעסע, וואָס איך פלעג קריגן פון ניו־יאָרק און זען דעם קאָכעדיקן, שפּרודלדיקן לעבן דאָרט וואָס גייט אָן אויפן געביט פון יידישער ליטעראַטור, טעאַטער, לעקציעס, באַוועגונגען, וכדומה. און איך פלעג כסדר טראַכטן — ווען, ווען וואָלט איך כאָטש געקאָנט זיין דאָרט, אויף אַ קורצער צייט, אַלס גאַסט, און כאַפּן אַ „נאַש" פונעם דאָרטיקן קולטור־יאַריד. און אַט דאָס האָב איך פאַרבונדן און אַנגעשלאָסן צום געדאַנק פון אָרגאַניזירן עטלעכע פעדלערס צוזאַמען, עפענען אַ קראָם, אא"וו.

מיין חשבון איז געווען אַזאַ: אויב דער געדאַנק זאָל קומען מכוח אל הפועל, וועט מען דאָך מוזן פאָרן קיין ניו־יאָרק! אמת, מיר וועלן זיין זעקס אָדער מער אייגנטימער פון געשעפט — וועט אפשר אַמאָל אויך מיין גורל אויספאַלן צו מאַכן אַזאַ נסיעה. און דאָס האָט מיך כסדר אויפגערעגט און איך האָב אַרויסגעקוקט אויף דער צייט — וואָס וועט אפשר קומען...

און די צייט איז געקומען, ווי איך וועל עס ווייטער דערמאָנען אין מיינע זכרונות.

קאַפּיטל 48

דער פּלאַן — פּעטער שמיל זאָל זיין דער פאַרוואַלטער

נאָכן פּעטער שמילס קומען — האָט ער קודם־כל געוואָרט אויף זיין פאַמיליע — די מומע און די צוויי קינדער.

און ווען זיין משפּחה איז געקומען און זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט, איז אין אַ קורץ שטיקל צייט דעם פּעטערס הויז אין אַטלאַנטאַ געוואָרן ווי זיין הויז אין נעמיראָוו — אַ בית ועד, מענטשן, איבערהויפּט ניי־געקומענע אוקראַינער פּלעגן אָפט, אין זייער גראַמער צייט אַריינקומען צום פּעטער אין הויז, כדי צו פאַרברענגען אַ פּאָר שעה. דער פּעטער שמיל פּלעגט זייער אָפט שמועסן מיט זיין פריינט נאָך פון אייראָפּע, משה טעסלער, וועגן ענינים פון תכלית, וועגן פאַרשיידענע געשעפטן, און זיי האָבן ביידע פאַרטראַכט און באַשלאָסן אַריינצוגיין אין שותפות אין אַ געשעפט, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן „דזשאָבינג־ביזנעס". זיי פּלעגן איינקויפן פאַרשיידענע הורטאָוונע סחורות און זיי פאַרקויפן צו די קליינע קרעמער.

דער דאָזיקער מסחר און אויך דער שותפות האָט אָנגעהאַלטן אַ יאָר צייט און זיי האָבן צוליב געוויסע סיבות דאָס געשעפט ליקווידירט. די גרעסטע סיבה פון דער ליקווידאַציע איז געווען, מחמת זייערע פאַרשיידענע כאַראַקטערן; מר. טעסלער איז געווען אַ זייער לייטישער און הערלעכער מענטש, אָבער אַ ייד אַ דרייער, אַ מנחם־מענדל — אַ גיכער קויפער, אַן איינשטעלער; דער פּעטער — אַ באַזאַכטער, אַן אויסגערעכנטער, אַ קאָנסערוואַטיווער אין ביזנעס, ער האָט נישט געכאַפּט. זענען זיי געוואָרן אויס שותפים, אָבער געבליבן גוטע פריינט.

דאַן איז דער פּעטער געבליבן אַליין ביי דעם דאָזיקן מסחר. אָבער די אַרבעט איז געווען פאַר אים שווער — אַליין קויפן, אַליין פאַרקויפן, פירן ביכער, איינמאָנען חובות, אאַ"וו. ער האָט זיך אָפט אויסגעדריקט און טאַקע געזוכט פּלענער וועגן עפּעס אַן אַנדער געשעפט, וואָס זאָל נישט פאָדערן אַזוי פיל צייט און אַרבעט ווי אין דעם, וואָס ער האָט איצט.

און אָט אין יענעם פּעריאָד, אין יענער צייט האָב איך געטראַכט אַז ס'וואָלט געווען דער פּאַסיקער מאָמענט, דער שעת הכושר צו ריידן מיטן פּעטער וועגן מיין געדאַנק, מיט וועלכן איך האָב זיך די גאַנצע צייט אַרומגעטראָגן.

ס׳איז שוין געווען אַן ערך אַ פּאָר יאָר פונעם פּעטערס זיין אין אַטלאַנטאַ. ער איז שוין דאָרט געווען באַקאַנט מיט דער יידישער באַפעל־קערונג און מיט פאַרשיידענע מסחרים. בקיצור — שוין נישט קיין „גרינער". און ערשט איצט האָב איך געטראַכט, אַז דער פּעטער איז דער פּאַסיקער מענטש פאַר מיין פּלאַן.

איך האָב זיך װעגן דעם דורכגערעדט מיט מיין ברודער משה װי אויך נאָך מיט אייניקע פון אונדזערע באַקאַנטע, אויך פּעדלערס, און מיר זענען אַלע געקומען צום באַשלוס, אַז וואָס קאָן שאַטן זיך דורכצורײדן מיטן פּעטער װעגן דעם ענין?

און ס׳איז געבליבן, אַז איך און משה, מיר ביידע, זאָלן מיט פּעטער װעגן דעם ריידן און הערן וואָס ער האָט װעגן דעם צו זאָגן.

און טאַקע אין איינעם אַן אָוונט, ווען מיר האָבן זיך געפונען ביים פּעטער אין הויז, ווו מיר פלעגן סיי ווי אַריינקומען אַ דריי־פיר מאָל אַ וואָך — האָבן מיר פאַרפירט מיטן פּעטער אַ שמועס און אים דערקלערט מער־ווייניקער פון אונדזער פּלאַן, אַז מיר ווילן אים מצרף זיין צו דעם עסק, אא״וו, און מיר ווילן הערן זיין מיינונג װעגן דעם.

דער פּעטער האָט זיך צוגעהערט, געשטעלט אייניקע פראַגן. קודם כל האָט ער געוואָלט וויסן מי ומי — ווער זענען אַלע די, וואָס זענען אין דעם פאַראינטערעסירט. און נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט פיל איינצלהייטן װעגן דעם ענין האָט דער פּעטער באַמערקט, אַז דער פּלאַן אין טעאָריע געפעלט אים, אָבער ס׳זענען נאָך נויטיק פיל וויכטיקע אינפאָרמאַציעס, כדי צו וויסן ווי אַזוי דעם ענין ריכטיק אָפּצושאַצן. זיין מיינונג איז, אַז אויב מיר מיינען ערנסט װעגן דעם, זאָלן מיר, דאָס הייסט די אַלע, וועלכע זענען אין דעם פאַראינטערעסירט זיך צוזאַמענקומען און דעמאָלט וועלן מיר קענען צוגיין צום ענין מער פּראַקטיש. מיר האָבן געפרעגט: — צי ביי אים אין הויז? — מיטן גרעסטן כבוד! — האָט ער געענטפערט.

מיר האָבן אין דער צייט פון עטלעכע חדשים אָפּגעהאַלטן עטלעכע מיטינגען (פאַרזאַמלונגען), אַרומגערעדט דעם ענין פון אַלע זייטן, מיט אַלע „אויבס" און „טאַמערס" און „אפשרס", „ווי אַ זאַך מאַכט זיך", און אַפילו מיטן „אַל תפתח פה לשטן", מחמת ווער ווייסט — מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש!

און ענדלעך זענען מיר געקומען צו אַ שטיקל טאָלק און באַשלאָסן זיך נעמען פּראַקטיש צו דער אַרבעט. האָט אָבער דער פּעטער באַמערקט,

אַז ער האָט נאָך עפּעס פּונקטן, לויט זיין מיינונג וויכטיקע, וועלכע מיר האָבן נישט דערמאָנט אין אונדזערע געשפּרעכן, דהיינו:

— פּונקט נומער איינס: דער פּעטער האָט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר דאַרפן אין דעם געשעפט לאָזן אָפן אַ טירעלע, אויב איינער וויל פון דעם געשעפט אַרויסגיין. „מען קאָן נישט — האָט ער אַרגומענטירט — האַלטן אַ מענטשן מיט געוואַלד, אָדער לויפן צו אַן אַדוואָקאַט, זיך גיין סודיען אין געריכט", אאַ"וו. „יעדער איינער האָט אַ רעכט, צוליב וואָס פאַר אַ סיבה ס'זאָל נישט זיין, נישט צו זיין געצווונגען און צוגעבונדן צום געשעפט קעגן זיין פאַרלאַנג אוןווילן. נאָר וואָס דען? מיר דאַרפן אַלע באַשטימען און נעמען אויף זיך אַ געוויסע שטראָף. אויב איינער וויל זיך צוריק אַרויסציען פון געשעפט, וועט דאָס געשעפט פון דעם ליידן און פאַרלירן, דאַרף עס אים קאָסטן אַזויפיל און אַזויפיל, וואָס מיר אַלע דאַרפן דאָ דורכדיסקוטירן און באַשליסן איינשטימיק".

— פּונקט נומער צוויי: דער, וואָס ציט זיך צוריק האָט אויך רעכט, אויב ער וויל, אַז דאָס געשעפט זאָל אים אַרויסגעבן אַלע נעמען פון זיינע קונים, וועלכע ער האָט אַריינגעבראַכט צו דעם „ביזנעס" און

— פּונקט נומער דריי: „באַשטייט אין דעם וואָס אַזוי ווי איך בין פון אייך באַשטימט געוואָרן צו זיין דער איינקויפער פון אַלע סחורות אין פאָרן צו די ,מאַרקעטס' קיין ניו־יאָרק און אַנדערע פּלעצער און אויך ביים קויפן פון וואַיאַזשאָרן פון אַנדערע פירמעס, וואָס קומען צו אונדז אין געשעפט, וויל איך אויף זיך נישט נעמען די גאַנצע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט און ס'איז טאַקע אויך פּראַקטישער, אַז ביים איינקויפן זאָל חוץ מיר זיין נאָך איינער פון די שותּפים. ווער דער איינער זאָל זיין? זאָל מען עס מאַכן אַזוי: די אַלע זעקס זאָלן אָנשרייבן זייערע נעמען אויף זעקס צעטלעך פון דער זעלבער גרייס און זיי אַריינוואַרפן אין אַ היטל און איינער זאָל אַרויסנעמען פון היטל איין צעטעלע און דער נאָמען וואָס וועט זיין אויפן צעטעלע זאָל זיין דער מיט מיר מיטקויפער. צו דער צווייטער נסיעה דאַרף שוין דער וואָס איז פריער מיטגעפאָרן, נישט נעמען קיין אָנטייל — און אַזוי זאָל עס אָנגיין ווייטער און ווייטער".

מיר האָבן ברייט אַרומגערעדט דעם פעטערס דריי נייע פּונקטן, ספּעציעל דעם פּונקט וועגן געלט־שטראָף פון דעם, וואָס ציט זיך אַרויס פון געשעפט — און מיר האָבן זיך גענומען צו פּראַקטישער אַרבעט.

קודם כל איז געווען אין פּראָגראַם — איידער וואָס־ווען צו גיין צו אַ „לויער" (אַדוואָקאַט), וועלכן מיר האָבן אַלע געקענט און אַלע אונדזערע

פראַגן זאָלן ווערן לעגאַל, אויך מיט אונדזערע חתימות. דאַן וועלן מיר קאָנען ווייטער אָנגיין מיט אונדזער פּראָגראַם, שוין אַלס שותפים, אונטער איין נאָמען. מיר האָבן אַלע איינשטימיק באַשלאָסן צו רופן אונדזער געשעפט „דהי אַיידיאַל קלאָטהינג קאָמפּאַני, אינק״.

איך געדענק נאָך איצט, אַז ווען מיר זענען אַלע געקומען צום „לויער״ און נאָך אַ פּאָר שעה אים איבערגעבן דעם פּראָגראַם, מיט אַלע „אפשרס״, „טאָמערס״ און „אָבערס״, האָט ער געשמייכלט און באַמערקט, אַז לויט דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן דאָ „אויסגעלאָדן״ קוקט עס אויס ווי מיר פּאַרמעסטן זיך צו אָרגאַניזירן אַ ריזיקע „אינשורענס״־געזעלשאַפט, מיט אַן אינוועסטמענט פון אַ היפּשע עטלעכע מיליאָן דאָלאַר.

ער האָט דעם מאַטעריאַל אַ ביסל פּאַרקירצט און האָט אונדז איבער־צייגט, אַז אייניקע פּונקטן וואָס מיר האָבן פאַרשריבן זענען שוין אומ־דירעקט געווען געדעקט איין מאָל. ער האָט אונדז געהייסן קומען אין עטלעכע טעג אַרום און דערנאָך וועלן מיר יעדער איינער דאַרפן חתמענען זיבן קאָנטראַקטן. ער וועט אויך פאַר אונדז האָבן אַ צייטווייליקן „טשאַרטער״ און מיר וועלן קאָנען פונקציאָנירן לעגאַל. אין אַ וואָך אַרום האָט ער אונדז געלאָזט וויסן, אַז אַלץ איז פאַרטיק צום אונטערשרייבן...

און אָט זענען מיר אַראָפּ פון „לויערס אָפיס״, יעדער איינער מיט אַ פּאַקעט אין קעשענע און עס האָט זיך געפילט אַזוי ווי מיר וואָלטן גראַדויִרט פון „פּעדלער־קלאַס״ צו אַ העכערער קאַטעגאָריע פון געשעפטס־מענטשן. אַלנפאַלס, אַזוי האָב איך געפילט. איך האָב אָבער באַמערקט, אַז אַ צוויי־דריי פון אונדזערע זיבן האָבן אויסגעקוקט עפּעס סמוטנע, מרה־שחורהדיק — האָבן מיר זיי אַ ביסל אויפגעמונטערט אַריינגייענדיק אין אַ געשעפט, וווּ עס ווערן סערווירט „קאַלטע״ געטראַנקען און געמאַכט אַ „לחיים״ איבער דער פּראָדוצירטער משקה אין אַטלאַנטאַ „קאָקאַ קאָלאַ״ און געשמועסט וועגן דער ווייטערדיקער אַרבעט.

איך וועל זיך נאָך שפּעטער אומקערן צו די דריי מרה־שחורהדיקע יידן.

קאַפּיטל 49

איך פאָר מיט שמילן קיין ניו־יאָרק איינקויפן

פון דעם טאָג אָן האָבן מיר שוין אַלע געלטער, וואָס יעדער איינער פון אונדז האָט איינגעמאָנט פון זיינע קונים, ווי אויך די סומע געלט וואָס דער פעטער האָט געדאַרפט אַריינלייגן אין געשעפט אַריינגעטראָגן אין אַ באַנק אויף דעם נאָמען „איידיאַל, אינק.". די טשעקן האָבן געדאַרפט אונטערגעשריבן ווערן פונעם פעטער און אויך פון איינעם פון אונדז (אויפן זעלבן טשעק).

מיר האָבן געפונען, טאַקע נישט ווייט פונעם פינף־שפּיציקין סקווער, וואָס איז געווען דער סאַמע צענטער פון דער שטאָט, אַ ליידיקע געביידע אין וועלכער ס'איז פריער געווען אַ שפּייז־קראָם. מיר האָבן דעם פּלאַץ געמאַכט פּאַסיק אויפצוהענגען און אויסצושטעלן די אַרטיקלען, וואָס מיר וועלן פאַרקויפן, וואָס איז באַשטאַנען מערסטנס פון גרייטע מלבושים פאַר מענער, פרויען און קינדער.

און אַזוי זענען מיר געגאַנגען לויט אונדזער אָנגעצייכנטן פּראָגראַם ביז די לעצטע צוויי פּונקטן, וואָס זענען באַשטאַנען פון אויסשרייבן אַ צעטל פון אַלע סחורות, וואָס מיר דאַרפן איינקויפן פאַרן געשעפט, באַשליסן די צייט ווען צו פאָרן צום מאַרקעט, וואָס דאָס האָט געמיינט ניו־יאָרק און ווער פון אונדז זאָל מיטן פעטער מיטפאָרן.

ביי דעם פּונקט, ווער ס'זאָל מיטפאָרן מיטן פעטער שמיל פלעג איך אָפט טראַכטן, אַז ס'קאָן דאָך זיין... אפשר איך? אַ זעקסטל חלק פון דעם האָב איך דאָך אויך... ווער ווייס...

האָבן מיר, ענדלעך, אין איינעם אַן אויפדערנאַכט, ביי אַ מיטינג, זיך גענומען צום לעצטן פּונקט — מי ומי — ווער פון די זעקס שותפים זאָל זיין דער מיטפאָרער?

דער פעטער האָט אָפּגעמאָסטן און צוגעשניטן זעקס גלייכע צעטעלעך, געגעבן יעדן פון אונדז איינס אָנצושרייבן דעם נאָמען, זיי אַלע פאַרוויקלט אַזוי ווי פּאַפּיראָסן, און אַריינגעוואָרפן אין אַ הוטל. ער האָט אָנגעוויזן איינעם פון אונדז — אויב איך געדענק ריכטיק איז עס געווען מיין ברודער משה — ער זאָל אַריינלייגן די האַנט אין הוטל, אַ מיש טון די צעטעלעך און אַרויסציען איינעם פון זיי, צעוויקלען עס און אָנאָנסירן דעם אָנגעשריבענעם נאָמען אויפן צעטעלע. אַזוי האָט משה געטון — אַרויס־

געצויגן אַ צעטעלע, עס צעוויקלט און אַנאַנסירט: „ד. דייוויס"! אַלע האָבן זיך צעשמייכלט, מיר גראַטולירט און איך בין געבליבן ווי אַ פּריטשמע־לעטער. איך האָב ווי פאַרלוירן דאָס לשון. איך האָב דאַכט זיך, יאָ עפּעס געמורמלט, עפּעס אַזוי ווי געבעבעט...

איך האָב שוין די נאַכט נישט געקאָנט איינשלאָפן, געהאַלטן אין איין טראַכטן, אַז ענדלעך, נאָך פיר־פינף יאָר בענקעניש נאָך ניו־יאָרק קום איך צוריק, נאָר שוין נישט אַלס „גרינער" אומבאַהאָלפענער, בלאָנדזשענ־דיקער עמיגראַנט, ווי איך בין פון ניו־יאָרק אַוועק, נאָר איך קום שוין ווי אַ תושב, אַן עטאַבלירטער, זיכערער, געשעפטסמאַן. און מיט וועמען קום איך? מיטן פעטער שמיל! — אין מיין פאַנטאַזיע האָט זיך מיר אַזעלכעס נישט געחלומט...

געקומען קיין ניו־יאָרק האָט זיך מיר צום ערשטן געוואָלט זען מיט מיינע באַקאַנטע, מיט מיין פריינט לייבל, וואָס איז מיר געווען כמעט ווי אַ ברודער, אין מיינע „גרינע" טעג אין ניו־יאָרק.

ער איז שוין אין ניו־יאָרק נישט געווען, מחמת נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פריער האָב איך געהערט, אַז ער איז אַוועק ערגעץ אין קאַליפאָרניע צו זיינעם אַן אייגענעם. און מער האָב איך פון אים נישט געהערט.

דעם צווייטן, וואָס איך האָב געוואָלט באַזוכן איז געווען מיין פריינט דוד — אָט דער, וואָס איז געווען אונדזער מורה דרך אויף אונדזער רייזע פון נעמיראָוו קיין ניו־יאָרק. האָבן מיר, איך און מיין פעטער אָפּגעמאַכט, אַז איך וועל זיך אַוועקלאָזן צו אייזיק יאַנאָווסקיס פעדלער־סופּלאַי אויף אָרטשערד סטריט, אויסצוגעפינען עפּעס וועגן דודן, און דער פעטער האָט געהאַט אַן אַדרעס פון זיינעם אַ פריינט, מיסטער אַבעל, וואָס איז געווען אין ניו־יאָרק אַ מיט־רעדאַקטאָר פון דער ציוניסטישער וואָכנבלאַט „דאָס יידישע פאָלק". מיר האָבן באַשטימט אַ צייט ווען זיך צו טרעפן אין אונדזער האָטעל אויף דער 34־סטער גאַס מיטן נאָמען „העראַלד סקווער".

און אין דעם זעלבן אויפדערנאַכט זענען מיר געגאַנגען זען אונדזער נעמיראָווער פריינט, יאָסלען, אָט דעם, וואָס איז געווען מיין מכניס אורח ווען איך בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק און ווו איך פלעג שלאָפן, אויף אַ געלעגער אויסגעבעט אויף דער פאָדלאָגע מיט זייערע דריי יינגעלעך. זיי האָבן זיך באמת דערפרייט מיט אונדז. די פרוי, וואָס האָט זיך מיט אונדז אַרומגעכאַפּט, האָט אויסגערופן צו איר מאַן:

— זע נאָר, יאָסל, — אָנווייזנדיק אויף מיר — דוד האָט צוריק גע־קריגן זיינע רויטע באַקן!

זי האָט מיך לעצטנס געזען נאָך מיין קרענק אין האַרטפאָרד, איידער איך בין אַוועק קיין אַטלאַנטאַ. מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט דעם אָוונט און גייענדיק צוריק צום האָטעל האָט דער פעטער באַמערקט:

— מיר וועלן מוזן אַרויסרייסן די דאָזיקע משפחה פון זייער שרעקלעכער לאַגע דאָ.

ווען דער פעטער האָט דאָס באַמערקט האָב איך שוין געוווסט, אַז די משפחה וועט זיך גאַר בקרוב געפינען אין אַטלאַנטאַ. די משפחה וועט נישט זיין די איינציקע לײדנדיקע אין ניו־יאָרק, וואָס אַ דאַנק דעם פעטערס איניציאַטיוו איז זי איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַטלאַנטאַ.

איך וועל נאָך קומען צו דעם ענין אין מיינע ווייטערדיקע זכרונות.

קאַפּיטל 50

דער דורכפאַל פון שותפות־געשעפט

מיר האָבן פאַרבראַכט אין ניו־יאָרק אַוועלכע צען טעג. אַרומגעגאַנגען איבער די פאַבריקן, וואָס פּראָדוצירן אַלע סחורות, פאַרשריבענע אין אונדזער צעטל צום איינקויפן.

די אויפדערנאַכטן פלעגן מיר פאַרברענגען מיט פריינט און באַקאַנטע — לאַנדסלייט נעמיראָווער און טערניוווקער. מיר האָבן באַזוכט איניקע יידישע אַמוזיר־פּלעצער, פּאַרקן, מוזייומס און אַנדערע. די מערהייט יידישע טעאַטערס זענען געווען געשלאָסן. דאָס איז געווען אין חודש אויגוסט, ווען די טעאַטערס זענען פאַרמאַכט אין די זומער־חדשים, און נאָכן פאַרענדיקן אונדזער אַרבעט פון איינקויפן, זענען מיר אַ ביסל אויסגעמאַטערטע, נישט דערשלאָפענע אַוועק צוריק אַהיים.

איך געדענק נאָך איצט, אַז נאָך מיין באַזוך אין ניו־יאָרק, האָבנדיק די געלעגנהייט אַרומצוגיין אין די פאַבריקן, איינצוקויפן און קומען דירעקט אין באַרירונג מיט די „סוועט־שעפּער" און אויך נאָך אַ מאָל כאַפּן אַ קוק אויף די „פּושקאַרט־גאַסן", האָב איך ביי זיך געטראַכט: ווען, צום ביישפּיל, ס'זאָל מיר אָנגעבאָטן ווערן צו פאַרבלייבן אין ניו־יאָרק, וואָלט געווען ביי מיר אַ גרויסער ספק צי איך וואָלט זיך ערנסט צוגעהערט צו עפּעס אַזעלכעס.

קומענדיק צוריק אַהיים האָבן מיר שוין געטראָפן אַ סך סחורות, וואָס זענען אָנגעקומען פון ניו־יאָרק אויפן „סטאָרס" (געוועלב) אַדרעס, אַלץ איז

שוין געווען אויסגעהאַנגען, אויסגעשטעלט אין אַן אָרדענונג און ווי מיר האָבן געהערט וואָס אונדזערע שותפים האָבן דערציילט, זענען שוין אַפילו געקומען אייניקע קונים אין געשעפט און איינגעקויפט און אָפּגעקליבן פאַר זיי און זייערע פאַמיליעס פון אונדזערע נייע סחורות.

און אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן צו אַרבעטן לויטן אָנגעצייכנטן פּלאַן און פּראָגראַם. דער פעטער איז געשטאַנען כסדר אין געשעפט חוץ נאָך צוויי אָנגעשטעלטע, פרעמדע מענטשן, אַ מאַן און אַ פרוי. מיר זעקס זענען אַרומגעפאָרן, יעדער אין זיין סביבה און געשיקט די קונים אין „סטאָר".

מיר זענען אַזוי אָנגעגאַנגען מיטן „סטאָר" אַן ערך אַ יאָר און אייניקע חדשים, ביז... ביז אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען איך בין אַריינגעקומען אין געשעפט, זאָגט צו מיר דער פעטער:

— קום היינט אָוונט אַרויף צו אונדז אַהיים. זאָג עס אויך משהן, אויב דו וועסט אים זען. איך וויל זיך מיט אייך דורכריידן מכוח אַ וויכטיקן ענין.

איך האָב דעם פעטער נישט געפרעגט אין וואָס עס האַנדלט זיך, מחמת איך האָב געטראַכט, אַז ווען וועגן דעם וואָס ער וויל זיך דורכריידן וואָלט זיין פאַסיק דאָ, אין „סטאָר", איצט — וואָלט ער נישט פאַרגעשלאָגן אונדז צוקומען צו אים אַהיים. דערקענט אָבער האָב איך גלייך אין פעטער, ווען איך בין נאָר אַריינגעקומען און נאָכן ערשטן „גוט־מאָרגן" און איבער־בייטן זיך מיט אַ פּאָר ווערטער, אַז דער פעטער איז נישט „כתמול שלשום". איך האָב שוין דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין טראַכטן און פּרובירט טרעפן, וואָס, אַ שטייגער, האָט געקאָנט פּאַסירן וואָס האָט גע־מאַכט דעם פעטער אויסזען אַזוי צעטראָגן און פאַרכמורעט?

אַריינקומענדיק צום פעטער אין הויז, האָבן מיר, איך און מיין ברודער משה, געטראָפן דאָרטן אייניקע מענטשן, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט, אומגעבעטן, אַריינקומען צום פעטער אין הויז. עס האָט זיך דאָרטן אויך געפונען איינער פון אונדזערע שותפים.

דער פעטער האָט זיך אַנטשולדיקט און מיך, משהן און דעם דריטן שותף אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער און נאָך דעם, ווי מיר אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט, האָט דער פעטער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּאַפּיר און געזאָגט צו אונדז:

— איך האָב אייך גערופן דורכצוריידן זיך מיט אייך מכוח דעם בריוו, וואָס איך האָב היינט געקראָגן. דער בריוו איז פון אַ לויער, געשריבן אין נאָמען פון אַלע דריי שותפים. און דער פעטער רופט אָן זייערע נעמען, וואָס לאָזן אונדז וויסן זייער באַשלוס צוריקצוציען זיך פונעם געשעפט מיטן

נאָמען „איידיאַל", לויט זייערע רעכט פון די אָנגענומענע פונקטן פון אונדזער שותפות־קאָנטראַקט און זיי בעטן ביים פעטער, אַלס פּאַרוואַלטער פונעם געשעפט, צו רופן אַ מיטינג פון אַלע שותפים, נישט שפּעטער ווי אין די קומענדיקע צוויי וואָכן, כדי אַמשנעלסטן דורכצופירן זייער באַשלוס — און ביי דעם האָט דער פעטער געענדיקט.

מיר, די אַנדערע דריי שותפים, זענען געבליבן ווי געפּלעפט, צעטומלט און קיין איינער פון אונדז האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסריידן. דער פעטער האָט באַמערקט אונדזער פאַרלעגנהייט און אַ זאָג געטון, אַז ער האָט דעם גאַנצן טאָג געטראַכט וועגן דעם ענין און ווי ער זעט, וועט דאָס געשעפט מוזן ליקווידירט ווערן, מחמת ווי די לאַגע איז איצט, ד. ה. ווען דאָס געשעפט ווערט צעשניטן אויף דער העלפט, וועט זיך דער עסק נישט לוינען און עס איז דערביי אַ גרויסע ריזיקע.

ווען איינער פון אונדז האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז: „לאָמיר רופן אַ מיטינג זיך מיט זיי דורכצוריידן, אפשר וועלן מיר זיי קאָנען איבערצייגן, אַז זיי מאַכן אַ פאַלשן, געאײַלטן שריט", האָט דער פעטער געענטפערט: „נו, מיר קענען פּרובירן. איך גלויב אָבער, אַז ס'וועט גאָרנישט העלפן", מחמת ער האָט שוין די לעצטע צייט באַמערקט אין זיי אַ מין אַפּאַטיע און אַז זיי דריקט עפּעס און ער איז נישט געווען שאָקירט, ווען ער האָט געקריגן דעם בריוו פונעם לויער מיט זייער באַשלוס זיך צוריקציען פונעם שותפות־געשעפט. אגב, דאָס זענען געווען אָט די דריי מרה־שחורהדיקע יידן וואָס איך האָב פריער דערמאָנט, וועלכע מיר האָבן געמוזט דערמונטערן נאָכן אונטערשרייבן די שותפות־קאָנטראַקטן ביים לויער.

דער פעטער האָט אונדז, אין אַ פּאָר טעג אַרום, געלאָזט וויסן אַז אין דעם און דעם אָוונט זאָלן מיר אַלע זיין אין געשעפט נאָך די אַרבעט־שעהען, כדי צו באַהאַנדלען דעם זייער וויכטיקן ענין — ווען און ווי אַזוי צו ליקווידירן דעם „איידיאַל".

פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען אַלע געקומען און דער פעטער, באַמערקנדיק, אַז מיר וויסן דאָך אין וואָס עס האַנדלט זיך און אַז מיר האָבן אַ פונקט אין אונדזער קאָנטראַקט, אַז קיין איינער פון די שותפים קאָן נישט זיין געצוווּנגען צו פאַרבלייבן קעגן זיין ווילן, וואָלט ער פונדעסטוועגן געוואָלט וויסן פון איינעם פון די דריי (אָנרופנדיק זיי ביי די נעמען), צי האָט „ער" עפּעס וואָס אויסצוזעצן אָדער אָנווייזן און אָנגעבן די סיבות וואָס האָבן זיי אַלע דריי באַוויגן צו זייער באַשלוס. דער פעטער האָט

אויך באַמערקט, אַז זיי זאָלן נישט פאַרגעסן, אַז דער שאָדן, וואָס דאָס געשעפט וועט ליידן צוליב דער ליקווידאַציע וועט פאַלן אויף זיי דריי. — מחמת, ווי איר ווייסט, האָבן מיר די באַוואָרעניש אין אונדזער קאָנט־ראַקט —איז לאָמיר הערן וואָס האָט איר צו זאָגן וועגן דעם ענין?

האָט זיך איינער פון זיי אָנגערופן, קורץ און שאַרף:

— מיר האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן אַחוץ דעם, וואָס אונדזער באַשלוס בלייבט אַזוי ווי ס'איז דערקלערט געוואָרן אינעם בריוו פונעם לויער. מיר ווייסן, אַז ס'וועט זיין אַ פאַרלוסט פאַרן געשעפט אונדזער צוריקציען זיך און מיר זענען גרייט צו נעמען אויף זיך דעם שאָדן, און כדי מיר זאָלן נישט פאַרנעמען די צייט מיט רייד, וואָס וועט אונדזער באַשלוס נישט ענדערן, לאָמיר בעסער באַטראַכטן דעם פלאַן ווי אַזוי און ווען צוצוגיין פראַקטיש צום ענין.

און דער ענין איז נישט געווען אַזוי גרינג און איינפאַך — מיר האָבן געדאַרפט לעזן פאַרפלאָנטערטע פראָבלעמען. ס'האָבן גענומען אייניקע חדשים, ביז מען איז געקומען צו אַ טאָלק און מיר האָבן מיט אַ שטאַרקן פאַרדרוס פאַרמאַכט דאָס געשעפט.

קאַפּיטל 51

דער „לעאָ פרענק"־פּראָצעס

מיר האָבן שפּעטער אויסגעפונען דורך אַ ריכטיקער אינפאָרמאַציע די סאַמע וויכטיקסטע סיבות און ווער עס האָט געהאַט אַ געהיימע האַנט און גורם געווען צום פאַנאַנדערפאַלן פון אונדזער אונטערנעמונג, וואָס מיר האָבן אַוועקגעגעבן אַזוי פיל מי און צייט, כדי צו אָרגאַניזירן און געלייגט אויף דעם אַזוי פיל האָפענונג. מיר האָבן אויסגעפונען, אַז אייניקע פון די פעדלער־סופּלאַי־באַלעבאַטים האָבן אין דער שטיל געהאַט אַ גאָר גרויסן חלק אינעם פאַנאַנדערפאַל פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

ערשטנס, האָבן זיי דערזען און דערפילט, אַז זיי האָבן פאַרלוירן זעקס גוטע קונים, מחמת אַזוי שנעל ווי מיר האָבן געעפנט דאָס געשעפט האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, גלייך אויפגעהערט מיט זיי צו האַנדלען; צווייטנס, האָבן זיי זיך געשראָקן נאָך פאַר עפּעס ערגערס. דהיינו, זיי האָבן מורא

געהאַט, אַז אויב אונדזער געשעפט וועט זיין אַ דערפאָלג, קענען זיך אויף אונדז פאַרקוקן אַנדערע פעדלערס און נאָכטון אונדזער ביישפּיל. דעמאָלט מיינט עס פּשוט אַ געפאַר פאַר זייער עקזיסטענץ; האָבן זיי אָנגעהויבן טראַכטן און זוכן מיטלען ווי אַזוי צו צעשאָקלען און צעטרייסלען אונדזער בנין.

קודם כל האָבן זיי זיך גענומען צו אונדזערע „מרה־שחורהדיקע דריי", וועלכע איך האָב שוין פריער דערמאָנט. אָט די „טרויקע" איז שטענדיק, די גאַנצע צייט, געווען סענסיטיוו און נערוועז; ווען זיי האָבן געדאַרפט איבערגעבן זייערע קונים צום אַלגעמיינעם געשעפט, זענען זיי געווען די, וועלכע זענען באַשטאַנען אַריינצושטעלן אַ פּונקט אין קאָנטראַקט, אַז יעדער איינער, וואָס וויל זיך אַרויסציען פון געשעפט, האָט אַ רעכט צו פאָדערן צוריק די קונים, וועלכע ער האָט אַריינגעגעבן. זיי פלעגן ממש ציטערן איבער זייערע קונים, וועלכע זענען געווען ביי זיי אַ פאַרמעגן, אַן אוצר — האָבן זיך די פעדלער־סופּלאַיערס גענומען צו זיי, אויף דעם דאָזיקן שוואַכן פּונקט — קונים!

— וואָס הייסט — האָבן זיי געטענהט צו די דריי — איר האָט אַזויפיל געאַרבעט, געהאָרעוועט, געקלאַפּט טירן, און אַרויפגעאַרבעט זיך גוטע קונים און איר נעמט און וואַרפט זיי אַלע אַריין אין איין טאָפּ? און וואָס וועט זיין ווען דער „ביזנעס" וועט דאָרט נישט גיין גוט און איר וועט זיין געצווונגען נאָך אַ מאָל צו קלאַפּן טירן? אַא"וו.

געמאָלן פאַר די „דריי" שוואַרצע בילדער און זיי האָבן אַפילו געגעבן זיי הנחות, אַז אויב זיי וועלן צוריק צו זיי קומען וועלן זיי קאָנען קויפן סחורות מיט בלויז צען פּראָצענט „פּראָפיט" און נאָך זיי צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן — בקיצור, די פעדלער־סופּלאַיערס האָבן געוווּסט וואָס זיי טוען און ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן.

אָט די דאָזיקע פּאַסירונג וואָס איך האָב דורכגעמאַכט און וואָס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון און איז פאַרצייכנט געוואָרן מיט אַלע איינצלהייטן האָט זיך פאַרענדיקט מיט נישט קיין פריילעכן סוף. זי האָט אָבער געשאַפן פאַר מיר אַ נייעם אָנהייב — אַ נייע אונטערנעמונג, וואָס האָט דערפאָלגרייך אָנגעהאַלטן לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

דאָס איז געווען גלייך נאָכן דורכפאַל פון אונדזער געשעפט; האָבן מיר — איך און איינער פון די זיבן, איינער אַ נאָענטער פריינט, מיט וועלכן מיר האָבן זיך כסדר געהאַלטן צוזאַמען און זיך גוט פאַרשטאַנען, געשלאָסן אַ שותפות, פאַרשטייט זיך אויף אַ קלענערן פאַרנעם ווי דאָס

פריערדיקע געשעפט און, ווי געזאָגט, האָט אונדזער שותפות אָנגעהאַלטן לאַנגע, לאַנגע יאָרן. איך וועל נאָך קומען צו דעם ענין.

אָט די אויבן דערמאָנטע פּאַסירונגען, וואָס איך האָב פאַרצייכנט, זענען פאָרגעקומען אין דער תקופה צווישן די יאָרן 1910—1915. און אינעם יאָר 1913 איז געווען דאָס יאָר, אין וועלכן עס איז אויסגעבראָכן דער אומגליק־לעכער, שטורעמדיקער לעאָ פרענק (פראַנק)־פּראָצעס.

דאָס האָט פּאַסירט אין חודש אַפּריל 1913, און אַזוי ווי דער פּראָצעס האָט געטראָגן אַ יידישן, היסטאָרישן, געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, און „אני הגבר״ האָב דאָס אַליין דורכגעמאַכט, וועל איך זיך אויף דעם ענין אַ ביסל מער אָפּשטעלן.

אָט דאָס יאָר דערמאָנט אויך אין אַן ענלעכן פּראָצעס אין קיעוו, רוסלאַנד, ווען ס׳איז פאָרגעקומען דער באַרימטער מענדל ביילים פּראָצעס, אינעם יאָר 1911, וואָס איז נאָך אָבער געווען געגוג פריש אין זכרון, מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען די פרענק־טראַגעדיע איז אויסגעבראָכן. ווי איך געדענק, האָט דער ביילים־פּראָצעס אין קיעוו, לויט די באַריכטן אין די צייטונגען אין דער גאַנצער וועלט, נישט געטראָגן אַזאַ אָפענעם, פאַרסמטן, צעיושעטן, מאַסן־היסטערישן, אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער ווי אין אַטלאַנטאַ פרענקס פּראָצעס.

אינעם יאָר 1913 איז שוין געווען אַכט יאָר פון מיין זיין אין אַמעריקע און איך האָב זיך אין מיין פאַנטאַזיע נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַזעלכעס אויפן אַמעריקאַנער באָדן. ס׳איז געווען „שווער צו זיין אַ ייד״ אין אַט־לאַנטאַ דורך דער גאַנצער צייט פונעם פרענק־פּראָצעס. ס׳איז אויך אַ פאַקט, וואָס עס איז כדאי צו פאַרצייכענען אַז די מערהייט געליטענע פון דער „פרענק־טראַגעדיע״ זענען געווען די „יאַהודים״, די דייטשישע יידן. אונדזערע „יידישע יידן״ זענען געווען צו פיל פאַרנומען מיט זייערע טעגלעכע אַרבעטן. די מערהייט פון אונדזערע יידן דעמאָלט זענען באַשטאַנען פון עמיגראַנטישע עלעמענטן, וואָס זענען געווען פאַרנומען מיט דעם, ווי אַזוי צו עטאַבלירן זיך מיט אַ שטיקל פרנסה.

ווען ס׳איז דורך דער צייט פון פּראָצעס כסדר דערמאָנט געוואָרן אין דער טעגלעכער פּרעסע: „יידן״, „די יידישע געמיינדע״, „דהי דזשואיש קאָמיוניטי אין אַטלאַנטאַ״ — האָט דאָס געמיינט די דייטשישע יידן. ס׳איז אויך אַ פאַקט, אַז די דייטשישע יידן האָבן זיך אין יענער צייט אין אַט־לאַנטאַ, שטאַרק אָנגעזען מיט זייערע גרויסע געשעפטן, ווי אייגנטימער פון די גרויסע „קאָטן־מילס״, באַנק־געשעפטן, עקספּאָרט־אימפּאָרט און אַנדערע

גרויסע מסחרים. קיין פעדלערס אָדער „גראָסערי״־געשעפטן צווישן דײַטשישע יידן זענען נישט געווען. איך האָב קיינמאָל נישט, אין מיינע ערשטע יאָרן אין אַטלאַנטאַ, ווי אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך נישט באַגעגנט מיט אַ דײַטשישן ייד אַלס פּעדלער, אָדער אַלס אַ קליין שפּייזגעשעפטל אייגנטימער. אַזוי, אַז ווען ס׳איז ערגעץ גערעדט אָדער דערמאָנט געוואָרן אין אַטלאַנטאַ די יידישע באַפעלקערונג, איז עס גערעדט און געמיינט געוואָרן די דײַטשישע יידן.

און פרענק איז געווען אַ זייעריקער, אַ דײַטשישער ייד, אַ „מעמבער״ אין טעמפּל, געווען פּרעזידענט פון „בני־ברית־לאָדזש״, געווען אַקטיוו אין זייער „סאָשל״־קלוב און די דאָזיקע טראַגעדיע האָט זיי פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש, טרויער און חרפה. פרענק איז טאַקע, ווי געזאָגט, געווען אַ „זייעריקער, אַ דײַטשישער ייד״, אָבער צווישן דעם צעיושעטן „מאָב״״ איז ער געווען אַ פרעמדער, אַן „אַאוטסיידער״, „אַ יענקי״, אַ ייד, און אַ רייכער ייד. די צוויי ווערטער „דזשואיש מאָני״ (יידיש געלט) איז געווען זייער פּאָפּולער ביי יעדן כוליגאַן אין מויל און ער האָט עס אַרויסגעזאָגט בקול רם אין אַלע גאַסן, אין אַלע עפנטלעכע פּלעצער.

ווען איך שרייב די שורות פון מיינע זכרונות, אינעם יאָר 1972, זע איך פאַר זיך און איך פיל נאָך איצט די מאָסן־היסטעריע. איך זע נאָך איצט די לאַנגע רייען מענטשן אויף די טראָטואַרן אַרום דער געביידע, ווו עס איז אָנגעגאַנגען דער פרענק־פּראָצעס אינעם יאָר 1913, מיט ניין און פופציק יאָר צוריק, וואָס מיר קוקט עס אויס ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט. איך הער נאָך איצט די געשרייען פון „מאָב״, ווען זיי האָבן דערזען די לויערס, וואָס האָבן פאַרטיידיקט פרענקן:

— העי! וויפל געלט קריגסטו פון די ניו־יאָרקער יידן?

און ווען זיי האָבן דערזען דעם פּראָקוראָר, דעם באַשולדיקער, איז ער געוואָרן אַפּלאָדירט אַלס דער צוקונפטיקער גאָווערנער פון דזשיאָרדזשאַ (און ער איז טאַקע געוואָרן דער גאָווערנער פון דזשיאָרדזשאַ, אַדאַנק דעם „פרענקס קעיס״. אין אים איז טאַקע מקוים געוואָרן פון ערגעץ, אַ מאַמר: „כל המצר לישראל נעשה ראש״).

איך געדענק גוט די וועכנטלעכע צייטונג „דהי דזשעפערסאָניען״, רעדאַגירט פונעם אַנטיסעמיטישן סענאַטאָר פון דזשיאָרדזשאַ, טאָם אָואַטסאָן, וואָס איז געווען פול מיט העסלעכן, גיפטיקן אַנטיסעמיטיזם.

איך געדענק גוט ווי אויף די סאַמע אָנגעזעענע שפּאַציר־גאַסן פון אַטלאַנטאַ זענען געשטאַנען גרופּנווייז פאַרשוינען מיט פידלען און גיטאַ־

רעס, געשפּילט און געזונגען לידלעך מיט צוגעפּאַסטע גראַמען צום וואָרט „דזשו״ און „דזשו־מאָני״, „יענקי דהי קיללער״, „ווי וויל קילל דהי יענקי־דזשו״ און דער „מאָב״ האָט געריטשעט און געקוויטשעט און אַפּלאָדירט. און אין דער דאָזיקער פאַרסמטער לופט איז די „פרענק־קעיס״ אָנגעגאַנגען וואָך־נאָך־וואָך, חודש־נאָך־חודש — צוויי גרוילעכע, פּיינלעכע יאָרן, ביז עס האָט דערפירט צום העסלעכן „לינטש־אַקט״.

איך האָב איבערגעלייענט אַ בוך, אָנגעשריבן פון העררי גאָלדען, פון עטלעכע הונדערט זייטן, מיטן נאָמען „ע ליטל גערל איז דעד״ („אַ קליין מיידעלע איז טויט״). ער באַשרייבט אינעם בוך דעם „פרענק־קעיס״ מיט אַלע איינצלהייטן פון „א״ ביז „ת״. ער האָט אָבער דאָרטן אין אייניקע שטעלן, לויט מיין מיינונג, אַ ביסל איבערגעטריבן. ער דערציילט, צום ביישפּיל, אַז דורך דער צייט פון „טראַיעל״ (פּראָצעס) איז די לופט געווען אַזאַ אָנגעגליטע, אַז די יידן האָבן פאַרמאַכט און פאַרבאַראַקאַדירט זייערע קראָמען, מורא געהאַט אָנצוצינדן ליכט, אויף דער נאַכט, אין זייערע היימען, אַרויסגעשיקט זייערע פאַמיליעס ערגעץ אין דער „איסט״ (מזרח־אַמעריקע) צו זייערע קרובים, אא״וו. דאָס איז איבערגעטריבן און נישט ריכטיק! אָט בין איך איינער וואָס דערציילט עס אַלס עד ראיה, איך בין אַליין געווען דערביי. עס האָט נישט פּאַסירט קיין איין פאַל, דורך דער גאַנצער צייט פון פּראָצעס, פון פיזישן אָנפאַל אויף יידן, אויף זייערע קראָמען אָדער היימען. איך אַליין בין דורך דער גאַנצער צייט אַרומגע־גאַנגען, אַרומגעפאָרן, פראַנק און פריי ביי מיין אַרבעט, אָן קיין שום באַלעסטיקונגען פון וועמען — צו וואָס־זשע נאָך צולייגן צו דער טראַגעדיע אַזעלכעס, וואָס האָט נישט פּאַסירט! עס איז אָן דעם אויך געווען „די בזיון וקצף״!

מיר האָבן יאָ געהערט פון פאַלן, אין אייניקע קליינע שטעטלעך אין דזשיאָרדזשאַ, ווו ס׳האָבן זיך געפונען איינער אָדער צוויי יידן — קרעמער אין שטעטל, וואָס האָבן געמוזט ליקווידירן זייערע קראָמען און פון דאָרט אַוועק; אין אַטלאַנטאַ האָבן אַזעלכע פאַלן נישט פּאַסירט.

קאַפּיטל 52

שטילשטאַנד נאָכן לעאָ פרענקס פּראָצעס

אין מיינע ערשטע אַכט יאָר זיין אין אַמעריקע און אין אַטלאַנטאַ, פון מיין אָנקומען אין יאָר 1906 ביזן יאָר 1913, האָב איך דורכגעמאַכט און צוגעזען די צוויי טראַגישע געשעענישן — דעם פּאָגראָם אויף די נעגערס אינעם יאָר 1906, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט און די פרענק־טראַגעדיע אינעם יאָר 1913. אָט דיביידע געשעענישן, לויט מיר, — איך בין נישט זיכער און איך פּרעטענדיר נישט אַלס אויטאָריטעט, איך זאָג נאָר אַרויס אַ מיינונג — אַז די דאָזיקע ביידע געשעענישן האָבן צווישן זיך אַ שייכות און אָן ענלעכע סיבה. אין ביידע פאַלן האָט דער סטיכישער „מאָב״ אַרויסגעפּלאַצט מיט זיין אָנגעזויערטער שנאה צום נעגער, צום „יענקי״, וואָס האָבן גורם געווען זיין גרויסע מפּלה אינעם בירגער־קריג און ביי יעדער געלעגנהייט, ווען עס איז געווען פאַרמישט אַ נעגער, אַ ייד אַ „יענקי״, איז ער געווען מלא רציחה און געזוכט נקמה אויף אַ ווילדן שטייגער.

צי איז פרענק געווען שולדיק אינעם מאָרד? — וועגן דער „פרענק־קעיס״ איז שוין געשאַפן געוואָרן אַ גאָר היפּשע ליטעראַטור, געשריבן פון יידן און נישט־יידן און קיינער איז נישט געווען ביי דער מיינונג, אַז פרענק האָט פאַרדינט דעם פּראָצעס און אַזאַ סוף.

אינעם יאָר 1914, ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה האָבן די מלחמה־נייעסן פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין די צייטונגען און דער פרענק־פּראָצעס־שטורעם איז אַ ביסל שטיל געוואָרן. און נאָך דער בלוטיקער לינטש־דראַמע, אין סוף יאָר 1915, און אויך נאָך דעם ווען אַמעריקע איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער וועלט־מלחמה, איז דער גאַנצער פרענק־פּראָצעס אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג, פאַרגעסן געוואָרן, איז אַריין אין דער געשיכטע און געבליבן אַ שאַנדפלעק אויפן שטאַט דזשיאָרדזשאַ און אירע געריכט־אינסטיטוציעס.

איידער איך פאַרענדיק דאָס קאַפּיטל פונעם טרויעריקן פרענק־פּראָצעס, דערמאָן איך זיך נאָך אין עפּעס, וואָס איז ווערט פאַרנאָטירט צו ווערן: ס׳איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז ווען דער „פרענק־קעיס״ איז אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג און אָנגעהויבן פאַרגעסן צו ווערן, האָט די „יידישע״ אַטלאַנטאַ, ספּעציעל די דייטשישע יידן, פריער אָפּגעאָטעמט, זיך אָנגעהויבן אויס־

צוטשוכען פונעם קאַשמאַר, פונעם אַנטיסעמיטישן יאַריד. און נישט נאָר די „יידישע" אַטלאַנטאַ, נאָר אַפּילו די מערהייט נישט־יידישע באַפעלקערונג האָט געפילט אַ צופרידנקייט, וואָס דער פראַנק־פּראָצעס ווערט פאַרגעסן — און דאָס קאָן איך אַליין באַשטעטיקן, קומענדיק טאָג־טעגלעך אין באַרירונג מיט מיינע קליענטן, די מערהייט צווישן זיי ווייסע, פלעגן זיך וועגן דעם פּראַנק־קעיס דערמאָנען מיט אַזאַ אויסדרוק: „טהענק גודנעס, איט׳ס אָוועד" (גאָט צו דאַנקען, עס איז פאַרביי).

און ווען אין דעם זומער, פונעם יאָר 1917, איז אין אַטלאַנטאַ אויס־געבראָכן אַ שריפה, וואָס האָט פאַרברענט כמעט אַ האַלבע שטאָט, האָב איך אַליין געהערט פון מענער און פרויען — קירכע־מענטשן, אַז אָט דאָס פייער האָט פאַראורזאַכט מער שאָדן אין דער שטאָט אַטלאַנטאַ ווי דער חורבן פון גענעראַל שערמאַן אין דעם בירגער־קריג, און אָט דאָס פייער איז אַ שטראָף פון רבונו־של־עולם פאַר דער זינד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן לעאָ פראַנק.

קאַפּיטל 53

די וועלט־מלחמה אין יאָר 1914 יידישע סאָלדאַטן אין אַטלאַנטאַ

גראָד האָט אַזוי פּאַסירט, אַז דער סוף פון דער „פראַנק־קעיס" איז געווען אין דער תקופה און אין דעם אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — איז ווען איך דערמאָן זיך אין יענער תקופה און אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווילט זיך מיר פאַרנאָטירן עפּעס, וואָס די מלחמה האָט דעמאָלט געמיינט פאַר דער אַלגעמיינער יידישער אַטלאַנטאַ און, ווי איך געדענק, האָט עס אַזוי פּאַסירט:

אַלע יידישע יונגעלייט פון דער ניו־יאָרקער „איסט־סייד", וועלכע זענען גענומען געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, זענען געשיקט געוואָרן צום „קעמפּ גאָרדאָן" (גאָרדאָן מיליטער־לאַגער) פאַר זייער טרע־נירונג. קעמפּ גאָרדאָן איז געווען אַ לאַגער, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון דער פעדעראַלער רעגירונג אַרום דער שטאָט אַטלאַנטאַ. וואָס עפּעס גראָד אַטלאַנטאַ? דאָס האָט דעמאָלט קיינער נישט געוווּסט און איך ווייס אויך נישט איצט, מסתמא איז עס געווען אַ מיליטערישער סוד. וואָס איך ווייס יאָ און געדענק גוט איז, אַז דורך דער צייט פון דער מלחמה האָבן



יידישע סאָלדאַטן פון דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה — אַטלאַנטאַ 1917

הונדערטער, ניין — טויזנטער יידישע בחורים פון דער ניו־יאָרקער „איסט־סייד" פאַרבראַכט אין די מלחמה־יאָרן אין דעם דאָזיקן „קעמפּ" און אויך אין די אַטלאַנטער יידישע היימען — אין אַטלאַנטער יידישע היימען בכלל, אָבער בפרט און בפירוש אין די יידישיסטישע היימען, מחמת די גרעסטע טייל פון זיי זענען געווען עמיגראַנטישע עלעמענטן, געקומען פונעם „איסט־סיידישן קולטורעלן יאַריד" און פון דער דעמאָלטיקער פרישער, שטורעמדיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי זענען געווען אַ פריי־לעכע, לעבעדיקע חברה, אייניקע פון זיי מיט אַרטיסטישע און מוזיקאַלישע פעיקייטן און כמעט אַלע ענדע וואָך, אַמערסטנס זונטיק, פלעגן אין „עדיור־קיישאַנעל עלאַיענס" פאַרקומען קאָנצערטן, דיסקוסיעס, טעאַטער־פאַרשטע־לונגען מיט אייגענע קרעפטן. זיי פלעגן פאַרברענגען אין די היימען אין די אָוונטן ביז די פרימאָרגן־שעהען. עס זענען אַפילו געשלאָסן געוואָרן שידוכים צווישן זיי מיט אייניקע אַטלאַנטער יידישע מיידלעך, און נאָך דער מלחמה זענען זיי געקומען און זיך באַזעצט אין אַטלאַנטאַ. נאָך דער מלחמה זענען אייניקע געקומען צוריק קיין אַטלאַנטאַ אַפילו אָן שידוכים, מחמת זיי האָבן דאָ דורך דער צייט פון זייער זיין אין אַטלאַנטאַ געשאַפן זיך פריינט און באַקאַנטע, די שטאָט און די מענטשן זענען זיי געפעלן. נאָך איצט, אינעם יאָר 1972 געפינען זיך אין אַטלאַנטאַ אייניקע אַמאָליקע ניו־יאָרקער פון דער „איסט־סייד", וואָס שטאַמען פון יענע מלחמה־יאָרן און זענען געקומען קיין אַטלאַנטאַ להשתקע. איינער פון זיי, ה. לואיס, אונדזערער אַ גאָר נאָענטער ידיד עד היום, נאָך פון יענע יאָרן־אָן, ווען ער איז געווען באַוווסט און פּאָפּולער אַלס אַן ערנסטער, פּראָפּעסיאָנעלער פאַרלייענער פון די פּערל פון דער יידישער ליטעראַטור.

איך טראַכט איצט פון יענעם פּעריאָד און פון די מלחמה־יאָרן און מען קאָן באַשטימט זאָגן, אַז אַ שטיקל צייט האָט אַטלאַנטאַ פאַרמאָגט ביי זיך אין די טויזנטער דאָס גאַנצע יידישע יוגנטלעכע ניו־יאָרקער „איסט־סייד" און ס'איז געווען געוואַלדיק אינטערעסאַנט און פריילעך.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פריילעכקייט האָט אויך פאַרמאָגט אין זיך טרויעריקע און טראַגישע מאָמענטן. דאָס זענען געווען מאָמענטן ווען מיר פלעגן פּלוצעם אויסגעפינען, אַז די־און־די פון די סאָלדאַטן, מיט וועלכע מיר זענען געווען אַזוי היימיש און נאָענט, זענען שוין אַוועקגעשיקט גע־וואָרן „אַהין", צום „אָווער דהעיר". מיר פלעגן אויך אָפט הערן, אַז דער־און דער וואָס מיר געדענקען אַזוי גוט, וועט שוין בכלל צוריק נישט קומען...

לייבל שאַפּיראָ געזעגנט זיך מיט זיינע נאָענטע חברים — מיכל מערלין און ד. דייווים — פאַרן אָפּפאָרן צום יידישן לעגיאָן, 1917

איך וועל פאַרענדיקן דעם דאָזיקן „סאָלדאַטן־עפּיזאָד" מיט דעם, וואָס מיט אייניקע פון יענע ניו־יאָרקער זענען מיר נאָך דער מלחמה געבליבן פריינט און חברים אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן, מיט וועלכע איך פלעג זיך טרעפן און פאַרברענגען אין ניו־יאָרק אויף מיינע אָפטע באַזוכן צוליב מיינע געשעפטן.

ווו און ווי אַזוי קום איך מיט מיינע אָפטע באַזוכן אין ניו־יאָרק צוליב „ביזנעס"? איז אַזוי די מעשה:

איך האָב פריער, אין מיינע זכרונות דערמאָנט, אַז נאָך דעם ווען אונדזער שותפות־געשעפט פון די זיבן יידן מיטן פעטער שמיל אַלס פאַר־וואַלטער, איז דורכגעפאַלן, האָב איך שוין מיט די פעדלער־סופּלאַיערס מער נישט געהאַנדלט, נאָר געשלאָסן אַ שותפות מיט איינעם פון די זיבן. דאָס איז געווען אַן אידעאַלע שותפות, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך אַכצן־צוואַנציק יאָר, ביז מיין שותף איז אין איינעם אַ טאָג, אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן, פאַרשלאָפט געוואָרן און אויפן צווייטן טאָג, נאָך אַן אָפּעראַציע געשטאָרבן און איך בין געבליבן אַליין אין געשעפט ביז אין יאָר 1946, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען איך האָב אַריינגע־נומען איינעם פון מיינע איידעמס אַלס שותף אין געשעפט, וואָס פירט מיט דעם אָן ביזן היינטיקן טאָג, אינעם יאָר 1972...

ווי קומען צו מיר, אינמיטן דרינען „איידעמס"? דאָס לייג איך אָפּ פאַר אַ באַזונדער קאַפּיטל אין די זכרונות.

וואָס איך האָב דאָ געוואָלט מיט דעם וואָס איך האָב אויבן פאַרצייכנט איז אַרויסצוברענגען מיין פריינטשאַפט מיט די ניו־יאָרקער יידישע סאָל־דאַטן פון דער איסט־סייד. אין אַ פּעריאָד פון אַוועלכע עטלעכע און צוואַנ־ציק יאָר פלעגט מיר אויסקומען צו באַזוכן ניו־יאָרק אייניקע מאָל אין יאָר אַזוי, אַז איך בין געווען כמעט ווי „אַ שטיק ניו־יאָרקער". דאָס זענען אויך געווען די יאָרן, די בראשית־יאָרן פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. איך פלעג אין משך פון מיינע באַזוכן אין ניו־יאָרק צוזען דעם קאַמף פון דער „סוועט־שאָפּ"־סיסטעם, די שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, די „פּיקעט־ליינס", ווו בלוט האָט זיך געגאָסן אַרום די פאַבריקן פון די „סוועט־שעפּער". און צווישן די אַרבעטער־קעמ־פער האָבן זיך געפונען אויך מיינע פריינט און באַקאַנטע, וועלכע האָבן זיך אין דער צייט פון דער מלחמה געפונען אין אַטלאַנטאַ. איך פלעג זיך כסדר, אין מיינע רייזעס קיין ניו־יאָרק, מיט זיי באַגעגענען, פאַרברענגען

מיט זיי. איך האָב סימפּאַטיזירט מיט זייער קאַמף קעגן די „סוועט־שעפּער" און זיי כסדר געשטיצט.

ווען איך דערמאָן זיך אין יענע צייטן, ווען צוליב מיין „ביזנעס", בין איך געווען אַ היימישער מענטש אין ניו־יאָרק, האָב איך אויך אויסגענוצט די געלעגנהייט צו נאַשן און הנאה האָבן פון דעם אַלגעמיינעם ניו־יאָרקער יידישן קולטור־יאַריד און ספּעציעל פונעם קלאַסישן יידישן טעאַטער מיט די ריזיקע קינסטלער־טאַלאַנטן. שפּעטער אויך נישט פאַרפעלט קיין איין נייע פּיעסע פון מאָריס שוואַרצס „יידישן קונסט־טעאַטער", נאָך שפּעטער פונעם קינסטלערישן „אַרטעף"־טעאַטער — און מאַלע וואָס נאָך, פון וואָס אַ יידישער מענטש פון דער פּראָווינץ און ספּעציעל פון דער „סאָוט" האָט זיך געקאָנט אָנזעטיקן, הנאה האָבן און קריגן אַ גייסטיקע עליה.

קאַפּיטל 54

גערעַטעוועט נאָך אַ משפּחה

דערווייל האָבן די יאָרן און די צייט געטון זייערס — דאָס הייסט — געגאַנגען.

אין די, נאָך דער ערשטער מלחמה־יאָרן און אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט די יידישע עמיגראַציע־באַפעלקערונג אין אַטלאַנטאַ געהאַלטן אין איין וואַקסן און כסדר פלעגן די נייע קומען מיט אַדרעסן צו די פריערדיקע עמיגראַנטן, וואָס זענען שוין מער־ווייניקער געווען עטאַבלירט.

אין יענעם פּעריאָד זענען מאַסנווייז געלאָפן פון רוסלאַנד די געליטענע פון רעוואָלוציע, בירגער־קריג, באַנדעס, פּאָגראָמען און פיל פון זיי האָבן זיך געווענדט צו זייערע פריינט, באַקאַנטע און משפחות און אַנדערע, וואָס האָבן זיך שוין געפונען אין אַמעריקע. די וואָס האָבן זיך געווענדט צו אונדז, צו אונדזער משפּחה־קרייז, צום פעטער שמיל, צו מיין ברודער משה, צו מיר, צו אַנדערע, האָבן מיר קיינמאָל נישט צוריקגעוויזן און כסדר געווען גרייט זיי צו העלפן.

גאָר שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם ענין פון העלפן אַריבער־ברענגען די, וועלכע האָבן זיך צו אונדז געווענדט, איז געווען דער פעטער שמיל. ווי נאָר איינער פון אונדז האָט באַקומען פון ערגעץ, פון עמעצן

אַ באַקאַנטן, אַ פריינט, אַ משפחה־מענטש אַ בריוו און געבעטן הילף, אינפאָרמאַציע וועגן קומען קיין אַטלאַנטאַ, זענען מיר גלייך מיט דעם געקומען צום פעטער שמיל. ער האָט שוין צוגעטראַכט אַ פּלאַן — ווער, וואָס, ווען און ווי אַזוי דעם פּלאַן דורכפירן. ס'איז נישט שייך דאָ אַריינ־צולאָזן זיך אין פּרטים וויפל נייע מענטשן, משפחות זענען דורך אונדז אָנגעקומען קיין אַטלאַנטאַ. דאָס וואָלט, אפשר, געטראָגן אַ באַרימערישן כאַראַקטער. און נישט דאָס בין איך דאָ אויסן.

וועגן איין פאַל אָבער, וואָס דאָס וועט אפשר אָפּשפּיגלען די אָרעמע, עלנטע עמיגראַנטן־לאַגע אין יענער צייט און ספּעציעל אין דעם גרויסן קעסל־גרוב — ניו־יאָרק, איז כדאי צו פאַרצייכענען. און פּאַסירט האָט עס אַזוי:

אין איינעם אַ טאָג האָט אונדז דער פעטער שמיל — מיר, מיין ברודער משה, דעם פעטער לייב (דעם פעטער שמילס ברודער) און נאָך איינינקע פון אונדזער משפחה געלאָזט וויסן, אַז ער וויל אונדז אַלע זען ביי אים אין הויז דעם קומענדיקן זונטיק, אַרום צען אַ זייגער אין דער פרי. ער וויל זיך מיט אונדז דורכריידן וועגן אַ וויכטיקן ענין.

פאַרשטייט זיך, אַז דער פעטער רופט — זענען מיר אַלע געקומען אין דער צייט, זיך אויסגעזעצט, געשמועסט וועגן פאַרשיידענע ענינים, אָבער ס'האָט זיך געפילט אַן אָנגעשטרענגטע שטימונג. דער פעטער האָט עס באַמערקט און אַ זאָג געטון:

— נו, איר ווילט זיך מסתמא דערוויסן וועגן וואָס איך האָב אייך אַרויסגערופן, וועט איר באַלד הערן. דער פעטער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער און איז באַלד צוריק אַרויסגעקומען, טראָגנדיק אין דער האַנט אַ יידישע צייטונג. איידער איך גיי ווייטער וויל איך באַמערקן, אַז דער פעטער פלעגט ליב האָבן צו לייענען כמעט די גאַנצע יידישע פּרעסע פון יענער צייט — אַלע טעגלעכע, וועכנטלעכע, חודשלעכע שריפטן און די גאַנצע יידישע ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, געעפנט די צייטונג, „פאָרווערטס" און אָנגעפאַנגען צו לייענען „דאָס בינטל בריוו", וואָס דער אינהאַלט פון דעם איז געווען אַ מין „קול קורא" פון אַ מענטש אַן אומגליקלעכן און קראַנקן, וואָס וווינט ערגעץ אין ניו־יאָרק אויף אַ פערטן שטאָק אין דער ריווינגטאָן־גאַס, אַן אַרבעטסלאָזער מיט אַ פאַמיליע פון אַ פרוי און דריי קליינע קינדערלעך און אַלע הונגערן פשוט און ער ווענדט זיך איצט דורך דער צייטונג מיט אַן אויסגעשריי: „ר־אַ־ט־ע־וו־ע־ט!" ער שרייבט אינעם

„קול קורא״, אַז ער באַטראַכט זיין לאַגע איצט ווי איינער וואָס טרינקט זיך איינמיטן אַ שטורעמדיקן ים און ער וואַרפט אַריין אין אַ פלאַש זיין אויסגעשריי „ראַטעוועט״!״ און ער האָפט, אַז אפשר, אפשר וועט צו עמעצן דאָס געשריי דערשווימען, דערגרייכן.

איך האָב דאָ איבערגעגעבן גאָר בקיצור דעם תוכן פון זיין ווייגעשריי.

און ווען דער פעטער האָט געענדיקט לייענען האָט ער אַוועקגעלייגט די צייטונג און אַ זאָג געטון צו אונדז:

— ווי קאָנען מיר דאָ זיצן רואיק און זען ווי אַ מענטש טרינקט זיך ממש מיט ווייב און קינדער און נישט מאַכן קיין פאַרזוך עפּעס צו טון — און טאָקע שוין, נישט אָפּלייגן און נישט יוצא צו זיין מיט אַ קרעכץ אָדער אַוועקשיקן אַ פּאָר דאָלאַר — און דער פעטער וואַרפט שוין אָן אַ שטיקל פּלאַן, וואָס ער האָט שוין פון פריער צוגעטראַכט און וויל פון אונדז, אַז מיר זאָלן אויך האָבן אַ חלק אין דעם ענין, וואָס דאָס האָט געמיינט מאַכן אַ הלוואה און יעדער פון אונדז זאָל זיין פאַרפליכטעט זיך אונטערשרייבן, אאַ״וו, אאַ״וו, ווי מיר פלעגן טון זייער אָפט. איינער פון אונדז האָט אַפילו אַ פרעג געטון:

— פונוואַנען ווייסן מיר, אַז דער גאַנצער ענין איז נישט עפּעס אַ סענסאַציע פון דער צייטונג, אָן אַ פּיצל אמת אין דער גאַנצער מעשה?

אויף דעם האָט דער פעטער געענטפערט, אַז ער האָט אויך וועגן דעם געטראַכט און ער האָט באַשלאָסן איידער וואָס־ווען זיך דורכצושרייבן מיט דודס כלה אין ניו־יאָרק. (דאָס האָט דער פעטער געמיינט מיך. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט אַ כלה אין ניו־יאָרק... ווי קומט צו מיר פלוצעם אַ כלה? אויף דעם וועל איך האָבן אַ גאָר באַזונדערן קאַפּיטל). — איך וועל איר שיקן דעם אַדרעס פונעם בריוו־שרייבער און זאָל זי חוקר ודורש זיין דעם גאַנצן ענין און אונדז לאָזן וויסן.

ס׳האָט זיך אין קורצן אַרויסגעוויזן, אַז דער קול קורא איז אָן אמתער, גאָרנישט איבערגעטריבן און זי, מיין כלה, האָט אַליין צוגעזען די טראַ־געדיע פון דער פאַמיליע און זי האָפט, אַז מיר וועלן קענען טון עפּעס וועגן דעם.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און דער „היאַס״ אין ניו־יאָרק האָט זיך מיט דעם עסק מטפל געווען און די פאַמיליע אַרויסגעשיקט קיין אַטלאַנטאַ.

אין עטלעכע וואָכן אַרום נאָך זייער אָנקומען זענען זיי געוואָרן באַ־זאָרגט מיט אַ קליין שפּייז־געשעפטל, אונטער איין דאַך מיט אַ קליינער דירה, וואָס אין די אויגן פון מר. דזשייקאָבס (דער נאָמען פון דער

משפחה) איז עס געווען אַ פּאַלאַץ אין פאַרגלייך מיט זייער „וווינונג" אין ניו־יאָרק אויפן פערטן שטאָק אויף ריווינגטאָן־סטריט. ס'איז אויך ווערט צו דערמאָנען, אַז דער דאָזיקער מר. דזשייקאָבס איז געווען זייער אַ פיינער און אָרנטלעכער מענטש. ער האָט זיך אין דער צייט פון וווינען אין אַטלאַנטאַ ערלעך און לייטיש אויסגערעכנט מיט די אַלע, וועלכע האָבן אים געהאָלפן.

וואָס איז ווייטער געשען מיט דער משפחה דזשייקאָבס און מיט פיל נייע אָנגעקומענע יידישע עמיגראַנטן אין אַטלאַנטאַ? אָט די פראַגע, וועט אפשר אין אַ געוויסער מאָס, פאַרענטפערט ווערן אין מיינע ווייטערדיקע זכרונות בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג אין אַטלאַנטאַ, אין לויף פון די ווייטערדיקע יאָרן.

קאַפּיטל 55

דער נייער האַנדל־סיסטעם פון מאַקס בלאַנק

ווען איך דערמאָן זיך איצט אין יענער תקופה, צווישן די צען און צוואַנציקער יאָרן, זע איך פאַר זיך דעם מצב פון די נייע עמיגראַנטן און די טרויעריקע אומשטאַנדן, אין וועלכע זיי האָבן זיך דעמאָלט געפונען. זייער לאַגע האָט דערגרייכט, כמעט צו פאַרצווייפלונג — און אָט די אומ־שטאַנדן האָבן גראָד דערפירט צו עפּעס, וואָס האָט זיי געראַטעוועט; אָט דער „עפּעס", לויט מיין מיינונג, איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן אין מיינע זכרונות — און פאַסירט האָט עס אַזוי:

אין יענער תקופה, וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט, האָבן זיך שוין געפונען סימפּטאָמען פון אַן אינדוסטריאַליזאַציע־אָנפאַנג אין דער „סאַוט" בכלל און אין דזשיאָרדזשאַ און אין אַטלאַנטאַ בפרט — אָבער טאַקע נאָר אַן אָנפאַנג. די גרעסטע טייל פון דער אינדוסטריע איז נאָך באַשטאַנען פון קאָטן־מסחר, קאָטן־פאַבריקן, אַגריקולטור, ספּעציעל טאַבאַק וכדומה. די נייע עמיגראַנטן האָבן נאָך אַלץ געדאַרפט אָנקומען צו די דעמאָלטיקע, צוויי עיקרדיקע פּרנסה־קוואַלן — פּעדלען־גראָסעריס, גראָסעריס־פּעדלען, ווי אין די פריערדיקע יאָרן. און די מערהייט פון זיין האָבן, לויט די עצות און מיט דער הילף פון זייערע פריינט און באַקאַנטע, זיך גענומען צו שפּייז־געשעפטלעך, און ס'רוב פון זיי זענען געווען אָרעמע, נעבעכדיקע,

גראָשנדיקע קרעמלעך. זיי פלעגן אָפט דערמאָנען אין די קליינע קלייטלעך פון די „געטאָ־שטעטלעך" אין רוסלאַנד, וואָס זייער מסחר איז באַשטאַנען פון פאַרקויפן פאַר אַ גראָשן פעפער, אַ ווײַדעלע פון אַ הערינג וכדומה. אין אַטלאַנטאַ זענען די דאָזיקע געשעפטלעך געווען צעוואָרפן, כמעט, אין אַלע שוואַרצע געגנטן, אין די שוואַרצע געטאָס און די פרנסות פון זיי זענען געווען קוים, קוים ווי עס איז, זיך מיט דער משפחה צו דערהאַלטן ביים לעבן, און וואַרטן אויף בעסערע צייטן.

אָבער אָנשטאָט בעסערע צייטן זענען אויף זיי גאָר אָנגעקומען ערגערע און אומגעריכטע צרות, דהיינו:

דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, אין יענער תקופה ווען די שפּייז־טראָסטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן איבערן גאַנצן לאַנד און אויך דער־גרייכט אין דער „סאָוט", אין דזשאָרדזשאַ, און אויך אין אַטלאַנטאַ און זיי האָבן געעפנט „סטאָרס" אין פאַרשיידענע געגנטן פון דער שטאָט און האָבן אויך נישט „פאַרשעמט" די שוואַרצע געטאָס און אויך דאָרט געעפנט גרויסע, שיינע שפּייז־געשעפטן, רעקלאַמירט ביליקע פּרייזן, אא"וו. און ס'האָט נישט גענומען לאַנג און די קליינע יידישע קרעמלעך האָבן אָנגעהויבן צו דערפילן דעם דרוק און די געפאַר פאַר דער אַזוי אויך אָרעמער עקזיסטענץ און זיי זענען געשטאַנען אויפן ברעג פון אונטערגאַנג.

אין יענער צייט האָט זיך צווישן די יידישע גראָסערי־געשעפטלעך באַוויזן אַ ייד מיטן נאָמען מאַקס בלאַנק. ווי מיר האָבן דעמאָלט געהערט איז ער געקומען פון ניו־יאָרק, וווּ ער האָט געאַרבעט ביי זיין פאַך אַלס אַ „פּאָקעט־בוקמייקער" און וווּ ער איז געווען טעטיק און אַ פירער אין דער פּ. ב.־יוניאָן. ער איז געווען אין די מיטעלע יאָרן.

ווען, וווּ און ווי אַזוי ער איז געקומען קיין אַטלאַנטאַ און ווי אַזוי ער קומט צו זיין אין די גראָסעריס־ביזנעס האָט דעמאָלט קיינער נישט געוווּסט.

לויט זיין אויסערלעכן אויסזען איז ער געווען אַ ייד אַ חלש, אַ קרענ־קלעכער, אַ דאַרער, דין ווי אַ לולב. אָבער דאָס איז געווען אַ דינאַמישע פּערזענלעכקייט, אַ מענטש מיט קוראַזש, מוט, אַמביציע, איניציאַטיוו און וויזע. ער האָט דערזען דעם אָנהויב פונעם סוף פונעם שטיקל פרנסה פון די קליינע שפּייז־געשעפטלעך — וווּ ס'איז פּשוט געווען אַ פראַגע פון זיין אָדער נישט זיין. ער האָט אויך געזען דעם ריזיקן שונא, דעם שפּייז־טראָסט, וועלכן ער האָט בדעה געהאַט בייצוקומען. און אויף זיין איניציאַטיוו האָט ער פאַררופן אַ מיטינג פון צען־פופצן גראָסערי־קרעמער, ביי איינעם

פון זיי, מר. גרינבערג אין הויז. די דאָזיקע קרעמער זענען געשטאַנען אַ ביסל העכער פינאַנסיעל פון אַלע אַנדערע. און געקומען איז מר. בלאַנק נישט נאָר מיט אַ „הבה נתחכמה״, נאָר טאַקע אויך מיט אַ שטיקל פּלאַן און פּראָגראַם. ער האָט די דאָזיקע יידן נישט געדאַרפט אַגיטירן — זיי האָבן זיך אַלע אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיין פּלאַן. ער האָט זיי באַוויזן און איבערצייגט, אַז ווען זיי קאָנען אָרגאַניזירן אַזעלכע פּערציק־פופציק קראָמען צו קויפן סחורות אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן וואָלטן זיי געקאָנט פאַרקויפן זייערע קונים אויף די זעלבע פּרייזן ווי די גרויסע קראָם־און שפּייז־טראָסט און זיי וואָלטן זיך גערעטעוועט פונעם פאַמעלעכן, שטופּנדיקן אונטערגאַנג, וואָס הייבט זיך אָן צו פילן אין זייערע פּרנסות.

ס׳איז נישט אָנגעקומען שווער דעם מר. בלאַנק צו אָרגאַניזירן אַ פּאָר מנינים אייגנטימער פון די קליינע שפּייז־געשעפטלעך — און אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „אַטלאַנטאַ גראָסערי אַסאָשיאיישן״ איז געגרינדעט געוואָרן.

עס איז נישט נויטיק, און איך ווייס נישט אַלע איינצלהייטן פון דער אָרגאַניזאַציע. איך ווייס אָבער די פאַקטן — און די פאַקטן זענען, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט די אַלע יאָרן געהאַלטן אין וואַקסן און וואַקסן. עס האָבן זיך דורך דער צייט אָנגעשלאָסן אויך נישט־יידן אין דער אָרגאַניזאַציע און אַלע האָבן געאַרבעט האַרמאָניש און געלייגט דעם פונדאַמענט וואָס איז אין די עטלעכע און פערציק יאָר פון איר עקזיסטענץ אויסגעוואַקסן און זיך אַנטוויקלט צו אַ קאָלאָסאַל, ריזיק, קאָראַנטע־געשעפט. די פאָלגנדיקע פאַקטן און ציפערן וועלן עס באַווייזן. פאַר אַט דער אינפאָרמאַציע און ציפערן, וואָס איך וועל דאָ פאַרנאָטירן קומט אַ דאַנק דעם חשובן און פעיקן יידישן יונגערמאַן, דזשעק מעיזשער, וועלכער איז איינער פון די, וואָס שטייט אין שפּיץ פון דעם ריזיקן געשעפט פאַר די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר. איך האָב ממש געשטוינט, ווען איך האָב ביים מר. מעיזשער אַ פרעג געטון וויפל מיטגלידער געפינען זיך איצט אין דער אַסאָשיאיישן — און זיין ענטפער איז געווען, אַז אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר, ד. ה. אינעם יאָר 1970 זענען אין דער אָרגאַניזאַציע געווען איינגעשלאָסן פיר הונדערט און אַכציק מיטגלידער, און די סומע פונעם געלט־אומלויף (אָבאָראָט), ביזנעס, וואָס דאָס געשעפט האָט געהאַט אינעם זעלבן יאָר האָט באַטראָפן פינף און אַכציק מיליאָן דאָלאַר. איך דענק, אַז די דאָזיקע צוויי ציפערן אַליין זענען גענוג זיך צו שאַפן אַ באַגריף וועגן דעם דערפאָלג פון דער אונטערנעמונג — פון אַ פּאָר מנינים יידישע קליינע

גראָסערי־געשעפטלעך פון אַן ערך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק ביז די איצטיקע טעג.

מר. מעיזשער האָט אויך באַמערקט, אַז פון די 480 מיטגלידער אין דער אָרגאַניזאַציע זענען גראָד די מערהייט נישט־יידן; פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, זענען פאַראַן פאַרשיידענע סיבות: די וויכטיקסטע, לויט מיין מיינונג, איז, אַז — ווען מיר ריידן פון אַן עפּאָכע און אַ תקופה פון אַן ערך אַ האַלבן יאָרהונדערט, איז אין לויף פון אַזויפיל יאָרן האָט זיך דאָך דאָס יידישע לעבנס־בילד אין אַטלאַנטאַ — דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער, און קולטור־רעלער מצב אינגאַנצן געביטן; דאָס הייסט, אַז פון די יידישע עמיגראַנטן פון צוריק מיט פערציק־פופציק יאָר — זענען שוין געקומען די צווייטע און דריטע דורות, וואָס זענען נישט געגאַנגען אין די פוסטריט פון די פרנסות פון זייערע טאַטעס — פעדלען און שפּייז־קרעמלעך.

עס איז אויך כדאי צו פאַרצייכענען, אַז נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה און נאָכן גרויסן יידישן היטלער־חורבן זענען, ווי אין אַנדערע גרויסע שטעט אין אַמעריקע, אַזוי אויך אין אַטלאַנטאַ, אַריינגעקומען אַ פּאָר הונדערט משפחות־עמיגראַנטן, וואָס די מערהייט פון זיי זענען, פאַר־שטייט זיך, געווען געצוווּנגען צו נעמען זיך צו קליינע געשעפטן, און דער עיקר צו שפּייז־קראָמען. אָבער די דאָזיקע עמיגראַנטן פון די פופציקער יאָרן זענען שוין געקומען אויפן גרייטן. זיי האָבן שוין נישט געדאַרפט דורכגיין דאָס, וואָס אַמאָליקע עמיגראַנטן האָבן דורכגעמאַכט. די שפּייז־געשעפטן פון די נייע עמיגראַנטן האָבן שוין נישט געהאַט דאָס פּנים פונעם אַמאָליקן, נעבעכדיקן גראָשן־קרעמל. אויב מען האָט דעם אַמאָליקן עמיגראַנט אַרויסגעהאָלפן מיט אייניקע הונדערט דאָלאַר זיך צו עטאַ־בלירן — האָט זיך שוין דאָ געפאָדערט עטלעכע טויזנט דאָלאַר גוט צו שטיין פאַרן נייעם עמיגראַנט, וואָס איז גלייך געוואָרן אַ מיטגליד אין דער „אַסאָסיאיישן", געמאַכט ביזנעס אויף אַ סוחרישן אופן און דער עיקר — אָן מורא, אַז דער שפּייז־טרעסט וועט אים פאַרניכטן.

אָט די יידן, די נייע עמיגראַנטן אין דעם גראָסערי־ביזנעס אין אַטלאַנטאַ, וווינען שוין איצט נישט „ערגעץ" אין דער „בעק" (פון הינטן) פון קרעמל, ווי די אַמאָליקע; מיר זעען זיי אין גאָר פיינע רייכע היימען; זיי פאָרן אַרויס אין „גבירישע" אויטאָמאָבילן; שיקן זייערע קינדער אין די קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן; פאַרגינען זיך גאַנץ פיינע וואַקאַציעס, אַפילו קיין „זאַגראַניצע". און דאָס אַלץ איז אַ דאַנק דעם חלשדיקן אָבער דינאַמישן ייד, מאַקס בלאַנק, מיט זיין איניציאַטיוו און ווייטער וויזיע עטלעכע און פופציק

יאָר צוריק, וואָס איז געווען ביז לעצטן טאָג פון זיין לעבן דער רוקנביין פון דער דאָזיקער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע און איר גרויסן דערפאָלג עד היום הזה.

קאַפּיטל 56

דער היסטאָרישער אויפבלי פון אַטלאַנטאַ

ווען איך שרייב מיינע זכרונות פון דער שטאָט אַטלאַנטאַ בכלל, און פון דער יידישער אַטלאַנטאַ בפרט, טראָג איך זיך אָפּט אַריבער אין די געדאַנקען צוריק מיט זיבן און זעכציק יאָר ביז איצט און ס'איז פּשוט צו שטוינען, צו זען אינעם פאַרלויף און אינעם גאַנג פון די יאָרן, ווי די לעבנס־פּראָצעסן אַרבעטן — אַט דער פּראָצעס פון „דור הולך ודור בא", דער פּראָצעס פון „פּושט צורה ולובש צורה", אאַ"וו, וכדומה.

אינעם יאָר 1906, ווען איך בין געקומען קיין אַטלאַנטאַ האָט די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון שטאָט געציילט אַן ערך 130 טויזנט, און לויט דער ציילונג אין יאָר 1970 האָט די באַפעלקערונג פון דער מעטראָ־פּאָליע אַטלאַנטאַ שוין געציילט אַ מיליאָן און פיר הונדערט טויזנט נפשות.

אַט די קאָלאָסאַלע, ריזיקע ציפער פונעם וווּקס פון דער באַפעלקערונג אַליין זאָגט עפּעס, און פאַר איינעם, וואָס געדענקט די שטאָט פונעם יאָר 1906 מיט אירער דעמאָלטיקער באַפעלקערונג, מיינט עס גאָר אַ סך. און נישט נאָר אַטלאַנטאַס וווּקס אין דער באַפעלקערונג נאָר אויך איר וווּקס אין דער אינדוסטריע, עקאָנאָמיע, און איר סאָציאַלע און קולטורעלע אַנט־וויקלונג — בכלל איר איצטיקע גרויסשטאָטישקייט.

אין יאָר 1906 האָב איך געטראָפן אַ שטעטל מיט אַ באַגרענעצטער לאָקאַלער אינדוסטריע און עקאָנאָמיע, וואָס איז באַשטאַנען פון קאָטן (ביינוואָל) און אַגריקולטור — און איך האָב אין גאַנג פון די יאָרן געזען ווי זי איז אויסגעוואַקסן צו אַ ריזיקער שטאָט פון אַלערליי אינדוסטריעס און פאַבריקאַציעס און פון אַ קאָמערציעלן פּונקט וואָס איז כמעט נישטאָ קיין אײן אינדוסטריע פונעם גאַנצן לאַנד, וואָס זאָל נישט האָבן איר אָפּ־טיילונג און רעפּרעזענטאַנץ אין אַטלאַנטאַ, וואָס איז דער „שליסל־פּונקט" אויף צו צעשפּרייטן און צעשיקן די אַלע פאַרשיידענע אינדוסטריעס פון לאַנד, איבער דער גאַנצער „סאַוט".

ווען איך טו איצט אַ קוק אויף אַטלאַנטאַ, אויף איר פיזישן אויסזען, אויף אירע עקספּרעס־וועגן, שליאַכן, בריקן, אויף וועלכע עס פליען פון אויבן און פון אונטן, אַהין און צוריק, אין אַלע זייטן די טויזנטער אויטאָ־מאָבילן, אַז עס שווינדלט פּשוט אין די אויגן; ווען איך קוק אויף די פליענדיקע אויטאָמאָבילן — געדענקט זיך מיר ווען איך אַליין בין איבער־געגאַנגען אינעם יאָר 1914 פון מיין פערד־און־וועגעלע צו אַן אויטאָמאָביל... איך אַליין האָב צוגעזען דעם סוף „פון פערד אין שטאַל" און אויף זיין אָרט איז אַריין דער אויטאָמאָביל אין גאַראַזש... איך אַליין האָב צוגעזען דעם אָנהויב פון אַ „וועלט אויף רעדלעך"... ווען איך קוק אויף אַטלאַנטער „סוב־אורביע" און אירע „שאָפּינג סענטערס" (איינקויף־צענטערס), וואָס רינגלען אַרום דעם צענטער פון שטאָט... ווען איך זע די נייע, ריזיקע האָטעלן, „דהי סקאַי־לאַיטס" (הימל־קראַצערס), די הויכע, ריזיקע געביידעס, וואָס דראַפּען זיך צום הימל... ווען איך זע דאָס אַלץ גלויבט זיך מיר פּשוט נישט, אַז דאָס איז די זעלבע, שטילע, רואיקע, געמיטלעכע אַטלאַנטאַ, וואָס איך האָב געטראָפן אין יאָר 1906, — אויף דעם אָרט און געגנט ווו עס שטייען איצט די צוואַנציק דרייסיק־שטאָקיקע געביידעס, זענען דעמאָלט געווען שטילע רעזידענט־געגנטן, באַוואַקסן מיט בוימער און בלומען אויףביידע זייטן גאַס...

און איך זע נישט נאָר אַטלאַנטאַס פּראָגרעס אין אינדוסטריע און אין איר פיזישן אויסזען, נאָר אויך דעם פאָרשריט פון דער שטאָט אויפן קולטורעלן געביט אין גאַנג פון די יאָרן מיט אירע פולע נייע סקולס (שולן), קאָלעדזשעס, אוניווערסיטעטן, שפּיטאָלן און אַנדערע שטאָטישע אינסטיטוציעס...

אַטלאַנטאַ איז געווען די ערשטע שטאָט אין דער פּראָווינץ, נאָך אינעם יאָר 1911, אַראָפּצוברענגען די „מעטראָפּאָליטען אָפּערע" פון ניו־יאָרק אויף אַ גאַנצע וואָך און די דאָזיקע אונטערנעמונג איז געוואָרן אַ יערלעכע אינסטיטוציע — יאָר־איין יאָר־אויס — ביזן היינטיקן יאָר 1972...

אין יאָר 1911 האָט זיך געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „אַטלאַנטאַ מיוזיק־קלאַב" און פון דעם קלוב האָט זיך אַנטוויקלט דער איצטיקער אַטלאַנטער סימפאָנישער אָרקעסטער, וואָס איז באַוווּסט פאַר איינעם פון די אָנגעזעענסטע אין גאַנצן לאַנד בכלל און ספּעציעל אין די דרום־שטאַטן.

ווען איך פאַרצייכן דאָ געוויסע געשעענישן, פּאַסירונגען און די אַנטוויקלונג פון דער שטאָט אַטלאַנטאַ בכלל, טראַכט איך, אַז עס מוז

אויך דערמאָנט ווערן דער פאַקט — און איך וועל מיט דעם פאַקט גאַרנישט מחדש זיין — אַז אַלע דרום־שטאַטן, דזשיאָרדזשאַ אַרייַנגערעכנט, זענען פּאָליטיש רעאַקציאָנער, צוריק געשטאַנען, ראַסיסטיש, נעסטן פון דער „קו־קלוקס־קלאַן" און פיל אַנדערע רעאַקציאָנערע, ראַסיסטישע, אַנטי־סעמיטישע שלעק, וואָס פּאַרמיסטיקן און פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פונעם גאַנצן לאַנד.

איך וואָלט אָבער מיט דער מעטראָפּאָליע אַטלאַנטאַ געמאַכט אַן אויסנאַם און איך וואָלט אויף איר נישט אָנגעמאָסטן אָט די אַלע, אויבן אויסגערעכנטע „מעלות". דאָס קאָן באַשטעטיקט ווערן מיט אַ פאַקט, וואָס האָט ערשט פּאַסירט אין די היינטיקע נאָוועמבער־וואַלן פון 1972: אין אַ געוויסן דיסטריקט, וואָס נעמט אַריין אַ גאָר היפּשן טייל פון דער שטאָט אַטלאַנטאַ זענען „געלאָפן" צוויי קאַנדידאַטן צו רעפּרעזענטירן דעם דאָזיקן דיסטריקט אין קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן — איינער אַ שוואַרצער, אַ פּראָ־מינענטער גייסט־מענטש, ליבעראַל און אַ דעמאָקראַט. דער צווייטער — אַ ווייסער, אַ דערפאַרענער פּאָליטיקער, אַ רעאַקציאָנער און אַ רעפּובלי־קאַנער. קיין איינער פון זיי האָט נישט געקאָנט דערוויילט ווערן, סיידן די מערהייט פון דער באַפעלקערונג פון דעם דיסטריקט, וואָס באַשטייט פון ביידע ראַסן, ווייסע און שוואַרצע, זאָלן שטימען פאַר זיי. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער שוואַרצער, דער ליבעראַל און דעמאָקראַט איז אַרויס דער זיגער מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען, און ער וועט פאַרטרעטן דעם דיסטריקט אין קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן. פאַר דעם פאַקט אַליין וואָלט נישט געווען יושרדיק אַריינצוּוואַרפן אַטלאַנטאַ אין דעם זעלבן טאָפּ מיט דער אַלגעמיינער רעאַקציע פון דער „סאַוט"...

איך מיין, אַז איך האָב זיך אפשר אַ ביסל צופיל פאַרנומען און פאַר־מאָסטן צו לאַנג וועגן דער שטאָט אַטלאַנטאַ. נאָך אַלעמען פאַרשרייב איך דאָך מיינע פּערזענלעכע זכרונות, וואָס האָבן אַ קליינעם שייכות צו דער שטאָט אַטלאַנטאַ בכלל.

פונדעסטוועגן אָבער איז אַטלאַנטאַ פאַרט די שטאָט, אין וועלכער איך האָב אָפּגעווינט, און ווין נאָך איצט, אַוועלכע עטלעכע און זעכציק יאָר און אַ סך איבערגעלעבט אין דער שטאָט. איז כדאי, דענק איך, אַז אויך זי, די שטאָט אַטלאַנטאַ, זאָל עטוואָס אַריין אין מיינע מעמואַרן...

וועל איך זיך טאַקע איצט נעמען צו פאַרצייכענען די יידישע אַט־לאַנטאַ — אָט די יידישע אַטלאַנטאַ, וואָס איך האָב געטראָפן אינעם יאָר 1905—1906 און ווי אַזוי זי זעט אויס איצט, אינעם סוף פון יאָר 1972.

קאַפּיטל 57

ליכט און שאָטן פון דער יידישער אַטלאַנטאַ

איך האָב שוין אין מיינע זכרונות איין מאָל דערמאָנט אין קורצן דעם קלייניטשקן יידישן ישוב אין אַטלאַנטאַ, וועלכן איך האָב געטראָפן אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט — קליין אין צאָל און מיט אַ באַגרע־נעצטן קולטור־באַגאַזש, וואָס האָט זיך אין פאַרלויף פון די יאָרן פאַרמערט, אַנטוויקלט און צעוואַקסן צו אַן אַקטיוויטעט פון אַלע געביטן און מיט אַלע אַטריבוטן פון אַן אָנגעזעענער יידישער קהילה אין אַמעריקע.

די אַקטיוויטעטן האָבן זיך נאָך אָנגעפאַנגען אין די יאָרן 1908—1909 מיט דער גרינדונג פון אַ קליינער, באַשיידענער אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „יידישע פעדעראַציע פאַר יידישער צדקה" („פעדערייש אָוו דזשואיס טשאַריטיס") און אין לויף פון די יאָרן און אונטערן דאַך פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז זיך צעוואַקסן און צעשפּרייט אַ נעץ פון יידישע אינסטי־טוציעס פון אַ גרויסן פאַרנעם.

אין מיין שמועס מיטן עקזעקוטיוו־דירעקטאָר, מר. עד. קאָהן, וואָס איז געשטאַנען ביים רודער און אין שפּיץ פון דער פעדעראַציע פונעם יאָר 1928 ביז זיין „ריטאַיערן" אין די זעכציקער יאָרן, אַוועלכע עטלעכע און דרייסיק יאָר, און אויך פון דער אינפאָרמאַציע וואָס איך האָב געקראָגן פונעם איצטיקן עקזעקוטיוו־דירעקטאָר, מר. מ. געטינגער, וואָס פירט אָן מיט דער פעדעראַציע די לעצטע צען יאָר — קאָן מען זען די ריזיקע, קאָלאָסאַלע אַרבעט און די שווערע מיליאָנען, וואָס ווערן יערלעך געשאַפן פאַר די כלערליי צענדליקער יידישע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, אַנ־שטאַלטן אין יידישן לעבן — לאָקאַל און איבער דער וועלט און ספּעציעל פאַר מדינת ישראל, וואָס ווערט געשטיצט פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער פעדעראַציע, וואָס שאַפט מיליאָנען דאָלאַר יאָר־איין יאָר־אויס פון דער אַטלאַנטער יידישער באַפעלקערונג, וואָס באַשטייט פון אַן ערך צוואַנציק טויזנט אָדער מער נפשות, „אנשים, נשים וטף".

פאַרשטייט זיך אַז, כדי צו שאַפן אַלע יאָר אַזעלכע ריזיקע מיליאָנען־בודזשעטן ווערט פאַרנוצט אַ מאַסע צייט, אַרבעט, ענערגיע, ווי מיר זעען דאָס אין אַלע אַנדערע יידישע קהילות אין אַמעריקע און עס סטייעט שוין נישט קיין צייט און כוחות פאַר אַנדערע וויכטיקע פּראָבלעמען און פּראָג־ראַמען, און עס ליגט אַ סך אמת אין דעם, וואָס דאָס אַמעריקאַנער יידישע

לעבן ווערט אָנגערופן „אַ טשעק־בוק יידישקייט״; אָבער דער ענין האָט שוין נישט צו טון מיט מיינע זכרונות.

וואָס האָט יאָ שייכות צו מיינע זכרונות און עס איז כדאי דאָס צו פאַרצייכענען איז אָט וואָס: ווען מיר ריידן וועגן דער אַטלאַנטער פעדע־ראַציע טו איך זיך אַ דערמאָן אין יענע יאָרן פון 1905—1910, ווען די פעדעראַציע איז געגרינדעט געוואָרן, איז אָרגאַניזירט געוואָרן — ווי איך געדענק עס זייער גוט — אויסשליסלעך פון די „דייטשישע יאַהודים״. אין יענע יאָרן, איז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון אַטלאַנטאַ, סיי די „יאַהודים״ ווי אויך יידישע עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע, געווען צווישן צוויי און צוויי און אַ האַלבן טויזנט יידישע נפשות; איז טאַקע די גאַנצע יידישע קהילה געווען אַ קליינע, אָבער די מחיצה, דער „געפּ״, דער אָפּ־גרונט צווישן די „יאַהודים״ און די יידן איז געווען אַ גרויסער.

איך וויל זיך דאָ מודה זיין, אַז נאָך איצט, ווען איך טראַכט פון יענער צייט און פון דער „מחיצה״, פיל איך זיך אַ ביסל אומבאַקוועם. איך וויל דאָ, חלילה, נישט באַשולדיקן יענע דייטשישע יידן אין שנאה אָדער סנאָ־ביזם צו די מזרח־אייראָפּעישע יידן; אָבער מיר, די „יידישע״ יידן, האָבן זיך געפילט דאָן ווי נעבעכדיקע, אַז מ׳האָט אויף אונדז רחמנות, גע־קוקט אויף אונדז פון אויבן אַראָפּ. אַז איך וויל זיך פילן אַ ביסל בעסער טו איך זיך אַ קער אַוועק פון יענע יאָרן און כאַפּ אַ קוק אויף דער פעדע־ראַציע פון היינט און אויפן מי ומי, ווער זענען אירע פירער, אירע וואָרט־זאָגער, אירע געלט־געבער און געלט־נעמער... און וואָס זע איך? איך זע די גרויסע „מאַיאָריטעט״ (מערהייט) פון דער פעדעראַציע־אָנפירערשאַפט וואָס באַשטייען פון פּראָפעסיאָנאַלן, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אינזשיניערן, באַנקירן, גרויסע געשעפטס־פירער, אאַ״וו. און די גרעסטע מערהייט פון זיי זענען דער צווייטער און דריטער דור, וואָס זייערע טאַטעס און זיידעס זענען געווען פּעדלערס, קליינע קרעמערס, אייניקע פלעגן אַרומפאָרן מיט אַ פערד און וואָגן, קלינגען מיט אַ גלאָק און אויפקויפן אַלטע ברוך־אייזנס און נאָך אַזעלכע פּרנסות — איז וואָס ס׳שייך דעם וואָרט און דעם מיין פון „מחיצה״ ביי דער איצטיקער אַטלאַנטער יידישער קהילה — איז פון דעם קיין זכר נישט געבליבן.

אין „יענע יאָרן״ וואָלט אַ מזרח־אייראָפּעישער ייד אַפילו נישט גע־חלומט צו ווערן אַ מיטגליד אין רעפאָרם־טעמפל, אין וועלכן אַלע מיט־גלידער זענען געווען אויסשליסלעך „דייטשישע יאַהודים״.

איר וועט אָבער היינט געפינען אַ גאָר היפשע צאָל זין און אייניקלעך

פון אַמאָליקע פעדלערס, וואָס זענען מיטגלידער פון רעפאָרם־טעמפּל און אַז איך דערמאָן איצט דעם רעפאָרם־טעמפּל איז כדאי צו פאַרצייכענען ווי אין לויף פון די יאָרן און מיט דעם וווקס פון דער יידישער באַפעל־קערונג אין אַטלאַנטאַ האָבן זיך אויך די בתי־תפילה פאַרמערט און פאַר־גרעסערט.

אין דער איצטיקער תקופה, אינעם יאָר 1972 געפינען זיך אין אַט־לאַנטאַ זיבן בתי־תפילות מכל המינים. איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלן נאָר אויף צוויי. דאָס זענען די צוויי, וואָס איך האָב דאָ געטראָפן אין יאָר 1906—1905, אגב, דאָס זענען די צוויי — די קאָנסערוואַטיווע „אהבת־אחים" און דאָס רעפאָרם־טעמפּל, וואָס זייער השפעה פילט זיך אַממערסטן אינעם אַטלאַנטער יידישן ישוב.

איך געדענק נאָך זייער גוט דאָס קליינע, אָרעמע „אהבת־אחים"־שולכל אין „יענע יאָרן" און עס איז פּשוט אומגלויבלעך, אַז דאָס איז די זעלבע „א. א.", וואָס געפינט זיך איצט אין אַ קאָלאָסאַלער געביידע מיט אַ מיט־גלידערשאַפט פון זיבעצן־אַכצן הונדערט משפחות, וואָס דאָס מיינט געווי אַ פיר טויזנט נפשות, מיט איר מרא דאתרא הרב ד"ר ה. עפּשטיין — אַ יידישער ייד, וואָס האָט פאַר די לעצטע פינף און פערציק יאָר אין אַטלאַנטאַ מיט זיין גייסטיקער אָנפירערשאַפט גאָר פיל געהאָלפן צו פאַר־מירן דעם יידישן ישוב אין אַטלאַנטאַ ער זאָל ווערן אַ „עיר ואם בישראל".

עס איז אויך „אַ צייכן פון דער צייט" צו זען דעם גרויסן אונטערשיידביים רעפאָרם־טעמפּל אין אַטלאַנטאַ פון אַמאָל, „אין יענע יאָרן", ביז דעם אָנקום פון דעם נייעם רבי ראָטשילד אינעם יאָר 1946. דאָס איז געווען, און איז גאָר אַן אַנדער טיפּ רבי; זיין „אַנדערשקייט" האָט מען גלייך געקאָנט באַמערקן אין זיין ערשטן, עפנטלעכן אַרויסטריט.

גראָד אינעם יאָר פון זיין אָנקומען אַלס רב קיין אַטלאַנטאַ איז אָנגע־גאַנגען אַ פּאָליטישע קאַמפּאַניע פאַר גאָווערנער פון דזשיאָרדזשאַ. „געלאָפן" זענען צוויי קאַנדידאַטן — אַ רעאַקציאָנער און אַ ליבעראַל; דער רב האָט גענומען אַן עפנטלעכן, אַקטיוון אָנטייל צו דערוויילן דעם ליבעראַל און דאָס האָט שטאַרק נישט געשמעקט אייניקע פון זיינע טעמפּל־באַלעבאַטים. עס האָט זיך אַפילו אָרגאַניזירט אַ קליקע פון די טעמפּל־מיטגלידער אים גלייך משלח צו זיין פון וואַנען ער איז געקומען. זייער טענה איז געווען, אַז אַ רב טאָר זיך נישט מישן אין פּאָליטיק. אָבער זייער פאַרזוך האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן.

דער גאַנצער יידישער ישוב אין אַטלאַנטאַ האָט אויך געזען און געהערט

זיך מוטיקע, עפנטלעכע שטעלונג בנוגע דער ציווילער־רעכט־פראַגע. און דאָס איז נאָך געווען, העט, פריער, „קודם מתן תורה", דאָס הייסט נאָך פאַר דעם מאַניפעסט פון העכסטן געריכט וועגן ציווילע רעכט אינעם יאָר 1954. ער האָט אויך באַוויזן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל צוזאַמען מיט די אויסערלעכע, נישט־יידישע, רעליגיעזע און ליבעראַלע עלעמענטן — מער ווי אַלע אַנדערע רבנים אין אַטלאַנטאַ.

ס'איז אמת, אַז פאַר זיין מוטיקן, עפנטלעכן, פריידיקן צדק, יושר, אאַ"וו האָט ער און זיין טעמפל געקראָגן אַ „מתנה" פון די „אולטרעס" — דינאַמיט, וואָס האָט אין חודש אָקטאָבער 1958 אויפגעריסן און האַלב חרוב געמאַכט דעם טעמפל־בנין. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשראָקן, נישט אים און נישט אַן ערך פופצן הונדערט משפחות פונעם רעפאָרם־טעמפל.

איך אַליין האָב אויך צוגעזען דעם גרויסן אונטערשייד פונעם העס־לעכן, אַנטיסעמיטישן „מאָב" בעת דער „פרענק קעיס" מיט דעם סימ־פּאַטישן אויסדרוק צום רב און צו די טעמפל־מיטגלידער פון אַלע עקן לאַנד און פון די דרום־שטאַטן — פון מעיערס, גאָווערנערס, פון הונדער־טער נישט־יידן, יחידים מיט געלט־אַנבאַטן, וואָס איז, אגב, צוריקגעוויזן געוואָרן און ס'איז נישט קיין סוד, פאַרוואָס די „אולטרעס" האָבן גראָד געשיקט די דינאַמיט־„מתנה" צום טעמפל און נישט צו קיין אַנדערער סינאַגאָגע אין אַטלאַנטאַ...

איך האָב אייניקע איינצלהייטן וועגן דעם רעפאָרם־טעמפל און זיין רבי ראָטשילד אַרויסגענומען פונעם בוך „דער טעמפל — זיינע ערשטע הונדערט יאָר 1867 — 1967", געשריבן פון רבי ראָטשילדס פרוי, מרס. דזשעניס ראָטשילד.

*

און אָט אַזוי האָב איך געהאַט די זכיה צוצוזען דעם „פּושט־ולובש" פון דער יידישער אַטלאַנטאַ פונעם יאָר 1905—1906 ביז, ווען איך שרייב די שורות אינעם סוף יאָר 1972, אַ קימאַ־לן פון זיבן און זעכציק יאָר...

און איך נעם זיך צו פאַרשרייבן דאָס לעצטע קאַפּיטל.

קאַפּיטל 58

איך בוי פאַר זיך אַ היים

אַט דאָס קאַפּיטל, וואָס איך נעם זיך איצט שרייבן און וואָס עס דאַרף אַריין אין מיינע זכרונות, געהערט אייגנטלעך צו די יאָרן 1910—1911, מחמת וואָס איך נעם דאָ צו פאַרצייכענען איז געשען אין יענע יאָרן. נאָר וואָס דען? אַזוי ווי איך דענק, אַז מיט דעם איצטיקן קאַפּיטל וועלן זיך מיינע זכרונות פאַרענדיקן און אַזוי ווי איך האַלט, אַז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז ביי מיר דאָס וויכטיקסטע אין מיינע זכרונות, האָב איך עס איבערגעלאָזט צום לעצט, צום „אחרון — אחרון חביב״ — דהי בעסט טו דהי לעסט.

און אַזוי איז די מעשה:

אין יענע 1910—1911 יאָרן האָבן זיך צו מיר צוגעטשעפּעט און אָנגעזעצט צוויי פון מיינע נאָענטסטע משפּחה־מענטשן — די מומע סאָניע און דער פעטער שמיל. זיי האָבן געהאַלטן אין איין טענהען מיט מיר, אַז איך דאַרף, איך מוז, און איך זאָל — חתונה האָבן. דער פעטער שמיל האָט ספּעציעל נישט ליב געהאַט קיין „פּאַרזעסענע״. ער איז בטבע געווען אַ משפּחה־מענטש. זיין ליבע צו קינדער, אַפילו נישט נאָר צו זיינע אייגענע, איז געווען אויסערגעוויינלעך. ער האָט געהאַלטן, אַז די „פּאַרזעסענע״ מענטשן פוןביידע מינים ווערן אין זייער פריער עלטער פאַרטריקנט. זייער לעבן אין די עלטערע יאָרן איז ליידיק, אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק און אָן אַן אינהאַלט.

— על כן — זאָגט ער צו מיר — דוד, האָב עס אין זינען, בינסט שוין אַ בחור אין די יאָרן, בינסט מער־וויניקער עטאַבלירט — אאַ״ו, אאַ״ו אַלע מאָל און כסדר מיר געהאַלטן אין איין דערמאָנען.

מיין תירוץ און מיין צוגאַנג צו דעם ענין איז געווען, אַז בכלל האָב איך גאָרנישט דאַקעגן דער חתונה־אינסטיטוציע; אדרבא, איך טראַכט וועגן דעם ערנסט, אַז לויט מיין השגה און מיין גוסט וואָלט איך זיך געוואָלט פאַרבינדן מיט אַזאַ מענטש — אַז אחוץ אַלע אַנדערע שיינע מעלות — זאָל זי אויך זיין מיינס גלייכן. דאָס הייסט, נישט אַזאַ מיט אויבער־מעלות איך זאָל קוקן צו איר אַרויף, און אויך נישט אַזאַ, וואָס איך זאָל זי אונטער־שאַצן און קוקן אויף איר פון אויבן אַראָפּ.

און אַזאַ טיפּ מענטש האָב איך דאָ אין אַטלאַנטאַ דערוויל נאָך נישט באַגעגנט.

און דאָ האָט די מומע סאָניע געזאָגט:

— ווייסטו זי טאַקע נישט באַגעגענען און דערפאַר קאָן איך אַזאַ אין ניו־יאָרק, וואָס איך געדענק זי גוט פון דער שטאָט, ווו איך האָב געוווינט און ווו זי האָט זיך דאָרט געלערנט ביי אַ לערער, אונדזערן אַ גוטן פריינט, וואָס פלעגט זי שטאַרק ליבן און אָפּשאַצן אַלע אירע מעלות. אָט די, דענק איך, וואָלט געוועזן דיינס גלייכן און איך וואָלט וועלן זאָלסט זיך מיט איר באַגעגענען. זי און איר גאַנצע פאַמיליע געפינט זיך איצט אין ניו־יאָרק. אמת, איך ווייס נישט זייער אַדרעס, אָבער איך וועל פּרובירן אים אויס־געפינען.

און די מומע סאָניע האָט אין דעם עסק נישט געשוויגן. זי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט; זי האָט אַריינגעגעבן אַן אַנאָנס אין אַ ניו־יאָרקער יידישער צייטונג, אַז די און די אין אַטלאַנטאַ זוכן יענע און יענע אין ניו־יאָרק און די וואָס ווייסן פון זיי און זייער אַדרעס זענען געבעטן צו לאָזן וויסן אין אַטלאַנטאַ אויף דעם און דעם אַדרעס!

עס האָט נישט גענומען לאַנג און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט די מומע סאָניע באַקומען זייער אַדרעס, טאַקע פון זיי אַליין.

— נו, — זאָגן זיי, סיי די מומע סאָניע און אויך דער פעטער שמיל — אָט האָסטו די געלעגנהייט, דו קומסט דאָך אָפט קיין ניו־יאָרק, וואָס קאָנסטו דאָ דערלייגן?

— הערט, פעטער, איר ווייסט דאָך זייער גוט, אַז אַפילו אַ „בת־מלכה" זאָל מיך באַגעגענען און וועלן פאַר מיר חתונה האָבן, וועל איך זיך נישט רירן אָן אייער הסכמה. און אַזוי ווי איך ווייס, אַז איר קלייבט זיך קיין ניו־יאָרק גאָר אין גיכן און איך דאַרף זיין ערשט אין עטלעכע חדשים אַרום, וואָלט געווען אַ גוטער פּלאַן איר זאָלט זיך דאָרט באַקענען מיט דער משפּחה און אַוודאי וועל איך נעמען אייער מבינות און עצה אין באַטראַכט, צי עס האָט פאַר מיר די ווערט צו פּטרן מיין צייט אין ניו־יאָרק אויף גאָרנישט?

דעם פעטערס מיינונג איז געווען, אַז אין אַזעלכע ענינים מוז איך אַליין זיין באַלעבאָס, דאָך האָט ער צוגעשטימט צום פּלאַן ער זאָל זיך דאָרט באַקענען מיט דער משפּחה און ספּעציעל מיט זייער טאָכטער, פון וועלכער די מומע סאָניע רעדט מיט אַזויפיל באַגייסטערונג.

רחל — די כלה פון מחבר (1910)

און אַזוי איז עס טאַקע געשען. פאַר דער צייט וואָס דער פעטער שמיל איז געווען אין ניו־יאָרק האָט די מומע סאָניע פשוט געציילט די טעג און ארויסגעקוקט אויף זיין קומען צוריק און אויף זיין באַריכט, וואָס ער וועט ברענגען מיט זיך, ווייל עס האָט איר אינטערעסירט אַלס מיין שדכנטע.

און אַט איז דער פעטער געקומען צוריק מיט אַ באַריכט וואָס פאַר אַ גוטן איינדרוק די פאַמיליע האָט אויף אים געמאַכט. ער האָט דאָרטן פאַרבראַכט זייער אַן אינטערעסאַנטן אָוונט מיט די מענטשן און גאָר באַ־זונדערס איז אים געפעלן זייער טאָכטער, פאַר וועלכער די מומע סאָניע האָט געהאַט אַזויפיל לויב, ווי זי וואָלט געווען איר אייגן קינד, און צו מיר האָט זיך דער פעטער געווענדעט מיט די ווערטער:

— ...און דו, דוד, טו ווי דו פאַרשטייסט. דאָס איז אַן איידעלער ענין און ער געהערט אינגאַנצן צו דיר אַליין — איך בין דאָ פולשטענדיק נייטראַל.

געפילט האָב איך, אַז דער פעטער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל דעם ענין נישט איגנאָרירן און אים נעמען ערנסט אין באַטראַכט. איך האָב אויך גוט געוווסט, אַז ווען דער פעטער זאָל פילן, אַז לויט זיין מיינונג דאַרף ער מיך צוריקהאַלטן פון „מיין גיין ווייטער", וואָלט ער בפירוש נישט געבליבן נייטראַל. האָב איך טאַקע ביי זיך באַשלאָסן, אַז אויף מיין קומענדיקער רייזע קיין ניו־יאָרק וועל איך זיך מעלדן צו זיי מיט אַ גרוס פון זייערע פריינט — פון דער מומע סאָניע און דעם פעטער ראובן, מיט וועלכע זיי זענען געווען פריינט נאָך אין רוסלאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז דער גרוס, וועלכן איך וועל צו זיי ברענגען וועט געדינט ווערן אַלס אַ תירוץ.

דער אמת איז, אַז איך האָב אַרויסגעקוקט מיט דערוואַרטונג זיך צו באַקענען מיט אַ מענטש פונעם אַנדערן מין, וואָס סיי די מומע סאָניע ווי אויך דער פעטער שמיל ריידן פון איר מיט אַ סך דרך ארץ.

האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז דער פעטער שמיל, וואָס איז דעמאָלט געווען אין „דזשאָבינג־ביזנעס" און פלעגט פאָרן קיין ניו־יאָרק זייער אָפט, און אים איז אויסגעקומען צו זיין אין ניו־יאָרק פונקט אין דער צייט וואָס איך בין געפאָרן צוליב מיינע געשעפטן. האָב איך דערפילט, אַז די גע־לעגנהייט וואָס דער פעטער וועט אויך זיין דאָרט אין דער זעלבער צייט, וועט זיין פאַר מיר אַ ביסל גרינגער דורכצופירן מיין פּלאַן זיך צו באַ־געגענען מיט די, מיט וועלכע דער פעטער איז שוין געווען באַקאַנט און היימיש.

און אַזוי איז טאַקע געווען: קומענדיק קיין ניו־יאָרק האָט דער פעטער

אונדזער עלטסטע טאָכטער צו איר ערשטן געבורטסטאָג

צו זיי געשריבן, אַז דעם און דעם אויפדערנאַכט קלייבן מיר זיך, דאָס הייסט, ער און זיין פּלימיעניק, זיי צו באַזוכן. מיר געפינען זיך אין דעם און דעם האָטעל און אויב מירן פון זיי נישט הערן, אַז דער דערמאָנטער אָוונט איז פאַר זיי נישט גינסטיק, האָפן מיר זיך מיט זיי צו באַגעגענען...

מיר האָבן דאָרט זייער גוט פאַרבראַכט ביז אין די פרימאָרגן־שעהען און כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז איך בין געקומען אַהער אויף אַן „אויס־שטעלונג", צוליב „עפּעס", האָב איך זיך דאָרט דערפילט היימיש און פריי. ווען איך בין פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר „איר", האָב איך באַמערקט, אַז זי האָט זיך אַ ביסל פאַררויטלט, אָבער זי איז באַלד געקומען „צו זיך". בכלל האָט זיך אין דער צייט פון אָוונט נישט געפילט קיין אָנגעצויגנקייט; עס האָט בכלל נישט געקאָנט זיין קיין געדריקטע און אָנגעצויגענע שטימונג אין אַ געזעלשאַפט, ווו דער פעטער שמיל האָט זיך געפונען, אגב איז דאָך געווען אַזויפיל מאַטעריאַל פון וואָס צו ריידן און שמועסן; קומען מיר דאָך אַלע דאָ וואָס זיצן ביים טיש, וואָס איז געווען באַדעקט און סער־ווירט מיט טיי און „וואַרעניע" (איינגעמאַכטס) — פונעם זעלבן ראַיאָן אין אוקראַינע; זענען מיר דאָך אַלע דאָ געלאָפן פון פּאָגראָמען און רע־וואָלוציע; שטייען מיר דאָך דאָ פאַר אַ ניי לעבן; דאָס לעבן אין ניו־יאָרק, אין פאַרגלייך מיט דער פּראָווינץ, ספּעציעל די „סאָוט" — און נאָך און נאָך טעמעס פון וואָס צו שמועסן. בקיצור, עס איז געווען אַ געלונגענער אָוונט, אָן אַ פּיצל אָנגעשטרענגטקייט און ווען עס איז געקומען שפּעט אין אָוונט צו געזעגענען זיך און איך האָב אַ פרעג געטון ביי „איר", צי קענען מיר זיך נאָך אַ מאָל טרעפן אין די טעג ווען איך וועל זיך געפינען אין ניו־יאָרק, איז דער ענטפער געווען:

— פאַרוואָס נישט ?!

האָבן מיר זיך פאַר דער צייט טאַקע געטראָפן אייניקע מאָל, פאַר־בראַכט, געגאַנגען אין מוזייומס און אַנדערע פּלעצער און ווען איך האָב זיך מיט איר פאַר מיין אָפּפאָרן פון ניו־יאָרק געזעגנט און איר באַדאַנקט פאַר די אָנגענעמע שעהען, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען און זי געפרעגט, צי וואָלט זי מיר געענטפערט ווען איך שרייב צו איר פון אַטלאַנטאַ, איז איר ענטפער געווען:

— ווי דען אַנדערש ?!

פאָרנדיק צוריק אַהיים האָט דער פעטער פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס מכוח „אַכצן־און דרייצן" און איך האָב אים גלייך געענטפערט, אַז איך

מיין, אַז איך האָב דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיינס גלייכן. און דערווייל וועלן מיר זיך דורכשרייבן.

איך האָב אים אויך געזאָגט, אַז איך דענק, אין אייניקע חדשים אַרום נאָך אַ מאָל צו זיין אין ניו־יאָרק און איך האָף זיך מיט איר צו טרעפן.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדז אַ קאָרעספּאָנדענץ — און וואָס מער, וואָס לענגער אונדזער שרייבן איינער צום צווייטן האָט אָנ־געהאַלטן, אַלץ מער האָב איך אָנגעהויבן צו פילן, אַז איך ווער אַ ביסל „פאַרטשאַדעט"; איך קוק צו פיל און צו שטאַרק אַרויס אויפן בריוו־טרעגער; איך האָב אויך דערפילט אין אירע בריוו, און „צווישן די שורות" וועגן נאָך אַ מאָל זיך צו טרעפן.

איך האָב איין מאָל באַקומען פון איר אַ בריוו אין אַ שיינעם, ריינעם העברעיש. איך האָב פון דעם בריוו זייער הנאה געהאַט. איך האָב שוין געוווּסט פון פריער, פון אונדזערע שמועסן, אַז זי לייענט פריי העברעיש. מיר פלעגן ריידן וועגן די שרייבער און ביכער, וואָס זענען אונדז ביידן געווען באַקאַנט אין דער העברעישער ליטעראַטור.

די מומע סאָניע האָט דערשמעקט אין מיר, אַז דער „עסק גייט אַ גאַנג" און זי איז געווען „אין זיבעטן הימל". זי האָט מיר אַמאָל פאַר־געשלאָגן, אַז איר „שדכנות־געלט" — אין אַ שפּאַס, פאַרשטייט זיך — זאָל זי קריגן מיט דעם, וואָס איך זאָל זי געבן צום לייענען אונדזער קאָרעספּאָנדענץ, פון וואָס איך האָב זיך גלייך אָנטזאָגט. דעם פעטער שמיל האָב איך געגעבן צו לייענען אירע בריוו אין העברעיש. איך האָב דאָס אים אַליין אָנגעבאָטן. פאַר אים האָב איך גאָרנישט אויסבאַהאַלטן.

אַזוי האָט אונדזער קאָרעספּאָנדענץ אָנגעהאַלטן עטלעכע חדשים ביז איך בין געקומען נאָך אַ מאָל קיין ניו־יאָרק. אָבער, ווי איך געדענק זענען מיינע געדאַנקען דעמאָלט געווען פאַרנומען מער מיט איין מענטש, מיט וועלכן איך האָב געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ, ווי מיטן גאַנצן צעטל פאַב־ריקאַנטן, צו וועלכע איך בין געקומען איינקויפן סחורה פאַר מיין געשעפט.

מיר האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, געטראָפן זייער אָפט און וואָס מער מיר האָבן זיך געטראָפן האָב איך ביי זיך באַשלאָסן צו זיין אין ניו־יאָרק אַזוי לאַנג און אָן אַ גרענעץ, מחמת מיר זענען שוין געווען פאַרליבטע און אַפילו צעקריגטע. דער „קריג" איז פאַרשטייט זיך, געווען אַן אידעאָ־לאָגישער. אונדזערע חילוקי דעות זענען געווען אַ „מחלוקת לשם שמים". דהיינו: בעת אונדזערע לאַנגע שפּאַצירן און שמועסן זענען מיר געקומען איבערן „עניני דיומא", וואָס איז דעמאָלט, אינעם יאָר 1910 אָנגעגאַנגען

אין ניו־יאָרק אויף דער „איסט־סייד" מיטן סוועט־שאַפּ און דעם קאַמף און אָרגאַניזירונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זענען מיר ביידע געווען איינפאַרשטאַנען, אַז דער יושר, די מאָראַל, די עטיק פעלט נאָך גאָר אויס איבער דער וועלט.

זאָגט זי:

— נו, מילא, ויעלט ווי די וועלט, זאָל זיך די וועלט זאָרגן, אָבער יידן דאַרפן האָבן אַן אייגן לאַנד!

זאָג איך:

— איך בין, חלילה, נישט דאַקעגן, אַז יידן זאָלן האָבן אַן אייגן לאַנד. עס איז נאָר — זאָג איך — ערשטנס, אַ פראַגע ווו, ווען, ווי אַזוי, און צווייטנס — זאָג איך — אַז די וועלט וועט ווערן יושרדיק וועט דאָך במילא אויך פאַר יידן ווערן בעסער. — און איך ברענג איר אַ ביישפּיל: — זע — זאָג איך — אַט זענען מיר ביידע אַנטלאָפן פון אַ שלעכטער וועלט, פון צאַרישן פאָגראָמען־לאַנד און אַט געפינען מיר זיך אין דער פרייער אַמע־ריקע, אין דער בעסערער וועלט. געניסן מיר דאָך יידן אויך פון דער בעסערער אַמעריקע!

זאָגט זי:

— דאָס מעג טאַקע זיין ריכטיק, אָבער יידן מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד!

זאָג איך און איך ברענג איר אַ ראיה פון אונדזערע נביאים דעם פסוק „לתקן עולם במלכות שדי" און איך באַטאָן שטאַרק און קוועטש דעם „עולם", ס'הייסט די וועלט (זי האָט פאַרשטאַנען דעם טייטש פון פסוק, מחמת, ווי איך האָב פריער דערמאָנט, איז די העברעישע שפּראַך פאַר איר נישט געווען פרעמד).

זאָגט זי:

— דאָס יידישע פאָלק מעג טאַקע זיין שטאָלץ און זיך גרויסן מיט דער מאָראַל און עטיק, וואָס אונדזערע נביאים האָבן געפּריידיקט, אָבער דאָס האָט גאָרנישט צו טון מיט דעם, אַז מיר זאָלן נישט פאַרמאָגן קיין אייגן לאַנד.

זאָג איך:

— שאַ! ווייסטו גאָר וואָס, איך האָב אַ פּלאַן, אַן אויסוועג צו אונדזערע חילוקי דעות, דהיינו: איך וועל נעמען אויף זיך די וועלט, און פּרובירן זען מאַכן אַ שטיקל טאָלק מיטן הינטערשטעליקן, פאַרנאַכלעסיקטן און פאַרגעסענעם נביאישן צדק און יושר, און דו פּרוביר און זע וואָס דו קאָנסט אויפטון מכוח אַן אייגן לאַנד פאַרן יידישן פאָלק. אגב — זאָג איך

משפחה דייוויס אין יאָר 1922

צו איר — צוליב אַזעלכע נישטיקייטן און קליינִיקייטן וועלן מיר דאָך נישט נעמען מיט אונדזערע אייגענע הענט און צעשטערן דעם פֿאַקט, וואָס צוויי מענטשן האָבן זיך ליב און שטרעבן צוזאַמען צו בויען זייער צו־קונפֿטיקע היים? —

זאָגט זי:

— אָט מיט דעם בין איך מיט דיר אינגאַנצן איינשטימיק — און ביי דעם האָבן מיר פֿאַרענדיקט אונדזער שמועס — מיט אַ קוש — וואָס דאָס האָט שוין געמיינט, אַז מיר זענען געוואָרן חתן־כלה.

איך בין פֿאַרבליבן אין ניו־יאָרק נאָך עטלעכע וואָכן, געהאַלטן אין שמועסן מכוח „תכלית" — ווו, ווען און ווי אַזוי. איך האָב זיך צוגעקוקט צו איר פֿאַמיליע, מיינע צוקונפֿטיקע שווער און שוויגער מיט זייערע זיבן קינדער, פֿון וועלכע די עלטסטע, מיין כלה, און איר יינגערע שוועסטער זענען געווען, כמעט, די איינציקע פֿאַרדינערינס אין דער משפּחה. איר פֿאָטער, זייער אַן איידעלער מענטש, איז געווען אין דער „היים" אַ סוחר, אַן אָנגעזעענער מענטש און באַלעבאָס, אַ משכיל, אַ יודע ספר, אַ העב־רעער — געווען פֿון די איידעלע טיפּן יידן, וואָס עס איז זיי געווען זייער שווער זיך צוצופּאַסן צום אַמעריקאַנער לעבן בכלל און צו די איסט־סיידער פּרנסות און מסחרים בפרט. אין יענע יאָרן זענען די פֿאַרדינסטן פֿון די צוויי עלטערע קינדער אין דער משפּחה, געווען אַ גרויסע הילף צום אויסקומעניש פֿאַר דער פֿאַמיליע. צוקוקנדיק זיך צו דער לאַגע בין איך געשטאַנען פּנים־אל־פּנים פֿאַר אַן ערנסטער דילעמע.

דערפֿילט האָב איך, אַז עס עפּנט זיך פֿאַר מיר אַ ניי בלאַט אין מיין לעבנס־גאַנג און אין מיינע געדאַנקען זענען געלאָפֿן פֿאַרשיידענע פּלענער, דהיינו: זאָל איך ליקווידירן אַלץ אין אַטלאַנטאַ און ווערן אַ ניו־יאָרקער, וואָס דאָס האָט געמיינט נאָך אַ מאָל אָנפֿאַנגען עטאַבלירן זיך אויפֿסניי, אָנפֿאַנגען פֿון „א" אין דעם גרויסן, קאָכעדיקן קעסל־גרוב ניו־יאָרק, וואָס דאָס וואָלט געווען פֿאַר מיר זייער, זייער שווער, אָדער חתונה האָבן דאָ אין ניו־יאָרק און נעמען מיין פֿרוי קיין אַטלאַנטאַ, ווו איך בין שוין אַן עטאַבלירטער אין אַלע הינזיכטן און דאָרטן אָנפֿאַנגען אונדזער ניי לעבן אויף אַ סך אַ גרינגערן אופֿן ווי דאָ, אין ניו־יאָרק. האָב איך אָבער ביי דעם געדאַנק — נעמען זי קיין אַטלאַנטאַ — געהאַט אַ מין שולד־געפֿיל. איך האָב געטראַכט, אַז ס׳וואָלט נישט געווען יושרדיק פֿון מיין זייט, נישט נאָר אַוועקצונעמען זייער עלטערע טאָכטער אין די מרחקים, טויזנט מייל אַוועק פֿון זיי, נאָר אויך דאָס וואָס זיי וועלן אָנווערן דעם צושטייער פֿון

אונדזערע דריי טעכטער — פון רעכטס צו לינקס: חנה, מרים און דבורה

אירע פאַרדינסטן פאַר דער פאַמיליע. עס איז מיר אַפּילו דורכגעגאַנגען אַ געדאַנק וועגן אַריבערנעמען די גאַנצע משפּחה קיין אַטלאַנטאַ. אגב האָב איך ווידער געטראַכט, האָבן אירע עלטערן און אויך זי, עפּעס צו זאָגן וועגן דעם זייער וויכטיקן ענין.

האָבן מיר אַלע טאַקע געהאַט אַן ערנסטן שמועס, אַנאַליזירט דעם ענין פון אַלע זייטן, און מאָדנע — ווען איך האָב דערמאָנט און געפרעגט, ווי וואָלטן זיי באַטראַכט דעם ענין, דעם פּלאַן, אַז די גאַנצע משפּחה זאָל זיך איבערציען קיין אַטלאַנטאַ — האָב איך דערזען און דערפילט, אַז זיי וואָלטן געווען פּשוט גליקלעך... ערשטנס, זיין אַלע צוזאַמען, און צווייטנס (און דאָס איז ביי זיי געווען דער עיקר) — אַנטלויפן פון ניו־יאָרק!

איז געבליבן איך זאָל דערוויַיל צוריק פאָרן קיין אַטלאַנטאַ און זען ווי אַזוי און ווען דורכצופירן דעם דאָזיקן פּלאַן מכוח „אל הפועל".

נאָך דעם עפנטלעכן שמועס און פּלאַן איז מיר געוואָרן אַ סך גרינגער. איך האָב כסדר געפילט, אַז דער פעטער שמיל וועט שוין דעם פּלאַן העלפן דערליידיקן. איז עס דען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר העלפן גאַנצע משפּחות צו עטאַבלירן זיך אין אַטלאַנטאַ?

אין אַ פּאָר טעג נאָך דעם דאָזיקן שמועס האָב איך מיט זיי זיך אָפּ־געזעגנט און געקומען צוריק קיין אַטלאַנטאַ און, קודם־כל, דורכגעגאַנגען מיטן פעטער שמיל דעם גאַנצן ענין און מיט אַלע איינצלהייטן און — גלייך זיך גענומען צו דער אַרבעט.

די אַרבעט איז באַשטאַנען קודם־כל צו זען אַ פּאַסיקע דירה פאַר דער משפּחה פון ניין מענטשן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אַ שפּייז־געשעפט, ווו די יינגערע טאָכטער, דער כלהס שוועסטער, וואָס איז שוין געווען אַמעריַ־קאַניזירט זאָל קאָנען אַרויסהעלפן וואָלט, דערוויַיל, פאַר זיי געווען ווי אָנ־געמאָסטן. האָבן מיר דאָס אויך באַזאָרגט. מיר האָבן אויך אָוועקגעשריבן צום „היאַס" אין ניו־יאָרק, אַז די און די פאַמיליע פון ניו־יאָרק פּלאַנירט זיך באַזעצן אין אַטלאַנטאַ און וועט זיך נויטיקן אין טראַנספּאָרטאַציע־הילף און מיר בעטן זיי זאָלן זיי אַרויסהעלפן ווי וויַיט מעגלעך — און מיר דאַנקען זיי פאַרויס.

פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ וואָס מיר האָבן, דאָ, אין אַטלאַנטאַ באַזאָרגט און אַראַנזשירט האָב איך זיי געלאָזט וויסן.

אין אַן ערך דריי־פיר חדשים אַרום איז מיין כלה מיט איר גאַנצער פאַמיליע אָנגעקומען קיין אַטלאַנטאַ. דאָס איז געווען אַרום סוף יאָר 1910. און אינעם חודש אויגוסט 1911 איז געווען אונדזער חתונה...

דער מחבר און זיין פרוי אין יאָר 1957 — נאָך זייער רייזע קיין מדינת־ישראל

און אַזוי זענען מיר אָפּגעגאַנגען, ביז איך שרייב די שורות אין דע־צעמבער 1972, אַ חשבון פון איין און זעכציק יאָר און מיר שפּאַנען אַריין אינעם צוויי און זעכציקסטן יאָר, זינט אונדזער חתונה, מיט אַ „מאַיאָנטעק״ און מיט אַ פאַרמעגן — נישט פון דאָלאַרן — איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין „אָץ להעשיר״. מיר האָבן אָבער די אַלע יאָרן געלעבט באַקוועם. אונדזער „מאַיאָנטעק״, אונדזער אוצר באַשטייט פון דריי זייער ווױלע, געראָטענע, אויסגעצייכנטע טעכטער, — שייך צו זאָגן געראָטענע — וועלכע טעכטער זענען נישט געראָטן אין די אויגן פון טאַטע־מאַמע? אגב, ווי קאָן אונדזער „טרויקע״ זיין נישט געראָטן, ווען סיי זייער מאַמע רחל, ווי אויך זיי טראָגן אַזעלכע ביבלישע נעמען ווי חנה, דבורה, און מרים?.

מיר האָבן זיך אויך נישט וואָס צו באַקלאָגן אויף אונדזערע גאָר, גאָר פיינע איידעמס — און, פאַרשטייט זיך, אונדזערע אייניקלעך און אור־אייניקלעך טראָגן צו אַ גאַנץ פיינעם חלק צו אונדזער „מאַיאָנטעק״.

כמעט אונדזערע אַלע משפחות געפינען זיך דאָ אין אַטלאַנטאַ, אַרום אונדז. איז אַ וואָסער רייכקייט, וועלכער געלט־אוצר קאָן פאַרנעמען, פאַרבייטן דעם „שבת משפחות גם יחד״?

אינעם יאָר 1957 האָבן מיר, איך און מיין פרוי רחל, געמאַכט אַ רייזע קיין מדינת ישראל. מיר האָבן דאָרטן פאַרבראַכט ניין און צוואַנציק טעג. דאָס זענען געווען ניין און צוואַנציק אומפאַרגעסלעכע טעג עד היום הזה. איך האָב יעדן טאָג געפילט און נישט פאַרגעסן, אַז איך לעב אָן אַ „יעוור־רייסקי וואָפּראָס״, אָן דער „יידן־פראַגע״ — אָט די „יידן־פראַגע״, וואָס איז מיר נאָכגעגאַנגען אַלע יאָרן פון מיין לעבן, שוין אָפּגערעדט פון מיינע יונגע יאָרן אין רוסלאַנד, נאָר אַפילו אין דער פרייער אַמעריקע. און נישט נאָר אַ יידן־פראַגע מיט איר שייכות פון דער נישט־יידישער וועלט צום יידישן פאָלק, נאָר אַפילו די ספּעציפישע יידישע אינערלעכע פּראָ־בלעמען ווי: אַסימילאַציע, המשך, חינוך, שפּראַך, יידישע קולטור, אא״וו — פראַגן און פּראָבלעמען אַזעלכע, וואָס מיר, יידישע פאָלקס־מענטשן, ראַנג־לען זיך כסדר מיט זיי איבער דער גאַנצער וועלט, ווו נאָר מיר געפינען זיך.

אָט־אָ דאָס גאַנצע פּעקל פראַגן און פּראָבלעמען האָב איך אין משך פון די 29 טעג אין מדינת ישראל פאַרלוירן און איך האָב געהאַט אַן איבער־לעבונג, וואָס איך קען עס נישט אויסדריקן אין ווערטער...

מיר האָבן אויך דעמאָלט, בלויז זיבן־אַכט יאָר פון דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, געזען דעם מאָדערנעם פּראָגרעס ווען דער אַרבעטער ציוניזם דורך דער הסתדרות האָט דעמאָלט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אויף

אַלע געביטן פון דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן, קולטורעלן און סאָציאַלן לעבן פון דער מדינה. אין יענע יאָרן האָט מען געקאָנט זען, פילן און האָפן, אַז מדינת ישראל גייט אויפן וועג, וואָס שטרעבט צו זיין אַן „אור לגויים״ און נישט „ככל הגויים״ און מיר האָבן שטאַרק, שטאַרק הנאה געהאַט פון אונדזער באַזוך.

ספּעציעל זי, רחל, וואָס האָט געזען פאַרווירקלעכט איר לעבנס־חלום פון אַ עם ישראל במדינת ישראל. פאַרוואָס זאָג איך „ספּעציעל זי״? דערפאַר, וואָס מיין צוגאַנג בכלל צו געזעלשאַפטלעכע, וועלטלעכע דערשיינונגען און געשעענישן, און אויך יידישע, טראָגן נישט קיין פּאַרטייאישן כאַראַקטער. איך בין, בעת מיין באַזוך אין מדינת ישראל געווען באַגייסטערט פון אַלץ וואָס איך האָב דאָרט געזען, געהערט און געלערנט. איך בין עס נאָך ביז היינט־צו־טאָג און וועל עס נאָך ווייטער זיין מיט מיין אָפּשאַצן און שטיצן די יידישע מדינה; איך האָב אָבער אין אַלע מיינע דערוואַקסענע יאָרן זיך אויסגעהיט פון פאַרשליסן זיך אין די ענגע ראַמען פון וועלכער נישט איז פּאָליטישער פּאַרטיי. איך האָב כסדר געוואָלט און וויל זיין פריי אָפּצושאַצן געשעענישן און אַפילו קריטיקירן לויט מיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן — לויט זייער ווערט, נישט זייענדיק געבונדן דורך אַ פּאַרטיי־קאַרטל.

און אַזוי ווי דאָס וואָס איך פאַרצייכן דאָ איצט, זענען עס די לעצטע שורות פון מיין לעבנס־גאַנג אין מיינע זכרונות — וועט כדאי זיין אונטער־צושטרייכן, אַז קודם־כל, ווען עס קומט צו געזעלשאַפטלעכע געשעענישן זענען מיינע סימפּאַטיעס אַלע מאָל און כסדר מיט די געקריוודעטע, באַ־עוולטע אָרעמע און עקספּלאָאַטירטע.

איך וויל אויך באַמערקן, אַז אין אַלע מיינע דערוואַקסענע יאָרן ביז איצט, בין איך געבליבן אַ ליבהאָבער־אַנהענגער פון אונדזער רייכער, יידישער און העברעישער ליטעראַטור. און ווען עמעצער וואָלט מיך גע־פרעגט — אין וואָס, אין קורצן דריקט זיך אויס אַממערסטן מיין לעבנס־אַנשויונג, וואָלט מיין ענטפער געווען:

„איך בין אַ שטאַרקער נאָכפאָלגער פון אונדזער גרויסן ייד, טיפן דענקער און פילאָזאָף — דאָקטאָר חיים זשיטלאָווסקי און זיין פילאָזאָפיע ייד — מענטש.

☆

און אַט דאָס איז, לויט מיין זכרון, דער סך־הכל פון מיין לעבנס־גאַנג, וואָס לויט זיין אינהאַלט און כאַראַקטער, מיינט עס:

אַט גייט — אָדער — אַט איז געגאַנגען אַ מענטש.

און איך פאַרענדיק מיטן טראַדיצאָנעלן — חזק, חזק!

א י נ ה אַ ל ט

אָנערקענונגען 7

פֿאָרוואָרט פון משה פרייליכאָוו 8

אַ שטיקל הקדמה צו אַ ביסל זכרונות 10

שטאָט נומער איינס — טערניוקע 13

קאַפּיטל 1. שטאָט נומער איינס 15

קאַפּיטל 2. דאָס גייסטיקע לעבן פון די טערניוקער יידן . . 17

קאַפּיטל 3. מיינע קינדעריאָרן אין טערניוקע 20

קאַפּיטל 4. מיינע אייניקע יאָרן אין קלויז 23

קאַפּיטל 5. מיין באַשלוס צו ריידן מיטן זיידן 27

קאַפּיטל 6. איך פֿאַרלאָז טערניוקע 28

שטאָט נומער צוויי — נעמיראָוו 33

קאַפּיטל 7. די נייע סביבה — נעמיראָוו 35

קאַפּיטל 8. מיין איבערגאַנג פון סידור צום בוך 38

קאַפּיטל 9. מיינע נייע חברים 41

קאַפּיטל 10. מיין שטעלע 44

קאַפּיטל 11. ר׳ חיים דערקלערט מיר די אַרבעט 47

קאַפּיטל 12. מיר געפעלט דאָס געשעפט 51

קאַפּיטל 13. געוואָרן נוצלעך אין געשעפט 53

קאַפּיטל 14. זיך צוגעכאַפּט צום פעטערס ביבליאָטעק 55

קאַפּיטל 15. די גימנאַזיע 57

קאַפּיטל 16. פון סקלאַד צום וואַלד 62

קאַפּיטל 17. מיין אַרבעט אין וואַלד 65

קאַפּיטל 18. דער פּריזיוו 68

קאַפּיטל 19. איך פֿאָר קיין אַמעריקע 70

קאַפּיטל 20. די גרענעץ 75

קאַפּיטל 21. רייזע צו דער שיף 78

קאַפּיטל 22. די באַגעגעניש מיט לייזערן 81

קאַפּיטל 23. אַ מעשה מיט אויגן 84
קאַפּיטל 24. אַ גוטער סוף 88
קאַפּיטל 25. מיין מכניס אורח אין ניו־יאָרק 93
קאַפּיטל 26. מיין באַגעגעניש מיט מיין חבר לייבל 97
קאַפּיטל 27. מיינע איינדרוקן פון יידישן טעאַטער 103
קאַפּיטל 28. דער קולטור־יאַריד אין ניו־יאָרק און דער סוועט־שאַפּ 106
קאַפּיטל 29. אויפן וועג קיין האַרטפאָרד 116
קאַפּיטל 30. אין האַרטפאָרד מיט מיינע אייגענע 123
קאַפּיטל 31. מיין ערשטע אַרבעט אין פאַבריק 128
קאַפּיטל 32. מיין קרענק פון דער שווערער אַרבעט 132
קאַפּיטל 33. צום „היאַס" אין ניו־יאָרק 134
שטאַט נומער דריי — אַטלאַנטאַ 139
קאַפּיטל 34. מיינע „גרינע" יאָרן אין דער סאַוט 141
קאַפּיטל 35. דער יידישער פּאַליסמאַן 144
קאַפּיטל 36. מיינע ערשטע טעג אַלס פּעדלער 147
קאַפּיטל 37. די „קאַטן־מיל" 151
קאַפּיטל 38. די ענגליש־יידישע ווערטער 154
קאַפּיטל 39. מיין ערשטע וואָך „פּעדלען" אַ דערפאָלג 156
קאַפּיטל 40. פּאָגראָם אויף שוואַרצע אין אַטלאַנטאַ (1906) . . 160
קאַפּיטל 41. די „שוואַרצע רעוואָלוציע" אין די פופציקער יאָרן . 163
קאַפּיטל 42. מיין פּעדלען אין די שטעטלעך און צווישן די פאַרמערס 165
קאַפּיטל 43. הכנסת אורחים פון פאַרמערס צום „פּעדלער" . . . 171
קאַפּיטל 44. איך ווער אַ מיטגליד אין „לאָדזש" ברית אברהם . . 173
קאַפּיטל 45. פעטער שמיל קומט קיין אַמעריקע 178
קאַפּיטל 46. דער „אַרבעטער־רינג" אין אַטלאַנטאַ
און די יידישע קינדער־שול 182
קאַפּיטל 47. דער געדאַנק וועגן אַ שותפות־געשעפט 188
קאַפּיטל 48. דער פּלאַן — פעטער שמיל זאָל זיין דער פאַרוואַלטער 191
קאַפּיטל 49. איך פאָר מיט שמילן קיין ניו־יאָרק איינקויפן . . 195
קאַפּיטל 50. דער דורכפאַל פון שותפות־געשעפט 197
קאַפּיטל 51. דער „לעאָ פרענק"־פּראָצעס 200
קאַפּיטל 52. שטילשטאַנד נאָכן לעאָ פרענק פּראָצעס 205
קאַפּיטל 53. די וועלט־מלחמה אין 1914, יידישע סאָלדאַטן
אין אַטלאַנטאַ 206

קאַפּיטל 54. גערעאַטעוועט נאָך אַ משפּחה 211
קאַפּיטל 55. דער נייער האַנדלס־סיסטעם פון מאַקס בלאַנק . . 214
קאַפּיטל 56. דער היסטאָרישער אויפבלי פון אַטלאַנטאַ 218
קאַפּיטל 57. ליכט און שאָטן פון דער יידישער אַטלאַנטאַ . . . 221
קאַפּיטל 58. איך בוי פאַר זיך אַ היים 225